STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00662

DER BRENENDIKER DORN

Sholem Asch

Permanent preservation of this book was made possible
by Katherine, Deborah, Henry & Grandchildren
in honor of
Bernard & Joan Wasserman's 25th anniversary

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אַש
דער ברענענדיקער דאָרן

שלום אַש

דער ברענענדיקער דאָרן

אַרויסגעגעבן פֿון דעם פֿאַרלאַג פֿונעם
אידישן פֿראַטערנאַלן פֿאָלקס-אָרדן

ניו-יאָרק

DER BRENENDIKER DORN
By SHOLEM ASCH

Copyright, 1946, by
BOOK LEAGUE
of the
Jewish Peoples Fraternal Order, I. W. O.
80 Fifth Avenue,
New York 11, N. Y.

Printed in U. S. A.
158

SE

אינהאַלט

יתגדל ויתקדש 11
אַ קינד פֿירט דעם וועג 35
קריסטוס אין דער געטאָ 53
אַ קינד, שנת תש״ה 75
וואַרשע 85
אַ קינה 113
די מצווה צו לעבן 127
אַ בריוו פֿון אַ פֿאָטער צו אַ זון 171
פֿיר ברידער זיינען מיר געוועו 175
האַלט אויס! 193
טאַלנע וועט לעבן! 227
יידישע אויגן 239
טריאומף־מאַרש 271

MAY 17 1978

„וירא והנה הסנה בער באש והסנה איננו אכל.“
(שמות ג׳, ב׳)

„און ער האָט געזען, ערשט דער דאָרן ברענט
אין פֿייער, און דער דאָרן ווערט ניט פֿאַרצערט.“

יתגדל ויתקדש...

ווען די געשטאַפּאָ־לייט האָבן איטשע־מאירן אַריינגעבראַכט אין דעם הויף פון זאַמל־פּונקט פאַר יידן אויף פּראַגע, וואַרשע, האָט עס אַרויסגערופן אַ סענסאַציע, אַן אויפזען, אַ רעש, אַ פרייד אַפילו, קאָן מען זאָגן, ביי די אַנדערע געשטאַפּאָ־לייט, וואָס האָבן גראָד דעמאָלט זיך געפונען אין דעם גרויסן הויף. דער טרופּן־לייטער אַליין, אַ יונגערמאַן אין די צוואַנציקער, מיט שוואַרצע וואָנצעלעך און קליינע, בראָנז־געגאָסענע, פאַרגלי־ווערט־שטיין־געבליבענע אויגן, איז אַרויסגעקומען פון זיין ביוראָ צו באַגריסן איטשע־מאירן. דורך דער צייט וואָס די געשטאַפּאָ האָט פאַרלייגט איינעם פון אירע זאַמל־פּונקטן פאַר יידן אויף פּראַגע אין דעם ציגלנעם הויז פון אַ געוועזענער קינדער־שולע, אין מיטן אַ גרויסן הויף, האָבן זיי אָנגעזען פאַרשיידנאַרטיקע יידן, וואָס מען האָט זיי געבראַכט אַריינצושלעפּן אויף אַרבעט, וואָס מען האָט זיי אַראָפּגענומען פון גאַס אָדער אַרויסגעפירט פון הייזער. עס זיינען געווען צווישן זיי יידן אין קורץ־אייראָפּע־אישע קליידער, מיט גלאַט־געגאָלטע בערד, וואָס האָבן זיך פאַר־שטעלט פאַר „אַריער" און ריכטיקע יידן אין לאַנגע קאַפּאָ־טעס, מיט פול־געוואַקסענע בערד. אָבער אַזאַ פולבלוטיקן „יודע" האָבן זיי נאָך נישט געזען. די יידישקייט האָט אַראָפּגע־שריען פון איטשע־מאירן מיט הילכיקע קולות. זיין באָרד איז געווען פול, געדיכט, שוואַרץ און גלאַנצנדיק מיט שטראַלנ־דיקע כוחות פון יידישקייט. זיינע שוואַרצע פיאות, געקרייזלטע אין לאַנגע צעפּ, האָבן געציטערט איבער זיינע צוויי געדיכטע

באקן-בערד. זיינע אויגן — גרויס, שווארץ, אומרואיק, שטראלנ-דיק. היינט זיין קליידונג: אַ צעריסענער גלאַנציק-אַטלעסענער ראָק, מיט אַ גארטל פֿארצויגן, און דער עיקר, די ווייס-באַזאָקטע פּיס, אַרויסקוקנדיק פֿון די צוויי שפּאַלטן פֿון זיין לאַנגן כאַלאַט. זיי זיינען געשטאַנען, די געשטאַפּאָ-לייט, אַרום אים און פֿאַר נחת נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. זיי האָבן געשטאַרט אויף דעם פּעטן ביסן און געציטערט פֿאַר פֿרייד. אַפֿילו דער טרופּן-לייטער, די הענט פֿארשטעקט אין זיינע הויזן-קעשענעס, האָט געקוקט אויף איטשע-מאירן — און זיין ערנסט, פֿאַרביסן פּנים איז אויסגעווייכט געוואָרן דורך אַ דינעם נחתדיקן שמיי-כעלע, וואָס האָט געשפּילט איבער אים. זייערע אַלעמענס אויגן האָבן זיך געבאָדן הנאָהדיק אין דעם אָנבליק פֿון זייער קרבן, וואָס שטייט פֿאַר זיי.

— ווי הייסטו, יודע? — האָט אים איינער געפֿרעגט.

— איטשע-מאיר ראָזענקראַנץ.

— איטשע-מאיר ראָזענקראַנץ? אַ שיינער נאָמען! נאָך ראָזענקראַנץ דערצו! — האָבן די געשטאַפּאָ-לייט געלאַכט.

— און וואָס איז דיין באַרוף, יודע?

— ראַבינער.

— ראַבינער! אַ שיינער באַרוף! און ווער ביסטו?

איטשע-מאיר, וואָס פֿון דער ערשטער רגע אָן, וואָס די געשטאַפּאָ-לייט האָבן אים פֿאַרכאַפּט, האָט ער אָפּגעמאַכט דעם סך-הכּל און איז גרייט געווען אויף אַלץ, איז אינעווייניק אין זיך געווען רואיק. ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין נערוועזיש-קייט. אַפֿילו זיינע באַלעבאַט-גלאַנציקע אויגן זיינען פֿאַרשטאַרט געווען אין די טייכלעך פֿון זייער געל-ווייסיקייט.

— יודע, פֿאַרשטענדלעך — האָט איטשע-מאיר געענטפֿערט אויף דער פֿראַגע, וואָס איז אים נישט גאָר קלאָר געווען.

— יודע, פֿאַרשטענדלעך! דאָס איז גרויסאַרטיק! — האָבן די געשטאַפּאָ-לייט ווייטער געלאַכט.

נאָר דער טרופּן־פּירער האָט דאָס שמייכעלע פֿון זיין פּנים פֿאַרשלונגען אין זיך. זיין פּנים איז ווידער ערנסט געוואָרן. ער האָט געוואָלט אַ סוף מאַכן צו דער קאָמעדיע, אָבער דער „יודע״ איז געווען אַזוי „קעסטלעך״, אַז אוצר, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט העלפֿן נישט צו לאָזן זיינע בליקן זיך באָדן נאָך אַ ביסל אין דעם יידישן אָנבליק. זיין פּנים איז איצט ערנסט געווען, ווי דאָס פּנים פֿון אַ קאַץ, ווען זי האַלט די מויז אין געוואַלט־צוואַנג פֿון אירע לאַפּעס און קוקט אַזוי אויף איר מיט איר דורכדרינג־גענדיקן בליק. דאָ האָט אָבער געפֿעלט דער טויט־שרעק, וואָס קוקט אַרויס פֿון דער מויז׳ס אויגן. דער ייד האָט נישט אַרויס־געוויזן קיין שום אָנגסט פֿון שרעק. זיינע אויגן האָבן קיין פּינטל נישט געגעבן, זיין הויכע פֿיגור האָט זיך נישט באַוועגט, זיינע ליפּן האָבן נישט געציטערט. ער איז געשטאַנען, אַ פֿאַרשטיי־נערטער. דאָס פֿעלן פֿון שרעק ביים יידן האָט געשטערט דעם טרופּן־פּירער אין זיין הנאהדיקן אָנקוקן דעם קרבן, האָט אים דענערווירט. ער האָט פּלוצלונג געגעבן אַ שטרעק־אויס זיין האַנט — און זיינע פֿינגער האָבן אין איין רגע זיך איינגעוויקלט אין די האָר פֿון דעם יידנס איין העלפֿט פּנים, פֿאַרכאַפּנדיק זיין פּיאה, אַ שטיק פֿון זיינע וואָנצעס און בינטלעך באַקן־בערד, וואָס האָבן געדיכט און סאָליד אָנגעפּילט די גרויסע דלאָניע.

— זאָגע: יודע שוויין — האָבע קיינע ערע! — האָט דער טרופּן־פּירער אויסגערופֿן.

איטשע־מאיר האָט נאָכגעזאָגט:

— יודע שוויין — האָבע קיינע ערע!

— העכער!

— יודע שוויין — האָבע קיינע ערע!

— נאָך העכער!

— יודע שוויין — האָבע קיינע ערע! — האָט איטשע־מאיר געשריען אויפֿן קול.

דאָ האָט דער טרופּן־פֿירער געגעבן אַ צי זיין האַנט. אָבער די האָר זיינען געזעסן אַזוי שטאַרק אין איטשע־מאירס פֿלייש, אַז זיי האָבן נישט נאָכגעגעבן.

— פֿערפֿלוכט! — האָט דער טרופּן־פֿירער אויסגערופֿן — און אַ שטאַרקערן צי געגעבן.

די האָר האָבן אַלץ נישט נאָכגעגעבן.

— דאָס איז אַן עכטער יודע! דאָס איז אַ יידישע באָרד! — האָט דער טרופּן־פֿירער געזאָגט צו די אַרום אים אין שפּאַס, אַ ביסל פֿאַרשעמט איבער דעם, וואָס די יידישע באָרד האָט נישט אַזוי לייכט נאָכגעגעבן. ער האָט אָנגעשפּאַרט זיין פֿוס אין דעם יידנס בויך — און מיט אַלע זיינע כּוחות אַ צי געגעבן.

דאָס מאָל האָט די באָרד שוין נאָכגעגעבן — און דעם טרופּן פֿירערס האַנט האָט געהאַלטן אַן אָפּגעריסענע שטיק פּיאה, אַ שטיק וואַנצע און געדיכטע בינטלעך פֿון דעם יידנס ברייטער באַקן־באָרד.

— נו, פּרואוו נאָר דו עס! — האָט דער טרופּן־פֿירער אָנגעוויזן איינעם פֿון זיינע לייט אויף דעם יידנס באָרד.

עס האָט זיך איבערגעחזרט די אייגענע סצענע.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פֿאַרמעסטן־זיך מיט כּוחות אויף דעם יידנס באָרד. טייל האָבן באַוויזן אַרויסצושלעפּן זשמעניעס האָר פֿון דער באָרד אין אַ צוויי־דריי צי. נאָר איינער פֿון זיי, אַ נידעריקער געשטאָפּאָ־יונג, האָט געוואונען דעם געוועט, וואָס זיי האָבן געמאַכט אויף דעם יידנס באָרד: איין מעכטיקער צי — און אַ ניי בינטל האָר פֿון איטשע־מאירס באָרד איז געלעגן אין דעם יונגס זשמעניע.

איטשע־מאיר איז אַלץ געשטאַנען אויף דעם זעלבן אָרט אויף זיינע וויים־באַזאָקטע פֿיס; די הויט פֿון זיין פֿלייש האָט אַרויסגעקוקט דורך די לעכער אין זיינע צעריסענע לאַטשן. אין זיין ערשט רייך־שפּראַצנדיקער, שיינענדיקער, שטאַרקער, פֿולער באָרד זיינען איצט געוועזן גרויסע בלויזן: גאַנצע עקן האָבן אויס־

געפּעלט אין איר. די באָרד איז איצט באַשטאַנען פון איינציק־צעוואָרפענע סנאָפּעס, צוזאַמענגעקלעפּט דורך די שטרעמלעך בלוט, וואָס זיינען גערונען פון די וואונדן, וואָס די מיטגעריסענע הויט האָט געלאָזט אויף זיין פּנים. איטשע־מאירס באָרד איז אוים באָרד געוואָרן. זי איז איצט געווען אַ פּייכטע שמאַטע־אַרטיקע מאַסע, אַנגעקלעפּט אויף אַ מענטשנס פּנים. אָבער איטשע־מאירס אויגן זיינען געווען די זעלבע. אויך זיין גאַנצע געשטאַלט איז געבליבן די זעלבע. און וואָס עס איז געווען דאָס ערגסטע — ערשט איצט האָבן די געשטאַפּאָ־לייט זיך געכאַפּט, אַז דער „יודע" האָט גאָר פאַרגעסן צו שרייען ביי דער פּראָצעדור פון באָרד־רייסעניש. דער טרופּן־פירער האָט נישט גע־קאָנט באַשטימען ביי זיך, צי זאָל ער באַטראַכטן דעם יידנס האַלטונג פאַר אַן אַרויסווייז פון קוראַזש און כאַראַקטער, אָדער פון אַראַגאַנץ און יידישער שטאָלצקייט. פאַר דעם ערשטן איז ער געווען אַפילו גרייט צו געבן דעם יידן קרעדיט; פאַר דעם צווייטן אָבער האָט ער שוין געוואָלט דעם יידן אַזוי אָנלערנען, אַז ער זאָל פאַרגעסן אין זיין יידישן שטאָלץ. ער האָט דעריבער געפרעגט איטשע־מאירן:

— האָט'ס געשמערצט?

— אַ ביסל, מיין הער — האָט איטשע־מאיר געענטפערט.

דעם יידנס ענטפער האָט אַ ביסל וויכער געמאַכט דעם טרופּן־פירער. ער האָט אָבער געוואָלט זיכערער זיין:

— און ווער ביסטו?

— יודע שוויין — האָבע קיינע ערע! — האָט איטשע־מאיר גערופן הויך אויפן קול.

— אַנשטענדיקער יודע! פיינער יודע! — האָט דער פירער געזאָגט אַ צופרידנגעשטעלטער. — נו, איצט וועלן מיר זען, וואָס דו קאָנסט. שפּאַן אים איין אין וואָגן! — האָט דער טרופּן־פירער באַפוילן.

מען האָט גענומען איטשע־מאירן, אים צוגעפֿירט צו אַ שלעפּ־וואָגן, וואָס איז געשטאַנען אין הויף. דער וואָגן האָט געהאַט אַ מענטשן־געשפּאַן: שטריק, צוגעבונדענע צום וואָגן, מיט אַ לעדער־פּאַס אין עק, אַזוי ווי מען איז עס געוואוינט געווען צו זען ביי די וואַרשעווער טרעגער. מען האָט איינגעשפּאַנט אי־טשע־מאירן — און עטלעכע געשטאַפּאָ־לייט האָבן זיך אַרויפֿ־געכאַפּט אויפֿן וואָגן. איינער פֿון זיי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער „קאָזלע" מיט אַ בייטש אין האַנט און גענומען אָניאָגן איטשע־מאירן:

— היידאַ, יודע, היידאַ! — האָט דער בייטש־האַלטער אים געשמיסן.

איטשע־מאיר האָט אויסגעשטרעקט זיין הויכן האַלדז פֿון זיין אויפֿגעפּראַלטער העמד און דער קאַפּאָטע אַרויס. דער האַלדז האָט זיך אויסגעצויגן, ווי ביי אַ שטרויס־פֿויגל, מיט דעם גרויסן קנאָפּ אין אים. זיין גרויסער קאָפּ אויפֿן שפּיץ האַלדז האָט, צוליב דער אויסגעפֿליקטער באָרד, אויסגעקוקט אומפּראָפּאָרציאָנעל, אומגעלומפּערט ברייט. ער האָט אויך ווי אַ שטרויס־פֿויגל, אויס־געשטעלט, פֿונאַנדערשפּרייטנדיק איינעם פֿון אַנדערן זיינע אין לאַנגע זאָקן באַקליידטע, דין־שטעקלדיקע פֿיס. איטשע־מאירס לאַטשן זיינען שטעקן געבליבן אין דער פֿייכטקייט פֿון דער ערד, זיינע טריט זיינען געזונקען אונטער אים. פֿון זיין שטערן האָט איצט גערונען אַן אַנגסטלעכער שווייס — נאָך מער פֿון זיין לאַנגן האַלדז און פֿון זיין ביינערדיקן, געהויקערטן קאַרק. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כּוחות אַ שלעפּ צו געבן דעם וואָגן, וואָס איז, צוליב דער שווערער משא פֿון די געשטאַפּאָ־לייט אויף אים, געזונקען מיט די רעדער אין דער פֿייכטער ערד אַריין. וואָס מער אָבער איטשע־מאיר האָט געשלעפּט, אַלץ עקשנות־דיקער איז דער וואָגן געוואָרן. איטשע־מאיר האָט געפּרואווט בייטן די פּאָזיציע פֿון זיינע פֿיס: דאַ דעם לינקן, דאַ דעם רעכטן פֿוס אויסגעשטעלט צוערשט. אָט האָט ער געפּרואווט אַ צי־טאָן

מיט איין אַקסל, אָט מיטן צווייטן. ער האָט גענומען אויף זיך די שמיץ פֿון שמייסער, געמיט זיך מיט אַלע זיינע כּוחות צו ציען דעם וואָגן, אָבער מער ווי געלעכטער, וואָס זיין אָנשטרענגען זיך האָט אַרויסגערופֿן, האָט ער דערפֿון נישט אַרויסגעקראָגן: דער וואָגן האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

— גיב אים צוהילף נאָך אַ שוויין! — האָט זיך אָנגערופֿן דער טרופּן-פֿירער, וואָס איז געשטאַנען, מיט די הענט אין די הויזן-קעשענעס, און האָט צוגעקוקט די סצענע. פֿון זיין פּנים איז איצט געווען אָפּגעטאָן דאָס נחת'דיקע שמייכעלע, וואָס האָט דאָרט געשיינט פֿריער, עס איז געווען געדעקט מיט מרה-שחורה-דיקער ערנסטקייט.

מען האָט פֿון ערגעץ-וואו אַרויסגעשלעפּט אַ צווייטן יידן, אַ פֿיל עלטערן פֿון איטשע-מאירן, מיט רויטע נישט-אויסגעשלאָ-פֿענע אויגן, מיט אַ ציטערדיקער באָרד. מען האָט דעם יידן איינ-געשפּאַנט אויף דער צווייטער זייט דישל פֿון איטשע-מאירן. די שמיץ פֿון שמייטער זיינען איצט געפֿאַלן אויף די קעפּ פֿוןביידע יידן. דער אַלטער ייד האָט אָנגענומען דעם דישל פֿון איין זייט, איטשע-מאיר — פֿון דער צווייטער זייט. איטשע-מאיר האָט געביטן די פּאָזיציע פֿון זיינע פֿיס. מיטן גאַנצן אימפּעט, מיט אַלע כּוחות, וואָס עס האָבן זיך נאָר געפֿונען אין זיין פֿאַראויס-געשטרעקטער ברוסט, האָט ער געשלעפּט דעם וואָגן. דער אַלטער ייד האָט געפּרואווט טאָן דאָס זייניקע. דער וואָגן אָבער האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

— לאָז זיי פֿילן די שמיץ! — האָט דער טרופּן-פֿירער אויס-גערופֿן.

דער שמייסער האָט אויסגעצויגן זיין האַנט — און די שמיץ זיינען ווידער געפֿאַלן דאָ אויף אישע-מאירן, דאָ אויפֿן קאָפּ פֿון דעם אַלטן יידן. איטשע-מאיר האָט געכאַפּט די שמיץ — און פֿאַרשווויגן, געמיט זיך נאָר צו שלעפּן. דער אַלטער ייד אָבער האָט ביי יעדן שמיץ, וואָס איז געפֿאַלן אויף זיין קאָפּ, אויסגע-

שריען: — „אוי־ווי, טאַטע אין הימל! אוי־ווי, מאַמע!״ — וואָס עס האָט גערייצט דעם לאַך־אַפּעטיט ביי די געשטאַפּאָ־לייט:

— אוי־ווי, טאַטעלע! אוי־ווי, מאַמעלע! — האָבן די געשטאַפּאָ־לייט חוזק־געמאַכט און נאָכגעקרימט דעם יידן.

און מיט אַמאָל האָט עס איטשע־מאיר געקאָנט. ווי נאָר ער האָט דערהערט דאָס געלעכטער פֿון „טאַטעלע־מאַמעלע״, האָט ער געגעבן אַ שטרעק־אויס ווידער זיין האַלדז־און־נאַקן פֿון גע־שפּאָן אַרויס, מיט זיינע קנאָכעדיקע פֿינגער אַ נעם דעם דישל, אַ צי מיט דער ברוסט — זיין גאַנצער קערפּער האָט דערביי בייגעשטייערט אַלע כּוחות, וואָס ער האָט נאָר געהאַט אויפֿ־געשפּאָרט. אין זיינע גלידער אַריין, די פֿיס האָבן זיך איינגע־גראָבן אין דער ערד און דעם קערפּער פֿאַראויסגעשיקט — און דער וואָגן האָט זיך געטאָן אַ ריר פֿון אָרט. איטשע־מאיר איז געלאָפֿן, נאָכשלעפּנדיק דעם אַלטן יידן מיט זיך.

— דער יודע האָט עס געקאָנט! דער יודע האָט עס געקאָנט!

— האָבן די געשטאַפּאָ־לייט געשריען און געקלאַפּט מיט די פֿיס אין דעם באָדן פֿון דעם וואָגן, וואָס איז איצט געווען אין באַוועגונג.

— אַנשטענדיקער יודע! — האָט דער טרופּן־פֿירער אויס־גערופֿן — שפּאַן אים אויס!

מען האָט איטשע־מאירן אויסגעשפּאַנט פֿון וואָגן. די פֿייכט־קייט פֿון זיין לייב האָט געהאַט אַדורכגעווייקט זיין צעריסענע אַטלעסענע קאַפּאָטע — און דאָרט וואו ער האָט געטראָגן אויף זיך דעם לעדערנעם פּאַס פֿון וואָגן, איז געווען אַ נאַסער פּאַס פֿון אַדורכגעווייקטע אַנגסטן, אַ באַנד אויף זיין ברוסט.

— אַנשטענדיקער יודע, וויליקער יודע! גרופּע „אַ״. באָרד שערן. פֿאַר היינט לאָז אים צורו — האָט דער טרופּן־לייטער אויסגערופֿן צו זיינע לייט און פֿאַרלאָזט דעם הויף צוריק צו

זיין ביורא, מיט די הענט אין די הויזן-קעשענעס, נישט צו װאַרפֿן מער קיין בליק אויף איטשע-מאירן.

מען האָט גענומע-מאירן און אים אַוועקגעשטעלט ביי אַ וואַנט. באַלד האָט מען אַרויסגעבראַכט צו אים איינעם פֿון די געפֿאַנגענע יידן. דער ייד, נאָך אַ יונגערמאַן, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר אַזאַ אַרבעט, האָט מיט אַ גרויסער שטומפּיקער שער אָפּגעשוירן דעם רעשט פֿון איטשע-מאירס באָרד, זיינע פּיאות, וואָנצעס, די האָר אויף זיין קאָפּ, איבערלאָזנדיק דאָרט אַ גאַנצן גאַנג „טרעפּ״. און איטשע-מאיר, אָן אַ באָרד, ווי אָן אַ נשמה, אוים מענטש, ווי מגולגל אין אַ בהמה, איז אַראָפּגעפֿירט געוואָרן אין אַ קעלער-אַרטיקן געפֿאַנגען-לאַגער, וואו צווישן ווילגאַטנע קעלער-ווענט האָט ער געפֿונען, ליגנדיקע אָדער זיצנדיקע אויף שטרוי-זעק, די פֿון זיינע ברידער, וואָס זיינען דעם טאָג אַראָפּגענומען געוואָרן פֿון דער גאַס אַראָפּ און צונויפֿגעבראַכט געוואָרן אין די זאַמל-פּונקטן אויף אַרבעט.

*

עס איז געווען פֿאַרנאַכט פֿון אַ פֿריען הערבסט-טאָג. אין דער קעלער-שטוב האָט מען איצט אַריינגעלאָזט אַ מחנה יידן, וואָס מען האָט אַהיימגעבראַכט פֿון דער אַרבעט. עס זיינען געווען צווישן זיי סיי יונגע, סיי אַלטע; יידן מיט געגאָלטע בערד און קורץ-געקליידט, יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס, אין שמאָלדעניקדיקע וואַרשעווער שוואַרצע היטלען. טייל האָבן, ווי איטשע-מאיר, געהאַט זייערע בערד אויסגעריסן, אויסגעפּליקט, די קעפּ געשוירן אין „טרעפּ״. אַנדערע האָט מען פֿאַרגעסן די בערד אָפּצושניידן. ביי אַ טייל האָבן די בערד שוין אָנגעהויבן צוריקוואַקסן, נאָך אַנדערע זיינען געווען אָן בערד אין גאַנצן. די יידן, אַזוי ווי זיי זיינען געשטאַנען און געגאַנגען, האָבן זיך געוואָרפֿן אויף דער ערד. זייערע פּנימער און זייערע קליידער זיינען געווען פֿאַרשמוצט, איינגעריכט פֿון זאַמד-ברוד, וואָס איז אַדורכגע-

ווייקט געוואָרן אין דעם רינגענדיקן שוויים פֿון זייערע לייבער. די יידן זיינען געלעגן, אנטשוויגענע, טייל נאָר האָבן שווער און הויך געאָטעמט און דאָס הויכע העשען האָט נאָך מער שטיל־קייט און פֿאַרשטאַרטקייט אַנגעוואָרפֿן, איידער דאָס שווייגן. נישט אַלע זיינען געלעגן: טייל האָבן זיך געזעצט און זיינען געבליבן זיצן. די זיצנדיקע האָבן אַלע געהאַט אָפּגעוואָרפֿן זייערע שיך, שטיוול, זייערע לאַטשן פֿון די פֿיס און געהאַלטן די פֿיס אין די הענט. זיי זיינען געווען געשוואָלן, די פֿיס צעקאַליע־טשעטע, צעשלאָגענע, צעדראַפּעטע פֿיס. זיי האָבן אויסגעוויזן, ווי זיי וואָלטן געווען הונדערטער מייל אַדורכגעמאַכט, ווי זיי וואָלטן געווען געקראָכן איבער בערג, ווי זיי וואָלטן זיך געווען אַנגעשלאָגן אין שטיינער. רויט אַנגעצונדן, האָט אַ פּאָרע גע־שלאָגן פֿון זיי. עס האָט אויסגעזען, ווי די מענטשן, וואָס זיינען דאָ געלעגן אָדער געזעסן, זיינען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין הוילע פֿיס: זיי האָבן געהאַט פֿאַרלוירן יעדער אַנדער אינטערעס אין לעבן, פֿאַרגעסן זייער אייגענע עקזיסטענץ. אַלע אַנדערע נויטן זיינען אַרויסגעשלאָגן געוואָרן צו איין ברען־פּונקט, צו איין גרויסן ווייטאָג, וואָס האָט געשלאָגן פֿון די פֿיס. עס איז געווען, ווי די גאַנצע פּערזענלעכקייט פֿון די מענטשן איז אויסגעשטאָרבן פֿון גאַנצן קערפּער, פֿון דער נשמה, און האָט זיך אַרונטערגע־לאָזט, זיך קאָנצענטרירט, זיך איינגעקאָרטשעט, איינבאַהאַלטן זיך אין די געשוואָלענע פֿיס, וואָס האָבן פֿאַרנומען אַלע חושים און אַלע געפֿילן.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ קול:

„יתגדל ויתקדש שמיה רבה!"

קעפּ האָבן אויפֿגעשלאָגן, פּנימער האָבן זיך אויסגעדרייט. אין איין רגע האָט מען פֿאַרגעסן אין די „פֿיס", גלייך מען וואָלט אויפֿגעריסן געוואָרן פֿון אַ שלאָף דורך דעם אַזוי באַקאַנטן, איינ־געבאַקענעם און דאָ אַזוי ווייט און פֿרעמד קלינגענדיקן „יתגדל". מען האָט דערזען אַ יידן אין אַן אויסגעשמוצטער, אויסגעדראָ־

סעטער אַטלעסענער קאַפּאָטע, מיט אַ יידיש היטל אויפֿן קאָפּ, איבערגעבונדן מיט אַ קאָלירטן טיכל, גלייך דער ייד וואָלט געהאַט צאָנווייטיק, שטיין ביי דער וואַנט און שאָקלען זיך ביים דאַווענען.

עס איז געווען, ווי מען וואָלט דורך איטשע־מאירס „יתגדל" צוריקגערופֿן געוואָרן צו דער אייגענער וועלט. וואָס עס האָט זיך געהאַט געדאַכט, אַז מען האָט זי שוין איבערגעלאָזט אויף אייביק, אויף יענער זייט פּלויט, ווען מען איז אַהערצו אַריינ־געפֿירט געוואָרן. אייניקע יידן האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זייערע ערטער, אַרויסלאָזנדיק די פּיס פֿון זייערע הענט, זיינען צוגע־קומען צום ווינקל, וואו איטשע־מאיר איז געשטאַנען, און אָנגע־הויבן זיך שאָקלען מיט אים אין איינעם. אַנדערע זיינען גע־בליבן זיצן און האָבן געקוקט מיט אומרואיקע אויגן צו דער טיר. עס האָט זיך געהערט אַ שטים, איינע און אַ צווייטע:

— מאַכט׳ס עס געשווינטער!

— גיכער, גיכער, איידער מען קומט אַריין!

מען האָט עס געמאַכט געשווינטער, מען האָט עס געמאַכט גיכער. מען האָט נאָר אָפּגעזאָגט די קדושה צוזאַמען און מען איז אויסגעגאַנגען שמונה־עשרה, איידער נאָך עס האָט ווער אַ פּיפּס געגעבן.

באַלד האָט אַ לאַנגער פֿייף אַדורכגעשניטן דעם חלל איבער די קעפּ אין דער איבערגעפֿילטער קעלער־שטוב. מען האָט אַרוים־געלאָזט די פּים פֿון די הענט, פֿלינק, ווי ווייט מען האָט נאָר גע־קאָנט, אַרויפֿגעכאַפּט צוריק די שיך, די טיכער איבער די וואונדן, אויפֿגעהויבן זיך און מען איז אַרויסגעגאַנגען אין אוים־געשטעלטע רייען, פּאַרנווייז, מיטנעמענדיק יעדער זיין בלע־כערנעם טעלער. מען האָט אַרויסגעמאַרשירט, ווי סאָלדאַטן, צום פּלומפּ, וואָס איז געשטאַנען אין גרויסן הויף. אָנגעפּלומפּט וואַ־סער, אָפּגעוואַשן זיך, אָפּגעווישט זיך דאָס פּנים און די הענט מיט די פּאָלעס פֿון די קאַפּאָטעס, דערנאָך מאַרשירט, מיליטער־

אַרטיק, צו דער גרויסער אויפֿגעשלאָגענער סטאָדאָלע, וואו עס זיינען געווען אויסגעשטעלט לאַנגע רייען בענק. דאָרט האָט זיך געפֿונען די קיך, וואו יידן און יידישע ווייבער האָבן פֿאַרגעברייט די שיטערע קאַרטאָפֿל-זופּ אין גרויסע קעסלען. יעדער איינער האָט געקראָגן אַ טעלער זופּ מיט אַ שטיק ברויט און מען האָט זיך אויסגעזעצט עסן.

איטשע-מאיר מיט זיינע צוגעבונדענע באַקן איז געגאַנגען אין דער ריי, ווי אַ גוט-אויסמושטירטער סאָלדאַט, ווי ער וואָלט שוין דאָ געווען גאָר פֿון לאַנג, אַזוי אַז דער געשטאַפּאָ-מאַן, וואָס האָט געהאַלטן אַ גוט אויג אויף אים, האָט גאָרנישט געהאַט וואָס אויסצוזעצן קעגן אים.

איידער איטשע-מאיר האָט גענומען דעם ביסן אין זיין מויל, האָט ער געמאַכט אַ ברכה. די ערשטע העלפֿט ברכה האָט ער אריינגעשלונגען אין זיך, מען האָט נאָר געהערט די לעצטע ווערטער:

„המוציא לחם מן הארץ."

די יידן, וואָס האָבן געהאַט זיך געוואָרפֿן, ווי הונגעריקע וועלף, אויף דעם אָרעמען לעפֿל זופּ מיט ברויט, וואָס זיי האָבן געהאַט דערויף אויסגעוואַרט אַ גאַנצן טאָג, האָבן איינגעהאַלטן דעם לעפֿל צו זייער מויל. איטשע-מאירס ברכה האָט זיי דער-מאָנט אָן עפּעס. זיי האָבן נאָכגעברומט נאָך אים, מאַכנדיק אַ הפסקה אין זייער עסן. אַנדערע האָבן זיך געלאָזט באַנוגענען מיט אַ בלויזן „אָמן", וואָס זיי האָבן אַרויסגעברומט. די פּאָר געשטאַפּאָ-לייט, וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער טיר פֿון דער אויפֿגעשלאָגענער קיך, האָבן געהאַט באַמערקט, אַז עפּעס-וואָס איז דאָ געשען, נאָר די זאַך איז אַפּגעלאָפֿן אַזוי פֿלינק, אַז זיי האָבן זיך נישט געקאָנט כאַפּן וואָס און ווען. דער עולם האָט שוין געגעסן, ווי יעדער אַנדער מאָל, ריין געמאַכט די אייגענע בלעכענע טעלער, און איטשע-מאיר מיט זיי.

אויפֿן צווייטן טאָג, איידער נאָך דער פֿרימאָרגן האָט אַריינ־געגרויט דורך די קעלער־פֿענצטערלעך אין קעלער אַראָפּ, האָט די דערשלאָגענע יידן אויפֿגעוועקט נישט דער פֿייף פֿון דעם גע־שטאַפּאָ־מאַן, נאָר איטשע־מאירס „יתגדל־ויתקדש".

אייניקע האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט פֿרי און איטשע־מאירן נאָכ־געטאָן. אַנדערע האָבן געוואַרט אויפֿן פֿייף פֿון דעם געשטאַפּאָ־מאַן.

איטשע־מאיר איז געשטעלט געוואָרן אין דער ריי אויפֿן הויף, די פּאָלעס פֿון זיין געהאַקטער קאַפּאָטע אַרויפֿגעשאַרט, פֿאַרשטעקט אין גאַרטל, און איז מיט דער גרופּע „אַ" אַרויסגע־פֿירט געוואָרן אויף אַרבעט.

מען האָט די גרופּע אַרויסגעפֿירט אַ שטיק וועג אויסער דער שטאָט. מען איז אָנגעקומען אויף אַ פֿעלד וואו מען האָט אויס־געשניטן אַ וועג. דאָרט האָט איטשע־מאיר שוין אָנגעטראָפֿן אַנדערע יידן, וואָס האָבן געאַרבעט גרופּנווייז, אונטער דער אויפֿזיכט פֿון געשטאַפּאָ־לייט. דער וועג האָט זיך געהאַלטן אין מיטן בויען. איין גרופּע יידן האָט אויסגעקאַפּיעט אַ גרוב, אַנ־דערע האָבן מיט טאַטשקעס אַוועקגעפֿירט די אַרויסגענומענע ערד און זי אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף דעם אויפֿגעשניטענעם וועג. אַ גאַנצע ריי יידן, די קליידער אויסגעטאָן, אָדם־נאַקעט ביז צו די הויזן, האָבן אויף די נאַקעטע בריסט געשלעפּט שטיינער, וואָס זיי האָבן אַראָפּגענומען פֿון אַ גרויסער קופּע, צוגעטראָגן צום אויסגעשניטענעם וועג און זיי דאָרט אָפּגעוואָרפֿן. אַנדערע, ייִנ־גערע, זיינען געווען איינגעשפּאַנט צו אַ גרויסן אייזערנעם ראָ־לער, וואָס זיי האָבן געראָלט איבער די אָנגעשאָטענע שטיינער. איטשע־מאיר איז געוואָרן צוגעטיילט צו די, וואָס האָבן געשלעפּט די שטיינער פֿון דער קופּע צום וועג צו.

דער געשטאַפּאָ־מאַן האָט אים געהייסן אויסטאָן די קאַ־פּאָטע, אַזוי ווי די אַנדערע. ער האָט דאָס געטאָן. ער האָט אים

געהייסן ווייטער אויסטאָן דעם קאַפּטן, דעם אַרבע־כּנפֿות, דאָס העמד. אַלץ האָט ער גלייך געטאָן, נאָר ביים אַרבע־כּנפֿות האָט ער זיך אַ ווײַלע פֿאַרהאַלטן, ווי אין ישוב־הדעת. דער בליק אָבער פֿון דעם געשטאַפּאָ־מאַן האָט אים דערמאָנט. ער האָט זיך אויסגעטאָן, איז איבערגעבליבן בלויז אין די הויזן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן מיט די שלייקעס אויף זיינע נאַקעטע אַקסל, דאָס פּנים אַרומגעבונדן מיטן קאָלירטן שניפּס־טיכל. דער געשטאַפּאָ־מאַן האָט עם געגעבן אַ ריס אַראָפּ פֿון זיין קאָפּ, אין איינעם מיטן היטל. איטשע־מאירס פּנים איז אַנטפּלעקט געוואָרן אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט. פּנימער, וואָס טראָגן בערד, קוקן אויס נאַקעטע, ווען מען באַרויבט זיי פֿון זייער ראָם. זיי קוקן אויס ווילדּ, אוממענטשלעך, אַזוי ווי דער שאָטן פֿון דער באָרד וואָלט זיי נאָכגעגאַנגען. איטשע־מאיר, וואָס ערשט נעכטן האָט ער אַרויסגערופֿן אַזאַ סענסאַציע ביי די געשטאַפּאָ־לייט מיט זיין שטאַרקער, גלאַנציקער באָרד, האָט היינט, אָן דער באָרד, אויס־געקוקט, ווי אַ האַלב־אָפּגעגאָלטער קאַטאָרזשניק, אַ פֿאַרשיקטער באַנדיט, בלאָטע און שטויב. דער געשטאַפּאָ־מאַן האָט נישט געהאַט וואָס צו צערעמאָניען זיך מיט איטשע־מאירן, אַפֿילו ביי זיין באָרד האָט ער אים נישט געקענט אָננעמען. ער האָט אים נאָר אַ זעץ געגעבן אין זיין בויך אַריין מיטן שטיוול און אים אָפּגעשיקט צו דער אַרבעט.

ביי דער אַרבעט אָבער האָט שוין דער געשטאַפּאָ־מאַן גאָר־נית געהאַט וואָס אויסצוזעצן קעגן איטשע־מאירן. איטשע־מאיר האָט געטאָן זיין אַרבעט בשלימות, מיט אַ ברייטווויליקייט אַפֿילו, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אַליין צופֿרידנשטעלן. ער האָט אָנ־געלאָדן אויף זיינע הענט און אויף דער ברוסט אַזוי פֿיל שטיינער, וויפֿל נאָר ער האָט געקאָנט דערטראָגן, איז געגאַנגען אין דער ריי מיט פֿלייסיקע טריט, האָט צוגעטראָגן די שטיינער צו זייער אָרט און זיי אָוועקגעלייגט. קיין איין מינוט אָפּרו האָט ער זיך נישט דערלויבט, קיין הפסקה.

דער טאָג אין פֿריען הערבסט איז געווען אַ הייסער. די זון האָט געברענט אויף איטשע־מאירס נאַקעטן קאָפּ, דער שווייס איז גערונען פֿון זיין שטערן און ווייך געמאַכט די דינע בלאַ־טערלעך, וואָס האָבן אָנגעהויבן פֿאַרטריקענען אויף דער אויס־געריסענער הויט פֿון זיין פּנים. שטרעמעלעך בלוט האָבן גענומען אַרויסרינען פֿון זיי, אויסמישנדיק זיך מיט די שטרעמעלעך שווייס, וואָס האָבן געטריפֿט אַרויס פֿון די האָר פֿון זיין קאָפּ. זיי האָבן שוין איצט צוזאַמען געקאַפּעט איבער זיין ברוסט, אי־בער דעם רוקן און קאַרק, וואָס זיינען פּיטש־נאַס געווען פֿון שווייס. איטשע־מאיר האָט אָבער געטאָן דאָס זייניקע. איין גאַנג נאָך דעם אַנדערן האָט ער אויסגעפֿירט — אָן שום הפֿסקות. פֿון צייט־צו־צייט נאָר האָט ער געטאָן אַ וויש מיט זיין נאַ־קעטער האַנט איבער זיין נאַסן קאַרק. זיין האַנט אָבער איז געווען ווינציק־וואָס פֿריי: זי האָט געהאַלטן אין איין אַרום־האַלדזן שווער־געוויכטיקע שטיינער. האָט איטשע־מאיר געלאָזט רינען די געמישטע שטרעמעלעך פֿון בלוט און שווייס איבער זיין האַלב־נאַקעטן קערפּער. און ער האָט געטאָן זיין אַרבעט מיט אַזאַ שלימות, אַז ער האָט אַפֿילו אַרויסגערופֿן צופֿרידנקייט ביי זיין שומר, דעם געשטאַפּאָ־מאַן:

— גוטער יודע, וויליקער יודע! דאָס איז אַן אָנשטענדיקער יודע. וואָס ביסטו?

— יודע שוויין — האַבע קיינע ערע! — האָט איטשע־מאיר אויסגערופֿן הויך אויפֿן קול.

— גוטער יודע, וויליקער יודע, אַנשטענדיקער יודע.

די האַלבע שעה רו, וואָס זיי האָבן באַקומען מיטאָג־צייט, האָט איטשע־מאיר שוין אויסגענוצט ווי די אַנדערע, האַלטנדיק זיינע פֿיס אין די הענט.

*

פֿאַרנאַכט־צו, ווען מען האָט די פּאַרטיע יידן צוריקגעבראַכט אין זאַמל־פּונקט אַריין, האָט איטשע־מאיר, ווי די אַנדערע יידן,

דערזען פֿאַר דעם נידעריקן צאַם, וואָס האָט אַרומגערינגלט די ציגלנע געביידע, אַ גרויס געדראַנג פֿון מענטשן. צוגעקומען צום טויער, האָט איטשע־מאיר באַמערקט, ווי אַ הויכער דראַנג שטאַרצט אַרויס פֿון הויף איבערן פּלויט און אויף אים וויגן זיך דריי גופֿים, מיט לאַנגע, אויסגעצויגענע, נאַקעטע פֿיס, וואָס מען האָט געהאַט אַראָפּגעשלעפּט פֿון זיי די שטיוול. דער עולם פֿון דרויסן האָט באַטראַכט די געהאָנגענע, וואָס מען האָט זיי געלאָזט הענגען אויף דער תּליה, כּדי אָפּצושרעקן די באַפֿעלקערונג. אַ פּאָר קריסטלעכע פֿרויען האָבן געקנימט אויף די שטיינער און געבעטן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. אַנדערע זיינען געשטאַנען, פֿאַרשטיינערטע, און האָבן געשוויגן.

— אוי, נאַטע־משה איז געגאַנגען — האָט דער ייד, איטשע־מאירס אַ ריי־חבר, אַ ברום געטאָן אין דער שטיל צו זיך אליין.

— ברוך דיין אמת! — האָט איטשע־מאיר גערעדט צו זיך.

— אַנטקעגנגעשטעלט זיך. איך האָב אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך נישט אַנטקעגנשטעלן. „דיסציפּלין־ברוך" רופֿן זיי דאָס — האָט דער ייד געברומט אין זיך.

— מיר זיינען אַלע אין גאָטס האַנט — האָט איטשע־מאיר אָפּגעענטפֿערט אין אַ ברום.

דאָס מאָל איז די מחנה אַהיימגעבראַכטע יידן נאָך מער פֿאַרשטומט געוואָרן ווי אַן אַנדער מאָל. מען האָט אָפֿילו נישט דעם מוט געהאַט איבערצוריידן וועגן דער געשעעניש, ווען מען איז שוין געווען אין קעלער־שטוב און מען האָט זיך אַנידערגעוואַליעט אויף די זעק, אָדער מען איז געזעסן מיט די פֿיס אין די הענט. די שוואַרצע פֿליגל פֿון טויט, וואָס זיינען געהאָנגען איבער אַלעמען, האָבן אַריינגענומען די יידן אונטער זייער שאָטן. מען האָט מורא געהאַט אָפֿילו שווער צו הערשען, ווי מען האָט עס געטאָן אַן אַנדער מאָל. מען איז נאָר געזעסן, מיט די פֿיס אין די הענט.

„יתגדל ויתקדש שמיה רבה!" — האָט זיך דאָס מאָל דער־הערט איטשע־מאירס קול העכער און שטאַרקער.

— וואָס וויל ער? — דאָס אומגליק ברענגען אויף אונדזערע קעפּ? — האָבן דאָס מאָל זיך שוין געהערט פּראָטעסט־שטימען.

— ער האָט נישט געזען, וואָס מען טוט דאָ?

דאָס מאָל האָט איטשע־מאיר געהאַט ווינציקער נאָכפאָלגער. דערפאַר האָבן זיך געהערט מער שטימען:

— נו, גיכער... גיכער... גיכער...

— ואהבת את ה׳ אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך — האָט איטשע־מאיר געקנייטשט די ווערטער.

— נו, שוין גענוג, גענוג... — האָבן אַנגסטיקע שטימען זיך געהערט פון אַלע ווינקלען.

איטשע־מאיר האָט די איבעריקע ווערטער פאַרשלונגען.

אַזוי איז אָפּגעלאָפן אַ גאַנצע וואָך. איטשע־מאיר האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פלייסיקייט, מיט זיין דיסציפלין, מיט זיין געהאָרכזאַמקייט, מיט זיין וויליקייט, מיט זיין הכנעהדיקייט. ער איז געוואָרן דער „ליבלינג" פון די געשטאַפּאָ־לייט. זיי האָבן אים אַרויסגעשטעלט ווי אַ מוסטער פאַר די אַנדערע יידן: „דאָס איז אַן אַנשטענדיקער יודע!" — זיי האָבן אַפילו געטריבן שפּאַס מיט אים און געזאָגט, אַז זיי וועלן אים מאַכן פאַר אַ „טרופּן־פירער" פון די יידן. ער האָט געטאָן זיין אַרבעט מיט אַזאַ שלימות, אַז קיין איין מוסקל האָט נישט געציטערט אין אים פון פּראָטעסט אָדער ניט־וויליקייט. דאָס איז אַלץ געווען ביז פרייטיק. אַז עס איז געקומען פרייטיק נאָכמיטאָג, האָט דער געשטאַפּאָ־מאַן באַמערקט אין איטשע־מאירן אַן אומרואיקייט. ביי יעדן מאָל, וואָס ער איז צוגעקומען צו דער קופּע אויפצולאָדן אויף זיין שטייגער, האָט ער אַ מינוט זיך פאַרהאַלטן און גע־קוקט אין הימל אַריין, ווי ווייט די זון האַלט. דער געשטאַפּאָ־מאַן האָט אים שוין אַ פּאָר מאָל אויפגעוועקט פון זיינע חלומות מיט

דעם שמיץ פֿון קנוט אין זיין האַנט איבערן קאָפּ. איטשע־מאיר איז אָבער אַלץ אומרואיק געווען. זיינע אויגן גרויס, דערשראָקן, האָבן געהאַלטן אין איין אויסקוקן. אָט האָט מען זיי אָבער סוף־כּל־סוף געפֿירט אַהיים פֿון דער אַרבעט. איטשע־מאיר האָט גע־האַלטן אין איין צוואיילן זיך, ווי ער וואָלט געוואָלט פֿאַראויס־לויפֿן פֿאַר דער גרופּע, קוים וואָס דער ייִד אין זיין רײ האָט אים צוריקגעהאַלטן. גאָט צו דאַנקען, אַריינגעקומען צוריק אין דעם זאַמל־פּונקט, איידער נאָך עס האָט זיך אָ שטערן באַוויזן, וואָס איטשע־מאיר האָט געהאַלטן אין איין אויסקוקן אין הימל. קוים זיינען זיי אַראָפּגעקומען צו זיך אין קעלער־שטוב אַריין, איז איטשע־מאיר אָן אָן אָטעם צו צו דער וואַנט און האָט אָנגעהויבן צו זאָגן:

„יתגדל ויתקדש שמיה רבה!"

— נו, פֿלינקער, פֿלינקער, פֿלינקער!

דאָס מאָל האָט איטשע־מאיר זיך נישט געלאָזט איילן. אָפּ־געזאָגט די גאַנצע קריאת־שמע, האָט ער אַרויסגענומען אַ שטיק ברויט, וואָס ער האָט געהאַט באַהאַלטן, איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר, אין זיין קעשענע. ער האָט אויפֿגעהויבן דאָס שטיקל ברויט און אָנגעהויבן מאַכן קידוש:

„יום הששי ויכולו השמים והארץ וכל צבאם..."

גאָט צו דאַנקען, עס איז אָפּגעלאָפֿן גלאַט, אָן שום שטער.

נאָר אויפֿן צווייטן טאָג, אין פֿרימאָרגן, ווען איטשע־מאיר האָט אויפֿגעוועקט דעם עולם מיט זיין „יתגדל ויתקדש", איז ער געבליבן שטיין ביי דער וואַנט. שוין האָט זיך געהערט דער לאַנגער פֿייף, שוין האָבן אַלע זיך געיאָגט אויסצושטעלן זיך אין רייען און אַרויסצוגיין — איטשע־מאיר שטייט ביי דער וואַנט און האַלט אין איין שאָקלען זיך.

— איטשע־מאיר — גיט אים ווער אַ שטורך — קום!

איטשע־מאיר רעאגירט נישט, הערט נישט אויף צו שאָקלען זיך.

— איטשע־מאיר!

— שלעפּ אים אוועק!

איטשע־מאיר לאָזט זיך נישט אוועקשלעפּן, האַלט זיך אין איין שאָקלען.

— ער שפּילט זיך מיט זיין קאָפּ! קום!

— איטשע־מאיר! — הערט זיך אַ לעצט קול.

דער עולם מאַרשירט אַרויס. איטשע־מאיר בלייבט שטיין ביי דער וואַנט.

באַלד הויבט אָן רעגענען איבער זיין קאָפּ מיט שמיץ פון קנוט און ער דערהערט אַ קוויטשנדיק געשריי, ווי טייוואָלים וואָלטן געטאַנצט אַרום אים:

— דו פאַרפלוכטער יודע!

איטשע־מאיר לאָזט רעגענען די שמיץ איבער זיין קאָפּ, האַלט זיך אין איין שאָקלען.

אַ זעץ אין דער זייט. ער גיט זיך אַ וואַקל. ער שטייט פּנים־צו־פּנים מיט פייער־שפּריצנדיקע אויגן, מיט געשאַרפטע, אַרויסגעזעצטע ווייסע ציין. אַ פויסט שלאָגט אים אין פּנים אַריין:

— אַרויס!

— הער לעבן, היינט קאָן איך נישט. היינט איז רוהע־טאָג — זאָגט איטשע־מאיר און פּרואווט מאַכן אַ פריינטלעך, שמייכלענדיק פּנים פון דער אויפגעלאָפענער, בלוט־רינענדיקער נאָז אַרויס.

— וואָס!

— היינט איז סאַבאַט ביי אונדז, היינט איז רוהע־טאָג, היינט קאָן איך נישט.

דער געשטאַפּאָ־מאַן האָט אים מער נישט געשלאָגן. ער האָט אים אָנגענומען ביים קאַרק, אַרויסגעפירט אים פון קעלער און אַריינגעבראַכט אין דער ביוראָ פון טרופּן־פירער. פאַרקלאַפּט מיט די אָפּצאַסן, אויסגעשטרעקט דעם אָרעם:

— הייל היטלער!

— הייל היטלער! וואָס איז געשען?

— דיסציפּלין־ברוך!

דעם טרופּן־פירערס אויגעלעך זיינען נאָך קלענער געוואָרן, זיין פּנים ערנסט. ער האָט געטראַכט אַ מינוט. ער האָט אים דערקענט: דאָס איז דער ייד מיט דער גרויסער באָרד. ער האָט געהאַט וועגן אים אַ ראַפּאָרט: „ווילק". ווי גוט דער טרופּן־פירער איז נים אינסטרואירט געוואָרן אין דער שולע פאַר זיין פּראָפעסיע, ווי זיין האַרץ איז נישט געווען ליידיק פון יעדן מיט־געפיל, האָט דער ייד — צי עס איז געווען איטשע־מאירס האַלטן זיך דורך דער גאַנצער צייט, אָדער דאָס שפּיל מיט איטשע־מאירס שטאַרקער באָרד, וואָס איז געווען פאַר אים זייער אַמו־זאַנט — האָט דער ייד איצט אויפגעוועקט אין אים אַ לעצטן שטראַל מענטשלעכקייט. ער האָט געוואָלט דעם ווילדן „פול־בלוטיקן" יידן אָפּראַטעווען. ער האָט זיך אויפגעהויבן, איז צו־געגאַנגען צום יידן, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים אַ גלייכגיל־טיקער, מיט אַן אידיאָטישן שמייכעלע אויף זיין פאַרבלוטיקטן פּנים, האָט גענומען דעם קנוט פון דעם געשטאַפּאָ־מאַן, האָט אַ פיר געטאָן מיט איר איבער דעם יידנס קאָפּ און געפרעגט אים:

— ווער ביסטו?

— יודע שוויין, האַבע קיינע ערע! — האָט איטשע־מאיר אויסגערופן הויך אויף זיין גאַנצער שטימע.

— נו, איצט גיי צו דער אַרבעט, יודע! — האָט דער טרופּן־פירער אויסגערופן.

— הער לעבן, היינט קאָן איך נישט, היינט איז רוהע־טאָג.

— פֿיר אים אָפּ! — האָט דער טרופּן־פֿירער אויסגערופֿן.

— הייל היטלער!

— הייל היטלער!

דער טרופּן־פֿירער האָט אויפֿגעהויבן דעם טעלעפֿאָן צו טע־לעפֿאָנירן. עפּעס האָט געמוזט אין אים ווירקן. ער האָט צוריק־געלייגט דעם טעלעפֿאָן אויף זיין אָרט און גערופֿן דעם געשטאַ־פּאָ־מאַן, וואָס האָט שוין געהאַט אָפּגעפֿירט איטשע־מאירן.

— האַלט! באַווייז אים דעם גאַלגאַן!

מען האָט איטשע־מאירן צוגעפֿירט צו דער תּליה, באַוויזן אים דעם דראַנג.

— ווייסט, וואָס דאָס איז, יודע?

— יאָ, איך האָב עס געזען... וואו מען הענגט לייט... — האָט איטשע־מאיר אָפּגעענטפֿערט.

— דו וועסט הענגען, אויב דו וועסט נישט גיין צו דער אַרבעט.

— הער לעבן, איך האָב אייַנען געזאָגט. היינט קאָן איך נים. אָסור אויב איך קאָן. היינט איז שבת, רוהע־טאָג.

מען האָט דערפֿון געמאָלדן דעם טרופּן־פֿירער. דער טרופּן־פֿירער האָט טעלעפֿאָנירט צו דער העכערער מאַכט. ער האָט באַקומען די פֿאַראָרדענונג: „הענגען דעם ייד, איטשע־מאיר ראָזענקראַנץ, פֿאַר דיסציפּלין־ברוך, דעם זעלבן טאָג, זעקס אַזיי־גער פֿאַרנאַכט, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע צוויי פֿון קאַטוילישן גלויבן”.

אַז מען האָט איטשע־מאירן צוגעפֿירט צו דער תּליה — האָט ער געהאַלטן אין איין מורמלען די שבתדיקע מנחה פֿאַר זיך. די תּליה האָט אים נישט באַאומרואיקט. וואָס עס האָט אים יאָ באַאומרואיקט און וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן, איז געווען אויפֿן הימל, צי דער שבת גייט שוין אוים. געזען, אַז עס

איז נאָך גרויסער טאָג, האָט ער זיך געווענדט צו דעם עלטסטן, וועלכער האָט אים באַגלייט צו דער תּליה:

— הער לעבן, איך האָב אַ ביטע צו אינען, זיי זיינען געווען אַזוי גוט צו מיר.

— וואָס איז, יודע?

— וואַרטן זי ביז די ערשטע שטערן וועלן אין הימל זיין — באַווייזט ער אויפֿן הימל — היינט איז רוהע־טאָג.

דער באַגלייטער איז אַ מינוט נשתּומם געוואָרן אויף דער מאָדנער בקשה פֿון דעם יידן. דאַן האָט ער אַ שמייכל געגעבן.

— גוט, יודע, די אַנדערע וועלן פֿריער הענגען.

מען האָט די צוויי קאַטאָליקן, וועלכע זיינען געווען פֿאַר־אורטיילט צוזאַמען מיט איטשע־מאירן, פֿריער געהאַנגען. נאָר זיין רייע איז געווען איידער ער האָט געענדיקט די שבת־מנחה.

— אתה אחד ושמך אחד — האָט איטשע־מאיר געברומט פֿאַר זיך, ווען מען האָט פֿאַרוואָרפֿן די פּעטליע אויף זיין האַלדז.

*

פֿאַרנאַכט, ווען מען האָט די פּאַרטיע יידן צוריקגעבראַכט פֿון דער אַרבעט האָבן זיי ווידער אָנגעטראָפֿן אויף אַ געשטיי מענטשן פֿאַר דעם טויער. פֿון ציגל־פּלויט האָבן זיי שוין געזען, ווי איטשע־מאירס דאַרער קערפּער שאָקלט זיך פֿון דער תּליה, צוזאַמען מיט אַנדערע צוויי. איטשע־מאירס נאַקעטע פֿיס, פֿון וועלכע מען האָט געהאַט אַראָפּגעצויגן די לאַטשן, האָבן זיך לאַנג אויסגעצויגן. מערסטע יידן האָבן געהאַלטן די אויגן אַרונ־טער, גלייך צו דער ערד צו, זיי זאָלן ניט זען, און האָבן פֿאַרשטיקט דעם קרעכץ:

איטשע־מאיר איז שוין אויך געגאַנגען.

די מערסטע האָבן געשוויגן, נאָר ווען זיי זיינען אַריינגע־גאַנגען צו זיך אין קעלער האָבן זיי זיך נישט געוואָרפֿן אויף

די הילצערנע ברעטער, ניט געגומען די פּיס אין זייערע הענט אריין, נאָר באַלד איז איינער פֿון זיי אויסגעוואַקסן ביי דער וואַנט פֿון קעלער — אָנגעהויבן זיך צו שאָקלען און גערופֿן מיט אַ הויך קול:

— יתגדל ויתקדש.

קיינער האָט אים נישט מער געפֿעדערט: „פֿלינקער, פֿלינקער!" נאָר איין ייד האָט זיך אויסגעפּלאַנצט אונטער דעם אַנדערן, אונטער דעם חזן, און אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען:

— יתגדל ויתקדש.

איטשע־מאיר האָט געקראָגן אַ נאָכפֿאָלגער.

אַ קינד פֿירט דעם וועג

— נאָך אַמאָל: וואָס פֿאַר אַן אַנשטאַלט, זאָגט איר, איז דאָס? — און דער געשטאַפּאָ־לייטענאַנט האָט פֿאַרכמורעט די גרוי־בלאָנדע שיטערע ברעמען און אַנגעלאָדן דעם בליק פֿון זיינע נאַקעטע, קאַלטע שטאָלענע אויגן מיט זייער גאַנצער פֿרעכער ציניִשקייט אויף דער הויכער בכּבֿודיקער אין גרויקייט און בכּבֿודיקער אין איר מוטערלעכער געשטאַלט, באַיאָרנטער דירעקטאָרין, ווי זי איז געשטאַנען פֿאַר דעם שרייבטיש, ביי וועלכן דער פֿרעכער לייטענאַנט איז געזעסן, אַ פֿוס פֿאַרלייגט אויף אַ פֿוס, מיט אַ רעוואָלווער אויפֿן טיש ביי זיין רעכטער האַנט און מיט דער שפּיצרוט לינקס.

— מיין הער, איך האָב דאָס אייך שוין דערקלערט. דאָס איז אַ רעליגיעזער יידישער אַנשטאַלט פֿאַר יונגע פֿרויען פֿון יידישן גלויבן — האָט די דירעקטאָרין געענטפֿערט מיט אַ רואיקן טאָן, אין איר בעסטן דייטש, וואָס זי האָט געהאַט געלערנט אין דער פֿראַנקפֿורטער הויכשול פֿאַר מיידלעך.

— און וויפֿיל געפֿינען זיך אין דעם אַנשטאַלט יונגפֿרויען?
— האָט דער לייטענאַנט פֿאַסמאַקעוועט דאָס וואָרט „יונגפֿרויען" צווישן זיינע דינע, מיט אַ היטלער־וואָנצע באַקליידטע ליפּן.

— דריי־און־ניינציק.

— דריי־און־ניינציק? אַ שיינע צאָל. און זייער עלטער?

— פֿון צוועלף ביז אַכצן יאָר.

— אַלע יונגפֿרויען? — האָט דער לייטענאַנט געהאַלטן אָנגעשפּיזט זיינע נאָדל־שטעכיקע בליקן אין דער פֿרומ פּנים, און די שטאָלענע גלאַנציקייט פֿון זיינע בלויע אויגן איז אַנ־געגליט געוואָרן דורך אייז־קאַלטן פֿייער.

די דירעקטאָרין האָט נישט געענטפֿערט.

— ענטפֿער, יודין! — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט רואיק, אָן געבייזער, נאָר מיט יענעם באַפֿעלערישן טאָן, וואָס דריקט אוים די ערנסטקייט פֿון טויט.

— איך האָב די ציפֿער אָנגעגעבן: דריי־און־נײַנציק יונג־פֿרויען, מיין הער לייטענאַנט.

— אַלע יונגפֿרויען? — האָט דער לייטענאַנט נאָך אַמאָל איבערגעפֿרעגט, דאָס מאָל שוין אין אַ געהעכערטן טאָן.

— אויסער פֿיר פֿאַרוואַלטערינס און דער דירעקטאָרין, וואָס זיינען פֿאַרהייראַט — האָט די דירעקטאָרין געענטפֿערט געלאַסן.

דער לייטענאַנט האָט נאָכגעקלערט איבער דעם ענטפֿער פֿון דער דירעקטאָרין, אים פֿאַסמאַקעוועט מיט זיינע דינע ליפּ־לעך: האָט דער ענטפֿער אים געגעבן די סאַטיספֿאַקציע, וואָס ער האָט דערוואַרט צו האָבן פֿון דער געשטעלטער פֿראַגע? ער האָט באַשטימט נישט וועלטער צו דריקן. נאָר ווערנדיק אין כּעס איבער דעם, וואָס ער האָט דאָך נישט אַרויסבאַקומען די גאַנצע סאַדיסטישע סאַטיספֿאַקציע פֿון דער פֿרוי, וואָס ער האָט פֿאַרלאַנגט, איז ער אַרויס פֿון געדולד, האָט געגעבן אַ קלאַפּ מיט דער שפּיצרוט איבערן טיש און געפֿרעגט אין אַ קוויטשנדיקן טאָן:

— און וואָס טוען דאָ, אין דעם אַנשטאַלט, די דריי־און־נייַנציק יונגפֿרויען?

— זיי באַקומען אַ יידישע רעליגיעזע דערציאונג, זיי ווערן דערצויגן אין געטרייער יידישער טראַדיציע.

— אין געטרייער יידישער טראַדיציע? דאָס איז גוט, דאָס געפֿעלט מיר, דאָס פּאַסט אונדז זייער גוט צו — האָט דער

לייטענאַנט צוריקגעוואונען זיין לייכטן טאָן. — און וואָס איז דער נאָמען פֿון דער יונגפֿרוילעכער אינסטיטוציע?

— יעקבס טעכטער.

— יעקבס טעכטער? דאָס איז אויך גוט. און ווער איז דער יעקב, וואָס פֿאַרמאָגט דריי־און־ניינציק טעכטער, אַלע יונגפֿרויען?

— דאָס איז אונדזער פּאַטריאַרך. אויף זיין נאָמען רופֿט זיך אונדזער אַנשטאַלט.

— דער יעקב פֿון דער ביבל, דער, וואָס האָט זיין ברודער באַגנבעט און שפּעטער — זיין שווער. זעט איר, מיר קענען גאַנץ גענוי די ביאָגראַפֿיע פֿון אייער גרויסן מענטשן.

— יאָ, דאָס איז דער יעקב פֿון דער ביבל.

— און אויף זיין נאָמען רופֿט זיך דער אַנשטאַלט? אויך גוט. דאָס פּאַסט אונדז אויך צו. נאָר הער דו, יודין, פֿרוי די־רעקטאָרין! אַלס טעכטער פֿון דעם פּאַטריאַרך יעקב פֿון דער ביבל, ווילן מיר די יונגפֿרויען אַן אומגעהערטע אויסצייכענונג באַווייזן. זיי וועלן דעם גרויסן, כאָטש נישט פֿאַרדינטן כבוד האָבן באַזוכט צו ווערן פֿון דריי־און־ניינציק — איז די צאָל קאָרעקט? — עכט־דייטשע נאַצישע יונגען, מאָרגן, אַכט אַזייגער אין אָוונט. אונדזערע אָרדינאַנצן וועלן צושטעלן זייף, ריינע ליילעכער, פֿריש לייוונט, אַז די יונגפֿרויען זאָלן זיך אָנ־שטענדיק פֿאַרבערייטן צו דער גרויסער אויסצייכענונג, וואָס ווערט זיי געוויזן, צו דעם כבוד וואָס ווערט זיי צוגעטיילט אויפֿצונעמען עכט־דייטשע מענער. אין דעם אַנשטאַלט וועלן אויך צוגעשטעלט ווערן שטאַרקע געטראַנקען. דו, יודין, פֿרוי דירעקטאָרין, ביסט פּערזענלעך פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם אַז די יונגפֿרויען זאָלן זיין געהעריק פֿאַרבאַרייט פֿאַר דעם גרויסן כבוד, וואָס וועט זיי צוגעטיילט ווערן. האָסט פֿאַר־שטאַנען, יודין?

די דירעקטאָרין האָט זיך אַ וואַקל געגעבן, אַ וואַקל אויף רעכטס, אַ וואַקל אויף לינקס. און ווען זי האָט געהאַלטן ביים פֿאַלן, האָט זי פּלוצלונג צוריק געפֿונען איר גלייכגעוויכט, וואָס זי האָט אַ ווײַלע געהאַט פֿאַרלוירן, איז שטיין געבליבן אויף די פֿיס, האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. איר פּנים איז איצט געווען ווייס, פֿאַרשטאַרט, אירע ליפּן פֿאַרשמאַכט, פֿאַרצערט און פֿאַרשלאָסן, נאָר אירע ביר־ברוינע אויגן, טיף אַרײַנגעזעצט אין די אויגן־לעכער זײַנען גרעסער געוואָרן און האָבן אַרויסגעזעצט אין גרויסע אַנגעשוואָלענע באַלמעס פֿון די ראַנדן אַרויס, און זיי האָבן געקוקט מיט אַ שטומען בליק אין דעם לייטענאַנטס פּנים. איר בליק האָט געזוכט זײַנעם, האָט אים געפֿונען, און אַנגעהעפֿט אָן זײַן בליק, האָט זי געקוקט און געשוויגן.

— פֿאַרשטאַנען, יודין?

די פֿרוי האָט געשוויגן.

— ענטפֿערן! — האָט דער לייטענאַנט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט.

די פֿרוי האָט געשוויגן.

דער לייטענאַנט האָט גענומען דעם רעוואָלווער, איז צו־געגאַנגען צו דער פֿרוי און האָט צוגעשטעלט דעם רעוואָלווער צו איר ברוסט.

— ענטפֿערן!

— איך וועל מײַנע יונגפֿרויען געהעריק פֿאַרברייטן פֿאַר דעם גרויסן כּבֿוד, וואָס וועט זיי צוגעטיילט ווערן — האָט די פֿרוי איבערגעחזרט דעם לייטענאַנטס ווערטער און געקוקט מיט אירע גרויסע אַרויסגעזעצטע אויגן אין דעם ווייטן, טיפֿן, שטומען חלל אַרײַן.

— דאָס איז אַלץ פֿאַר היינט! — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט, האָט צוריקגעלייגט דעם רעוואָלווער אין שייד, האָט גענומען די שפּיצרוט און פֿאַרלאָזט די בירוראָ פֿון דעם אַנ־שטאַלט „בנות יעקב".

*

די „בנות יעקב" זיינען געווען פֿאַרזאַמלט אין דעם גרויסן זאַל פֿון הויז. אַלע דריי-און-ניינציק מיידלעך — פֿון צוועלף ביז אַכצן יאָר; אַלע פֿאַרוואַלטערינס, לערערינס, אויפֿזעערינס, די דערוואַקסענע אויף די הינטערשטע בענק, די ייִנגערע — אין די פֿאָדער-רייען, ווי ביי אַ יום-טוב פֿייערונג אָדער צו אַ גרויסן עקזאַמען.

אויף דער פּלאַטפֿאָרמע איז געשטאַנען די דירעקטאָרין, הויך, שלאַנק און אויפֿגעריכט. איר קאָפּ האָר איז דורך די פּאָר שעה נאָך ווייסער געוואָרן. פֿאַרשוואונדן זיינען די לעצטע שפּורן שוואַרצקייט, וואָס האָט נאָך געטונקלט צווישן אירע ווייסע האָר. דערפֿאַר איז איר קאָפּ געווען באַהאַנגען מיט אַ שוואַרצן שלייער. פֿאַר איר האָבן געברענט צוויי ליכט אין לייכטער וואָס מען האָט באַנוצט פֿאַר ליכט-צינדן לכבוד שבת.

זי האָט נישט באַדאַרפֿט זאָגן קיין וואָרט. אַלע, פֿון די עלטסטע ביז די ייִנגסטע, האָבן געוואוסט, אַז דאָס וואָס זיי האָבן זיך דערויף געהאַט געריכט יעדן טאָג, איז ענדלעך געשען: עס איז געוואָרן רעאַל, וואָר, עס שטייט פֿאַר זייערע אויגן — זיי מוזן עס זען און באַשליסן ווי זיי זאָלן זיך האַלטן, וואָס צו טאָן. און זיי האָבן אַלע געוואוסט וואָס זיי האָבן צו טאָן... יעדערע פֿון זיי האָט געטראַכט וועגן דעם פֿאַר זיך, אין דער שטיל, דורך די חדשים און די יאָרן פֿון דער דייטשער באַזעצונג. טיילמאָל האָט מען זיך געסודעט וועגן דעם אויפֿן אויער, אויף די געלעגערס ביינאַכט; צום מערסטן האָט מען עס פֿאַרשוויגן. איצט איז מען זיך צונויפֿגעקומען אויפֿן רוף פֿון דער דירעקטאָרין, אויסצוהערן פֿון דער דירעקטאָרין, וואָס מען האָט צו טאָן, צו הערן דאָס וואָרט אַרויסגערעדט אָפֿן, וואָס יעדע האָט עס געטראַכט פֿאַר זיך אין דער שטיל.

אַ לאַנגע ווײַלע האָט געהערשט אַ געדיכטע שטילקייט. דירעקטאָרין און שילערינס האָבן געקוקט איינס אויפֿן אַנדערן

לאַנגע מינוטן אין שווייגן. נישט די דירעקטאָרין און נישט די מיידלעך האָבן געוואַגט דאָס מאָל צו שטערן די הייליקע שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין זאַל. קיינער האָט נישט געוואַגט צו שטערן די שטילקייט אַפילו מיט אַ שלוכץ אָדער מיט אַ קרעכץ, נאָר מען איז געשטאַנען איינס קעגן אַנדערן — שילערינס און לערערין — און מען האָט געקוקט איינס אויפֿן אַנדערן.

דערנאָך איז די דירעקטאָרין צוגעגאַנגען צום שוואַרצן טאָוול אויף דער פּלאַטפֿאָרמע, האָט גענומען דאָס שטיקל קרייד פֿון לייסטל און האָט, באַוועגנדיק לאַנגזאַם די האַנט, אויסגעשריבן אויפֿן טאָוול די צוויי העברעאישע ווערטער:

„קידוש השם".

ערשט דעמאָלט האָט די דירעקטאָרין געפֿונען איר לשון און זיך אָנגערופֿן מיטן געוויינלעכן טאָן פֿון איר לייענען אַ לעקציע:

— די היינטיקע לעקציע וועט זיין איבער דעם ענין „קידוש השם".

און זי האָט גענומען ריידן:

— קידוש השם איז איינע פֿון די גרעסטע מצוות וואָס איז אונדז אָנגעבאָטן געוואָרן פֿון דער תורה. מיר באַדאַרפֿן נישט זוכן דעם קידוש השם, ווען אָבער ער קומט צו אונדז טאָרן מיר אים נישט אויסמיידן, נאָר מיר באַדאַרפֿן אים באַטראַכטן ווי די גרעסטע זכיה, וואָס גאָט שיקט אונדז מקיים צו זיין די הויכע מצווה. אַזוי האָבן אונדז געלערנט די עשרה הרוגי־מלכות און אַלע אַנדערע מאַרטירער פֿון דער יידישער געשיכטע. גאָט האָט אונדז געבאָטן, אַז מיר זאָלן אים ליב האָבן מיטן גאַנצן האַרצן, מיטן גאַנצן נפֿש. קידוש השם גיט אונדז די געלעגנהייט צו דינען גאָט מיט אונדזער נפֿש. מיר טאָרן נישט מיט איין רגע צואיילן דעם קידוש השם פֿאַר אונדזער אייגענעם נוצן,

אזוי ווי עס לערנט אונדז דער תּנא ר׳ עקיבא: ווען די תּלמידים האָבן געוואָלט אַראָפּנעמען די שוואָמען, איינגעזאַפּט מיט וואַסער, וואָס זיי האָבן געהאַט צוגעלייגט צו זיין גליענדיק האַרץ, כּדי ער זאָל זיך לענגער פּייניקן, האָט ער זיי נישט געלאָזט, מחמת דאָס לעבן, ווי דער טויט, איז נישט אין אונדזערע הענט. אזוי מוזן מיר זיך אויך אויפפירן. ווען די סכּנה איז אזוי נאָענט, אַז זי שטייט פאַר די אויגן, ווי עס איז אין אונדזער פאַל, האָבן מיר אַ רעכט צו באַנוצן זעלבסטמאָרד, כּדי מיר זאָלן ניט געשטעלט ווערן פאַר אַ נסיון. אזוי האָבן אויך געהאַנדלט אונדזערע עלטערן. ווען זיי זיינען געקומען אין סכּנה געשטעלט צו ווערן פאַר אַ נסיון אָנצונעמען, חלילה, אַן אַנדער אמונה, האָבן זיי געשאָכטן זייערע ווייבער און קינדער מיט די אייגענע הענט, איידער זיי האָבן אַליין אָנגעטאָן די מיתה, ווי עס איז געווען דער פאַל ביי די קרייץ-צוגן, אין די גזירות ת״ח ות״ט און אין אַנדערע צייטן פון יידישער מאַרטירעריי. פון דאַנען לערנען מיר, אַז דאָרט וואו די סכּנה שטעלט אונדז אין אַ נסיון, איז כּדי מיר זאָלן, חלילה, נישט שוואַך ווערן, האָבן מיר אַ רעכט אָנצוטאָן זיך די מיתה-בידיים, נישט צו וואַרטן אַז דער שונא זאָל דאָס טאָן. די מיתה בידיים ווערט פאַררעכנט פאַר דעם רבונו-של-עולם ווי אַ קידוש השם, וואָס מען איז מיט דעם מקיים די מצווה פון ואהבת את ה׳ בכל נפשך, און די, וואָס באַגייען זי, ווערן גערעכנט פאַר קדושים אין אונדזער וועלט און אויף יענער וועלט, און זי איז מכפּר על עוונות, און זי איז די העכסטע אויסצייכענונג, וואָס די יידישע געשיכטע האָט צוצוטיילן, און דער גרעסטער חסד, וואָס גאָט, ברוך-הוא, קאָן איינעם באַווייזן. דערפאַר ווען מיר אזוי האַנדלען אין אונדזער פאַל. און מיר וועלן זיך געהעריק פאַרברייטן צו קומען פאַר כּסא של הכּבוד בקדושה ובטהרה. בנות-יעקב, זייט איר גרייט מקיים-צו-זיין די מצווה פון קידוש השם בשמחה ובאהבה, אָן טענות, כּדי קיין פּגימה זאָל זיך

נישט געפינען אויף אייערע נשמות, ווען איר וועט קומען פארן כסא של כבוד?

— נעשה ונשמע! — האט זיך געהערט א שטיל מורמלען.

נאר פון דעם געמורמל ארוים האט זיך אויסגעטיילט א ביטערער קינדערשער געיאמער פון איינער פון די גאר יונגע מיידלעך אין די פאדערשטע רייען.

די דירעקטארין האט אויפגעהערט ווייטער צו ריידן וועגן קידוש השם. זי האט זיך געווענדעט צום וויינענדיקן קינד:

— רבקה, קום ארויף אהער צו מיר.

פון דער פאדערשטער באנק האט זיך אויפגעהויבן א שווארץ-באלאקטער קאפ פון א מיידל פון א יאר צוועלף. זי האט געהאלטן איר קעפל אן א זייט, ווי עס וואלט מיד געווען צו זיצן אויף איר דינעם האלדז, און ווי אירע דינע פיס־לעך וואלטן נישט געקאנט אויסהאלטן איר קערפערל. זי איז שוואך צוגעקומען צו דער פלאטפארמע. די דירעקטארין האט איר געהאלפן ארויפגיין און זי אוועקגעזעצט אויף א שטול לעבן זיך.

— רבקה, פארוואס וויינסטו? — פרעגט די דירעקטארין.

— איך האב מורא צו שטארבן! — כליפעט דאס קינד אין אירע הענטלעך אריין.

— און צו לעבן האסטו נישט מורא, רבקהלע?

דאס קינד האט געשוויגן.

— ענטפער, רבקהלע. האסט נישט מורא צו לעבן מיט דעם וואס עס שטייט אונדז פאר?

— יא, כ'האב מורא — האט דאס קינד ווייטער געוויינט.

— הער אויף צו וויינען, רבקה. ענטפער מיר קלאר. מי זיך צו ענטפערן, ווארום עס איז זייער וויכטיק פאר אונדז אלע, וואס דו וועסט ענטפערן. וועסט זיך בארויקן, רבקהלע?

— יא.

— נא, נעם א טרונק וואסער — און ענטפער מיר.

— יאָ, לערערין.

— פֿאַרוואָס האָסטו מורא צו שטאַרבן? דערפֿאַר ווייל עס טוט וויי?

— יאָ — האָט דאָס קינד געוויינט.

— דער סם, וואָס מיר האָבן און וואָס מיר אַלע וועלן איינגעמען נאָך דעם ווי מיר וועלן אָפּזאָגן ווידוי, טוט נישט וויי. פֿאַרקערט, ער נעמט אַוועק דעם ווייטיק, ער שלעפֿערט איין ביסלעכווייז און טראָגט אונדז אַריבער אין דער אַנדערער בעסערער וועלט, ווי אויף לייכטע פֿליגל. מיר חלומען די גאַנצע צייט, מיר זעען זעאונגען פֿון זאַכן, וואָס מיר האָבן געלייענט און געלערנט וועגן זיי. אין דעם סם געפֿינט זיך אַ שטאַרקע דאָזע מאָרפֿין — האָט די לערערין דערקלערט דאָס מער פֿאַר די אַנדערע תּלמידות, פֿאַר די גרעסערע, ווי פֿאַרן קינד. — ווילס־טו נישט זען דיין מאַמען, וועלכע איז פֿריער פֿון דיר אַוועק־געגאַנגען אויף יענער זייט און וואַרט אויף דיר?

— יאָ, אוודאי וויל איך זען מיין מאַמעשי. מאַמעשי האָט מיר געזאָגט, אַז איך וויל זי זען.

— פֿאַרוואָס האָסטו מורא צו שטאַרבן?

— ווייל איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז — האָט דאָס קינד געזאָגט שוין אָן טרערן, נאָר פֿאַרכאַפּט אין שרעק.

— און וואָס דאָס לעבן איז, ווייסטו?

— יאָ, איך ווייס.

— וואָס איז עס?

— מען הרגעט אוים אַלע יידן.

— ניין, רבקהלע, עס איז נאָך ערגער.

— יאָ, איך ווייס עס. זיי פֿאַרברענען יידישע קינדער אין פֿייער־אויוונס — וויינט דאָס קינד.

— ניין, רבקהלע, נאָך ערגער.

— נאָך ערגער? — פֿרעגט דאָס קינד מיט וואונדער. — וואָס קען דאָס זיין נאָך ערגער? — זאָגט זי מיט איר זינגענ־דיקער קינדערשער שטימע.

— ווייל דו ווייסט נישט, רבקהלע, וואָס עס קאָן זיין נאָך ערגער, ביסטו ראוי, מיין קינד, צו זיין אונדזער אָנפֿירערין צום כסא־הכּבוד. ווילסטו דאָס זיין, רבקהלע?

— איך זאָל זיין די אָנפֿירערין? — האָט רבקהלע גע־שמייכלט פֿאַרחידושט אין אירע טרערן.

— יאָ, רבקהלע, דו וועסט די זכיה האָבן צו זען און צו הערן דאָס, וואָס קיינער פֿון אונדז וועט דערצו נישט זוכה־זיין. די הייליקע אמהות וועלן דיר אַנטקעגן גיין, די שכינה אַליין וועט אויסשפּרייטן אירע הענט מקבל צו זיין דיין נשמה, ווי זי שטייט צוקאָפּנס פֿון די צדיקים און נעמט אָפּ זייערע נשמות און ברענגט זיי פֿאַרן כסא של כבוד. דו פֿון אונדז אַלעמען ווייסט ניט פֿון קיין שלעכטס, און דיין נשמה קומט צוריק צו גאָט אַזוי ריין און אַזוי הייליק ווי זי איז געקומען אויף דער וועלט. דו ביסט פֿון די תּנוקות, וועלכע וועקן דאָס רחמנות פֿון די הימלען. די מוטער רחל וועקט זיך און קאָן נישט איינרוען אין איר קבר איבער דעם געוויין פֿון די ריינע יידישע קינדער. זיי, רבקהלע, אונדזער אָנפֿירערין. דו וועסט גיין די ערשטע — און מיר וועלן דיר נאָכגיין. און זאָג אונדז וואָס דו זעסט און וואָס דו הערסט אויפֿן וועג. ווילסטו זיין פֿאַר אונדז אונדזער מליץ־יושר, רבקהלע?

— יאָ, לערערין — האָט דאָס קינד געשמייכלט אין לייט־זעליקייט פֿון די טרערן אַרויס.

— און דו האָסט שוין נישט מורא צו שטאַרבן אַזוי ווי דיינע שוועסטער אויף קידוש־השם?

— ניין, לערערין.

— אויב אַזוי, זאָג איבער דאָס וואָרט, וואָס דיינע שוועס־טער האָבן געזאָגט: — נעשה ונשמע! — און האָבן דערמיט

אפּגעגעבן גבית-עדות, אַז זייערע נשמות זיינען געשטאַנען ביים באַרג סיני, ווען משה האָט אַראָפּגעבראַכט די תורה פון הימל.

— נעשה ונשמע! — האָט דאָס קינד איבערגעחזרט.

— איצט גיי צוריק, רבקהלע, און זעץ דיך צווישן דיינע שוועסטער.

רבקהלע איז אַוועק צוריק צו איר פּלאַץ אויף דער באַנק.

— טעכטער פון יעקב! — האָט די דירעקטאָרין אויסגערופן צו די רייַען מיידלעך. — איצט וועל איך אייך זאָגן וואָס מיר וועלן טאָן. גייט-אָפּ אין אייערע צימערן און זייט אייך מקדש פאַר דעם גרויסן הייליקן אַקט. באַמיט זיך צו זיין צוזאַמען, שטאַרקט איינע די אַנדערע מיט פרומע ווערטער, דערמאָנט איינע דער אַנדערער, וואָס עס שטייט איר פאָר. פרייט אייך מיט דער מצווה, גרייט זיך דערצו דעם גאַנצן טאָג. האַלט דאָס קינד רבקהלע מיט זיך. זאָלן די עלטערע טרייסטן און שטאַרקן די יינגערע. דערציילט זיי, וואָס אונדזערע אבות האָבן געטאָן, ווען זיי זיינען געבראַכט געוואָרן צו אַ נסיון. זייט אייך מוכן-ומזומן: וואַשט אייערע לייבער, טוט-אָן ריינע העמדער און קומט אַלע צוזאַמען אַהער. היינט, צוועלף אַזייגער, צו חצות, וועלן מיר אַלע צוזאַמען זיך מתוודה-זיין פאַר גאָט — און מיר וועלן אַלע צוזאַמען מקדש-זיין די גרעסטע מצווה פון דער תורה, די מצווה פון קידוש-השם. גיי, רבקהלע, מיט זיי. דיינע שוועסטער וועלן דיר זאָגן וואָס דו האָסט צו טאָן — האָט די דירעקטאָרין איבערגעגעבן דאָס קליינע מיידל אין די הענט פון די גרויסע.

*

צוועלף אַזייגער ביינאַכט זיינען די בנות-יעקב, דריי-און-נײַנציק יידישע בתולות, זיך צונויפגעקומען ווידער אין דעם זאַל, אין איינעם מיט אַלע לערערינס און אויפזעערינס, אַלע אָנגעטאָן אין ריין געוואַשענע העמדער, די פּים נאַקעט, די

האָר צעלאָזט און זיך אַוועקגעזעצט יעדערע אויף איר אָרט. די דירעקטאָרין, אָנגעטאָן אין תּכריכים, די האָר פֿאַרדעקט מיט אַ שוואַרצן שלייער, האָט גענומען די יינגסטע פֿון אַלע, רבקהלע, און זי אַוועקגעזעצט לעבן זיך אויף דער פּלאַטפֿאָרמע. אויף דער פּלאַטפֿאָרמע, פֿאַר דער דירעקטאָרין, האָבן געברענט אויפֿן טיש די צוויי ליכט אין די לייכטער, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן אין אָנשטאַלט פֿאַר שבת-בענטשן. אויפֿן טיש איז אָפֿן געלעגן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר אָנגעשאָטן אַ ווייסער פּראַשעק. אַזוי האָט יעדע בתולה אויף איר סטענדער געפֿונען אַן אָפֿענעם סידור און אַ ווייסן פּראַשעק אָנגעשאָטן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר.

דער גרויסער זאַל איז טונקל געווען. די ווינקלען זיינען אין גאַנצן געווען איינגעשלונגען פֿון דער פֿינצטערניש. עס האָבן זיך נאָר געוויזן די ווייסע נאַכט-העמדער, די תּכריכים וואָס די מיידלעך האָבן געטראָגן, און זייערע ווייסע פּנימער. אַלעמענס אויגן זיינען געווען געריכטעט צו די צוויי פֿייערלעך וואָס האָבן געפֿלעמלט אין די שבת-לייכטער אויפֿן טיש פֿאַר דער דירעקטאָרין.

— טעכטער פֿון יעקב, מיר וועלן אָנהויבן, ווי תּמיד, מיט „מה טובו אוהליך, יעקב״, — און די דירעקטאָרין האָט מיט איר העל-זינגענדיקער שטימע פֿאַרגעלייענט דעם אָנהויב פֿון דאַוונען.

די מיידלעך האָבן נאָכגעזאָגט נאָך איר.

— איצט וועלן מיר אַלע זינגען צום לעצטן מאָל דעם הימן פֿון יידישן פֿאָלק: „אַדון-עולם אשר מלך...״

די מיידלעך האָבן געזונגען דעם „אַדון-עולם״.

— איצט וועט אונדז אונדזער קליינע שוועסטער, דאָס קינד רבקהלע, פֿירזאָגן דאָס קאַפּיטל כ״ג פֿון תּהילים: „ה׳ רועי לא אחסר״. און כּדי מיר זאָלן פֿאַרשטיין די ווערטער, וועט

רבקהלע פֿאַר אונדז זאָגן דאָס קאַפּיטל אין לשון-קודש און פֿאַר־טייטשן עס אויף יידיש — און מיר אַלע וועלן איר נאָכזאָגן פּסוק נאָך פּסוק.

— „גאָט איז מיין פּאַסטוך, מיר וועט גאָרנישט פֿעלן...״

— „גאָט איז מיין פּאַסטוך, מיר וועט גאָרנישט פֿעלן...״

— „אויף גרינע לאָנקעס פֿירט ער מיך...״

— איצט, טעכטער פֿון יעקב, וועלן מיר צוזאַמען ווידוי זאָגן. זאָגט מיר נאָך וואָרט אין וואָרט.

„חטאתי, עויתי, פשעתי...״

— איצט וועלן מיר זיך אויפֿהויבן און וועלן דריי מאָל איבערחזרן „שמע, ישראל״.

די מיידלעך האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון זייערע ערטער און האָבן דריי מאָל איבערגעחזרט:

״שמע, ישראל, ה׳ אלהנו, ה׳ אחד.״

— איצט וועלן מיר זיבן מאָל איבערחזרן „ה׳ הוא אלהים״.

די דירעקטאָרין האָט אָנגעפֿירט און די מיידלעך האָבן איר אָפּגעענטפֿערט:

— ה׳ הוא אלהים.

— איצט וועלן מיר, טעכטער פֿון יעקב, איבערחזרן דעם „ואהבתה את ה׳ בכל לבבך ובכל נפֿשך״.

די מיידלעך האָבן איר נאָכגעזאָגט.

— איצט, בנות-יעקב, איז געקומען דער הייליקער מאָ־מענט פֿון קידוש-השם. מיר וועלן אַ ברכה מאַכן איבער דער מצווה און מיר וועלן „שהחינו״ מאַכן. זאָגט מיר נאָך וואָרט אין וואָרט.

„געלויבט ביסטו, גאָט, אונדזער קעניג פֿון דער וועלט, וואָס דו האָסט אונדז געהייליקט מיט דיינע מצוות און האָסט אונדז מזכה-געווען צו שטאַרבן פֿון דיין נאָמען וועגן.״

די מיידלעך האָבן איר נאָכגעזאָגט.

„געלויבט ביסטו, גאָט, אונדזוערער, קעניג פֿון דער וועלט, וואָס מיר האָבן דערלעבט און זיך דערהאַלטן ביז צו אָט דער צייט."

די דירעקטאָרין האָט גענומען דעם ווייסן פּראָשעק, וואָס איז געלעגן פֿאַר איר ביים סידור, האָט אויפֿגעהויבן דאָס פּאַ־פּירל אַזוי, אַז אַלע זאָלן עס זען, האָט עס צוגעלייגט צום מויל — און מיט פֿאַרמאַכטע אויגן אַ גרויסן שלונג געטאָן.

די טעכטער האָבן איר נאָכגעטאָן.

אַ מינוט איז שטיל געווען.

— האָבן אַלע מקיים־געווען די מצווה פֿון קידוש־השם?

— האָט די דירעקטאָרין געפֿרעגט.

— אַלע — האָבן שוואַכע שטימען אָפּגעענטפֿערט.

— זיצט רואיק אויף אייערע ערטער, באַוועגט זיך נישט, פֿאַרמאַכט די אויגן. מיט זיך אָנצושליסן זיך אָן דער אַנדערער וועלט, וואָס מיר גייען אַהין. דער סם וועט אָנהויבן ווירקן אין אַ פּאָר מינוט. איר וועט זען וויזיעס — און איר וועט איינ־שלאָפֿן אונטער די פֿליגל פֿון דער שכינה. דאָס קינד רבקהלע וועט אונדז פֿירן צו דעם כסא־הכבוד. לאָמיר שווייגן שטיל, לאָ־מיר זיך איינהערן צו דעם קינד רבקהלע. זי וועט דערזען און דערהערן פֿריער פֿון אונדז אַלעמען, וואוהין מיר גייען. גיב מיר די האַנט, שוועסטערל רבקהלע, זעסט עפּעס?

— איך זע נאָך גאָרנישט, לערערין. עס איז פֿינצטער אַרום און אומעטום. נאָר שאַ... ביים עק דאָרט זע איך פֿינקלען אַ ליכטל.

אַ מינוט שווייגן.

— קוק ווייטער, קוק טיפֿער. זאָג מיר, וואָס זעסטו איצט, רבקהלע?

— דאָס ליכטל קומט נעענטער און נעענטער. הע־הע, איך שווים צו דעם דורך אַ פֿינצטערן ים. אוי, עס איז שוין אַזוי גרויס, ווי אַ גרויסער שטערן, ווי די לבנה.

— קוק ווייטער, קוק טיפֿער, רבקהלע. זאָג אונדז, וואָס זעסטו איצט?

— איך זע גאָרנישט. איך זע נאָר ליכט און ליכט. שאַ, איצט דערשמעק איך עפּעס. אוי, וואָס פֿאַרא גוטע ריחות, פּונקט אַזוי ווי מען וואָלט היי געשניטן אויף דער לאָנקע.

— דערצייל אונדז ווייטער, רבקהלע, דערצייל.

— איצט הער איך שפּילן, ווי פֿלייטלעך וואָלטן געשפּילט אויף אַ חתונה. אַזוי דין און אַזוי שטיל שפּילן די פֿלייטלעך — און ייִנגלעך זינגען אויך. אוי, אַזאַ מאָראַלישע געזאַנג, פּונקט אַזוי ווי אין שול, צו כּל־נדרי.

— דערצייל אונדז ווייטער, רבקהלע, דערצייל.

— אַ, איצט בין איך אויף אַ גרינער לאָנקע. אוי, מאַמעלע, עס איז אַזוי גרין, איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען אַזאַ גרינקייט, אַזאַ שטילע גרינקייט. און בלימלעך וואַקסן אויף דער לאָנקע. איך ריים מיר אָפּ איינס, ריים מיר אָפּ צוויי. ווייסע און געלע מאַי־בלימעלעך וואַקסן. און בוימער שטייען, אַזעלכע הויכע בוימער, מיט אַזוי פֿיל צווייגן. איך הער פֿויגעלעך צווי־טשערן צווישן די צווייגן. שאַ, וואָס איז דאָס? שעפּסעלעך פּאַ־שען זיך, אַזעלכע קליינטשינקע, אוי, מאַמעלע לעבן, אַזעלכע ווייסע, ווי זיי וואָלטן ערשט נאָר וואָס געוואַשן געוואָרן. סטאַ־דעס שעפּעלעך אונטער יעדן בוים און פּאַסטוכער פֿיטערן זיי און שפּילן אויף פֿייפֿעלעך. און אַנדערע סטאַדעס זע איך. זיי פּאַשען זיך אויף די ברעגן פֿון די וואַסערן. זייערע ווייסע קעפּ־לעך שפּיגלען זיך אָפּ אין די וואַסער־שפּיגלען. אַ, עס איז אַזוי שיין צו זען!

— אויף גרינע פעלדער פיטערט ער אונדז... אַרום רואיקע וואַסערן פירט ער אונדז... — הערט זיך די שטים פון דער דירעקטאָרין. — זאָג אונדז, רבקהלע, וואָס זעסטו איצט?

— איצט זע איך אַ הייזל אַ קליינס. עס שטייט לעבן ווייסע בעריאָזקעלעך. שבת־ליכט ברענען אין פענצטער. און אויף דער שוועל זיצט אַ באַבעשי. אַזאַ ווייסע קליינע באַבעשי. זיצט אין אַ טערקישן שאַל, מיט אַ שבת־הויב אויפן קאָפּ. אוי, די פּלי־טערלעך, וואָס בלישטשען אין איר הויב. שאַ, וואָס טוט זי דאָס? זע, זי זיצט אויף דער שוועל און שיט בלעטלעך בשמים פון איין זיפּ אין דער אַנדערער אַריין. און אַזעלכע גוטע ריחות קומען אַרויס פון די זיפּן. אוי, עס שמעקט אַזוי מיט כלערליי גוטע ריחות, ווי דער טאַטע וואָלט הבדלה געמאַכט. זי ווינקט צו מיר: קום אַריין!

— די מוטער שרה זעט דאָס קינד. לאָמיר זיך אַלע בויגן פאַר איר — רופט די דירעקטאָרין.

— שאַ... דאָרט גייט אַ פרוי אַ הויכע. זי איז אַזאַ שיינע — און אירע האָר זיינען פאַרדעקט מיט אַ גלאַנציקן טוך ביז טיף אין אירע אויגן אַריין. זי האַלט צוויי קינדער ביי די הענט. יינגלעך זיינען זיי ביידע. איינער איז אַ ייִד, מיט פאות געקרייזלטע, אין שבת־קליידער אָנגעטאָן; און דער אַנדערער איז אַ גוי, מיט אַ פייל און שפיז אַנגעבונדן אויף זיינע לענדן. זיי קריגן זיך אַזוי, אוי וויי, און די מוטער פירט זיי ביידן ביי די הענט.

— די מוטער רבקה זעט דאָס קינד. צוויי פעלקער ראַנגלען זיך אין איר בויך. אַן אייביקן געראַנגל פירן זיי. דאָך פון איין בויך זיינען זיי אַרויסגעקומען, און איין מוטער פירט זיי ביי די הענט — זאָגט די דירעקטאָרין אין אַ שוואַכן טאָן פאַר זיך.

— דערצייל, שוועסטערל, וואָס זעסטו איצט?

— איך זע אַ פרוי, מיט קינדער אַרומגערינגלט, גייט־אָפּ אין אַ געצעלט אָן אַ זייט, ווי זי וואָלט פאַרשעמט געווען, איינע אַליין.

אונדזער פֿאַרשעמטע מוטער לאה, די מוטער פֿון זעקס שבטים, זעט דאָס קינד — זאָגט די דירעקטאָרין.

— איצט זע איך אַ פֿרוי, אין גאַנצן אין ווייסן אָנגעטאָן, און אַ לאַנגער ווייסער שלייער שלעפּט זיך נאָך אירע טריט. זי איז אַזוי הויך און שיין. אוי, מאַמעלע קרוין, איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ שיינע יידישע פֿרוי. ווי אַ יידישע מלכה זעט זי אויס. אַ שבת-קרוין לייכט אויף איר קאָפּ. און זי גייט אַזוי שטאָלץ און רואיק. אוי, ווי זי שטעלט די טריט. אָבער וואָס איז דאָס, מאַמעלע קרוין? די פֿרוי וויינט אַזוי. זי איז אַזוי שיין — און זי וויינט. די טרערן רינען פֿון אירע אויגן, ווי זי גייט אַזוי, די טרערן רינען פֿון אירע אויגן, ווי צוויי קליינע שטרעמ-לעך, און פֿאַלן אויף אירע נאַקעטע פֿיס. אוי, מאַמעלע קרוין, פֿאַרוואָס וויינט די יידישע מלכה אַזוי?

— זעט, בנות יעקב, ווער עס קומט אייך אַנטקעגן. „רחל מבכה על בניה”. לאָמיר זיך טיף נויגן פֿאַר איר.

— און איצט איז אַזוי שטיל. מאַמע-לעבן, איך האָב אַזוי מוראָ. עס איז אַזוי שטיל, ווי אין שול פֿאַר נעילה. ווי די זון וואָלט אין אַ שוואַרצן שלייער געווען איינגעהילט. און זי שיינט דורך דעם שוואַרצן שלייער אַרוים, און אַזאַ מאַראַלישקייט קומט איבער דער גאַנצער וועלט. איך ציטער אַזוי, איך האָב אַזוי מורא. לערערין, האַלט מיך אָן ביים האַנט. די פֿרוי קומט אַרוים, איינגעהילט אין אַזאַ געדיכטן שוואַרצן שלייער. אוי, מאַמע-לעבן, איך האָב נאָך קיינמאָל נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ פֿרוי. זי איז אַזוי הויך, העכער פֿון אַלע מענטשן. און זי איז אַזוי טיף פֿאַרשלייערט אין שוואַרצן. איר פּנים שטראַלט דורך דעם שוואַרצן שלייער מיט אַזאַ ליכט, ווי עס וואָלט געווען אוים לויטער הימל. אַ, איך קאָן נישט אַריינקוקן אין איר פּנים. מיינע אויגן ווערן פֿאַר-בלענדט. איך מוז זיי צושליסן. איך קאָן מער גאָרנישט זען. איך פֿיל נאָר ווי די שטראַלן ליכט, וואָס שלאָגן פֿון איר פּנים, פֿאַלן אויף מיר, און זיי וואַרעמען מיך, זיי נעמען מיך אַרום. אַ, זיי

באַצווינגען מיך, ווי צעבערס וואַסער וואָלטן זיך געגאָסן איבער מיר. און עס איז מיר אַזוי גוט. איך האָב פֿליגל באַקומען. מאַמע־לעבן, איך האָב פֿליגל באַקומען, איך קאָן פֿליען. איך פֿלי פֿון איין אָרט צום אַנדערן. ווי אַ טויב קאָן איך פֿליען. דאָס האָט די פֿרוי געמאַכט אַז איך זאָל קאָנען פֿליען. אירע שטראַלן... און עס איז אַזוי ליכטיק אַרום מיר. איך באָד זיך אין ליכטיקע טייכן. איך בין אויפֿן הימל, איך פֿלי פֿון וואָלקן צו וואָלקן. אין ליכטיקע טייכן שווים איך. דורך ליכטיקע וואָלקנס פֿלי איך. בלייבט מיר געזונט אַלע. איצט פֿלי איך אַוועק. דאָרט אויף יענעם וואָלקן שטייט מיין מאַמעלע און האַלט די הענט אויס־געשטרעקט צו מיר. און איך פֿלי צו איר.

— איך אויך... איך אויך...

און איך אויך, איך האָב אויך פֿליגל באַקומען.

— זעט ווי שיין איך שווים. זעט, דורך די ליכטיקע טייכן שווים איך אַדורך.

— און איך פֿלי און פֿלי און פֿלי.

— מאַמע!

— מאַמע!

— מאַמע!

פֿון אַלע זייטן פֿון דעם גרויסן טונקעלן זאַל האָבן זיך גע־טראָגן אַפּגעריסענע, שוואַכע, מיט לעצטע כּוחות רופֿנדיקע שטי־מעס: — מאַמע... מאַמע... מאַמע... — ביז עס זיינען אויס־געגאַנגען איינע נאָך דער אַנדערער די דריי־און־ניינציק יידישע בתולות.

די לעצטע איז געווען די דירעקטאָרין. ווען דאָס קינד האָט דערמאָנט די פֿרוי אין שוואַרצן, איז זי געפֿאַלן צו דער ערד און איז אויסגעגאַנגען מיט אַ הייליקן ציטער פֿון אירע ליפּן:

— די שכינה הקדושה...

קריסטוס אין דער געטאָ

איבער די וואַרשעווער גאַסן ווערט אַנגעטריבן אַן עדה יידן, באַהאַנגענע מיט צעריסענע טליתים. די געשטאַפּאָ-לייט האָבן זיי געכאַפּט, ווען זיי האָבן היינט, יום-טוב, ראש-השנה, זיך צונויפגעקליבן אין איינער פון די געפּאַקטע שטובן, וואָס זיי האָבן איבער יום-טוב פאַרוואַנדלט אין אַ חסידים-שטיבל צום דאַווענען. די געשטאַפּאָ לייט האָבן זיי גענומען, ווי זיי זיינען געשטאַנען ביים דאַווענען אין זייערע אָפּגעריסענע טליתים אי-בער די קעפּ, זיי אַרויסגעטריבן פון שטיבל און געפירט זיי איבער די גאַסן.

וואוהין פירט מען זיי, האָבן די יידן נישט געוואוסט. זיי האָבן געמיינט, אַז מען האָט זיי געכאַפּט אויף אַרבעט, אָדער אפשר וועט מען זיי ערגעץ וואו אוועקשיקן, פון וואַנען מען קומט שוין נים צוריק, ווי עס טרעפט אָפט די לעצטע צייטן. איינס אָדער דאָס אַנדערע איז שוין געווען גלייך פאַר די אַלץ שוין אוים-געשטאַנענע, אַלץ שוין אויסגעליטענע און אויף אַלץ גרייטע מענטשן. ווי נשתומם און דערשראָקן זיינען זיי אָבער געוואָרן, ווען די געשטאַפּאָ-לייט האָבן זיי צוגעטריבן צו דער קאַטוילי-שער קירך אויפן גזשיבאָווסקי-פּלאַץ, וועלכע איז איינגעשלאָסן אַזוי אַרום אין שטח פון דער יידישער געטאָ.

אַן אימת-מות, דערהאַלטן אין די צעלן פון בלוט, אַן אָפּ-שפּאַר פון זייער מאַרטירער-ירושה, האָט אַלאַרמירט די יידן. ווי זיי זיינען נישט געווען גרייט פאַר אַ דירעקטן טויט, זיינען זיי אָבער נישט געווען פאַרגעברייט פאַר אַ נסיון, וואָס האָט אין

גאַנצן געהאַט אויסגעפּעלט אין דער היינטיקער מאַרטירעריי, און זיי האָבן זיך געשראָקן, אַז זיי זאָלן זיך נישט געפינען שוואַך אַנטקעגן דער ברירה צו בלייבן לעבן, וואָס וועט זיי צום ערשטן מאָל דאָ געגעבן ווערן. צייט לאַנג מיישב־צו־זיין זיך האָבן זיי נישט געקאַנט; די געשטאַפּאָ־לייט האָבן אַ קאָמאַנדע געגעבן צו די דערשראָקענע יידן, ווי זיי זיינען שטיין געבליבן פאַר דער שוועל פון דער קירך:

— איינטרעטן! — און דאָס שטורכען מיט די קולבאָקן פון די ביקסן, נאָך מער, דער בליציקער בלאַנק פון די באַיאָנעטן, האָט נאָך שרעקלעכער געמאַכט דעם באַסאָון ברום פון די היי־זעריק־כאָרכלדיקע שטימען.

מיט דעם אימפּעט, וואָס עס טראָגט אין זיך די טויט־אַנגסט, זיינען די יידן איבערגעשטיגן די טונקעלע טיר און זיי האָבן צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן זיך געפונען אין דער פאַר יידן אַזוי שווער־פרעמדער אַטמאָספערע פון אַ קאַטוילישער קירך.

די קירך אויף גזשיבאָווסקי־פּלאַץ האָבן די יידן, ס'רוב איינ־וואוינער פון דער געגנט, גוט געקענט. זיי האָבן זי, פאַרשטייט זיך, געקענט נאָר פון דרויסן, מיט אירע קלאַסישע גריכישע זיילן, וואָס די פרומע האָבן אויסגעמיטן זיי צו באַמערקן אָדער צו זען. ווען עס איז זיי אויסגעקומען פאַרבייצוגיין די קירך, האָבן זיי געהאַלטן די אויגן אַראָפּגענידערט צו דער ערד. די קירך איז אויך געוועזן איין מאָל, אַ צווייט מאָל, די סיבה פון אַן איבער־פאַל, אָפט מאָל פון אומזיסטער שרעק אין די פּסחדיקע טעג. יעדן זונטאָג, ווען די קריסטלעכע יוגנט פון דער געגנט האָט זיך אַרויסגעגאָסן פאַר דעם ברייטן פאַסאַד אויפן טראָטואַר אַרוים, איז געוועזן אַ געפאַר פאַר אַ יידיש־געקליידטן יידן — און די איינוואוינער פון גזשיבאָווסקי־פּלאַץ זיינען מערסטנס געוועזן יידיש־געקליידטע יידן — צו באַווייזן זיך אויפן טראָטואַר. היינט, זינט עס איז איינגעפירט געוואָרן די געטאָ און די קריסטלעכע

איינוואוינער פֿון דער געגנט זײַנען אָפּגעשלאָסן אויף יענער זײַט מויער, שטייט די קירך ליידיק. און פּונקט אַזוי ווי די קירך, אַזוי זײַנען אַלע זאַכן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין איר, געווען אַרטיקלען פֿון מאַשין־אַרבעט, פֿון מאַסן־פּראָדוקציע. יעזוסעס פֿיגור האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין אָריגינעלקייט אָדער מיט קינסטלערישער ראַפֿינירטקייט. זי איז געווען אַ גע־וויינטלעכע קריסטוס־פֿיגור, הענגענדיק מיט די אויסגעשפּרייטע הענט און פֿאַרלייגטע פֿיס צוגעשלאָגן צום קרייץ. זי איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעך גרויסע פֿיגור, וועלכע האָט פֿאַרנומען אַ האַלבע וואַנט, געשניטן, קענטיק, ספּעציעל פֿאַר דער קירך, לויט דעם אָנגענומענעם מאָדעל פֿון דער קאַטוילישער טראַדיציע, צו־געפּאַסט צו דער אָפּשאַצונג פֿון אומגעבילדעטן פּעבל. דער קאָפּ, אַראָפּגעהאָנגען אויף דער ברוסט, וואָס איז געווען צוגעפֿאַרבט נישט זייער קינסטלעריש, האָט פֿאַרראַטן פּיזישן צער. דאָס קור־צע בערדל איז געווען געפֿאַרבט אויף בלאָנד. דער קערפּער, וואָס אַ טייל דערפֿון איז געווען פֿאַרדעקט מיט אַן אָפּגעפֿאַרבטן טוך, איז געווען איבערגעטריבן־דאַר און האָט געוויזן די אַרויסשטאַרצנ־דיקע ברוסט־ביינער. אַזוי איז אויך געווען איבערגעכאַפּט דער רויטער קאָליר פֿון בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן פֿון דער וואונד אין זײַן זײַט. דאָס אָפֿענע טאָג־ליכט פֿון דעם אויפֿגעריסענעם דאַך און דאָס פֿאַרוויכטע ליכט פֿון די קאָלירטע שטויב־זיילן האָבן די פֿאַרבן באַרויבט פֿון זייער אינטימקייט, אָבער די פֿיגור אַליין איז געווען טראַגיש. די רעגנס, וואָס האָבן געגאָסן אויף איר דורך דעם אָפֿענעם דאַך, האָבן אָפּגעריבן די פֿאַרבן און צוריקגעגעבן דעם האָלץ זײַן נאַטירלעכן אויסזען, אַ רירנדיק אויסזען פֿון דעם אַלטן, מיט מאָך־באַדעקטן האָלץ, ווי עס קוקן אויס די צעקרימטע אַלטע קריסטוסן אויף די וועגן, וואָס מען זעט זיי אין פּוילן. אַ שפּליטער פֿון אַ שראַפּנעל אָדער דער פֿאַל פֿון באַלקן האָט ביי דער פֿיגור לויז געלאָזט איין האַנט. איז זי, ווי דורך אַ וואונדער, געבליבן הענגען אין דער לופֿט, מיט דער

לאַך אין דער דלאָניע. די הענגענדיקע האַנט האָט געגעבן לעבן דער גאַנצער פּיגור. עס האָט אויסגעזען, ווי דער מענטש, וואָס הענגט, וויל זיך פּריימאַכן פון צלם און ערגעץ וואוהין אַוועק־גיין. די שפּליטער פון דעם שראַפּנעל, אָדער די ציגל און דער קאַלך פון באַלקן, וואָס זיינען געפאַלן אויף אים, האָבן איינגע־שניטן קנייטשן און לעכער אין די אַזוי גלאַטיק אויסגעכאַליעטע רוויטע בעקלעך און אים צוגעגעבן זיין הערֹאָיש־טראַגישן, הימל־אויסלייזנדיקן אַנבליק, וואָס דער מייסטער־שניצער האָט אים פאַרפעלט צו געבן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די יידן האָבן נישט געקוקט אויף דער פיגור, וואָס איז געהאָנגען פאַר זיי. זיי האָבן געהאַלטן זיי־ערע קעפּ געבויגן צו דער ערד. טייל, די הענט ווי ביים דאַווענען, נאָר געדאַוונט האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, נישט אין אַזאַ „אָרט”. זיי זיינען נאָר געזעסן מיט פאַרקלעמטע הערצער און פאַר־שנירטע קעלן און האָבן געוואַרט וואָס דאָ וועט געשען. די באַל־דיקע סכנה, וועלכע איז געהאָנגען איבער זייערע קעפּ, האָט פאַריאָגט יעדע אַנדערע און זיי געלאָזט פאַרגעסן אין זייער מעמד. אייניקע פון זיי, וואָס האָבן אַפילו אין דער געפאַר נישט געקאָנט צוריקהאַלטן זייער מענטשלעכע נייגיריקייט, האָבן צווישן די פינגער געוואָרפן אַ בליק אויף די העברעאישע אותיות, וואָס האָבן אַראָפּגעשיינט פון דעם קאָפּ פון דער פיגור; זיי האָבן אָבער באַלד מיט שרעק אַוועקגענומען זייערע בליקן, אַז זיי זאָלן נישט בלינד ווערן.

נאָר אויב די יידן האָבן נישט געקוקט אויף דעם געקריי־ציקטן, האָט דער געקרייציקטער געקוקט אויף זיי. עס איז געווען, ווי די הילצערנע געשטאַלט, הענגענדיק אויפן צלם מיט איין האַנט, האָט אויפגעהויבן דעם אַראָפּגעפאַלענעם קאָפּ פון איבער דער ברוסט און האָט די גרויסע אויגן־לעכער, וואָס זיינען געווען אויסגעבויערט אין פנים, געווענדט צו די אין צרות זיצנ־דיקע יידן. דאָס רעגן־וואַסער, וואָס האָט געוואַשן זיין פנים,

האָט אויסגעבילדעט צוויי שפּאַלטן דערויף, שאַפֿנדיק דעם עפֿעקט פֿון צוויי שטראָמלעך טרערן, וואָס האַלטן אין איין גיסן זיך פֿון די גרויסע אויגן־לעכער און פֿאַלן אַריין אין דעם קורצן בערדל, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס פּנים. די פֿריי־געוואָרענע האַנט פֿון צלם האָט מיט אַ פֿינגער געוויזן אויף דער וואונד, וואָס איז אין זיין זייט.

לאַנג האָט מען די יידן נישט געלאָזט זיצן אין שטוינען. פֿאַר דער עבענע האָט זיך באַוויזן אַ מענטשל, קורץ, דיק, מיט אַ קורצן, אַפּאָפּלעקטישן אָטעם. זיין רונדיק, רויט, בלוט־אָנגעגאָסן פּנים איז געזעסן אויף אַ שווערן טאָרס, אויף וועלכן עס האָט אויסגעפֿעלט דער האַלדז. אַ נאַקעט פּנים, אָן וואָנצעס, אָן ברע־מען; אַ גלאַנציקער, קאַלער קאָפּ ווי געגאָסן פֿון ווייסער גומי. מיט אַ פֿאַרשטיקטער שטימע האָט ער זיך געווענדט צו די יידן:

— ווער פֿון אייך איז דער פֿיר... — ער האָט זיך צוריק־געכאַפּט און געענדיקט: — דער עלטסטער.

די יידן האָבן געשוויגן און נישט געענטפֿערט.

— ענטפֿערן! — האָט דער אָנפֿירער פֿון די געשטאַפּאָ־לייט, אַ יונגערמאַן אין שטיוול, מיט שוואַרצע, חלבדיקע וואָנצעלעך און שוואַרצע, חלבדיקע אויגן, אויסגעשריגן, האָט אַרויסגע־כאַפּט זיין רעוואָלווער און אים אויפֿגעהויבן איבער זייערע קעפּ.

— מיר האָבן נישט קיין עלטסטע. אַלע ביי אונדז זיינען די עלטסטע! — האָט זיך אָנגערופֿן אַ שטימע פֿון אַ הינטערשטער ריי אַרויס.

— ווער האָט דאָס גערעדט?

— איך, מיין הער! — האָט געזאָגט אַ ייד אין אַ טלית און זיך אויפֿגעשטעלט.

— האָסט גערעדט, אַזוי ביסטו דער עלטסטער דאָ. אַהער, יודע!

פֿון די הינטערשטע רייען איז אַרויסגעקומען אַ ייד, מיט אַ טלית איבער זיין קאָפּ.

— נאָמען! — האָט דער מאַן מיט דעם קורצן אָטעם אויס־געראָפֿן.

— יודל זילבערשלאַג — האָט דער ייד גערעדט פֿון אונטער דעם טלית.

— דעם שמוציקן זאַק אַרונטער! — האָט דער מאַן גע־כאָרכלט.

דער ייד האָט עס אַזוי גלייך נישט אויסגעפֿירט, איז אַ געשטאָפּאָ־מאַן שוין צוגעלאָפֿן, האָט געגעבן אַ צי אַרונטער דעם טלית, אינאיינעם מיטן קאַפּל, און דער ייד איז געבליבן אַ צעשויבערטער, ווי אַ הינדל אונטער דעם חלף, פֿאַר דעם צו־קורצן, דיק־בייכיקן מאַן.

ווען דאָס מענטשל וואָלט אַ מינוט געוווען זיך אָפּגעשטעלט און געגעבן אַ קוק אויף דער פֿיגור, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, וואָלט אים געמוזט אויפֿפֿאַלן די אָפּשרעקנדיק־געוואַלדיקע ענלעכקייט צווישן דעם יידן, וואָס איז געשטאַנען פֿאַר אים, און דער פֿיגור אויפֿן קרייץ. ווי די פֿיגור אויפֿן קרייץ, איז דער ייד אויך געווען הויך, דאַר, זיין פּנים איינגעקנייטשט אין דער זעלביקער גרימאַסע פֿון צער און רחמנות. אָבער וואָס עס איז געווען באמת צום שטוינען אין זייער ענלעכקייט, איז געווען דער בליק פֿון די אויגן: אין זייערע ביידנס אויגן איז געלעגן נישט כּעס, נישט ביטערקייט, נאָר האַרץ־רייסנדיקער רחמנות אויף דעם מענטשן, וואָס איז געפֿאַלן אַזוי נידעריק. עס פֿאַרשטייט זיך, דאָס דיקע מענטשל האָט דאָס נישט באַ־מערקט.

— דיין באַשעפֿטיקונג? — האָט דאָס מענטשל געפֿרעגט ווייטער.

— ראַבינער.

— ראַבינער? ביסטו דאָך יאָ דער עלטסטער!

— דער עלטסטער? — האָט דער רב געזאָגט מיט אַ ביטול־שמייכל — ביי אונדז זיינען קיין עלטסטע נישטאָ! — האָט ער ווידער איבערגעזאָגט.

— יאָ עלטסטער, צי נישט עלטסטער — אין יעדן פֿאַל, ביסטו דער ריכטיקער מאַן פֿאַר דער זאַך, דער מאַן, וועמען איך באַדאַרף טאַקע האָבן. דו זעסט די פֿיגור דאָרט? — ער ווייזט אָן אויפֿן געקרייציקטן ישוע — דאָס איז דאָך אייער פֿיינט, נישט וואָר? ער איז אויך אונדזער פֿיינט. איר קאָנט מאַכן מיט אים וואָס איר ווילט.

איידער נאָך דער מענטש האָט צייט געהאַט צו פֿאַרענדיקן זיין רעדע, האָט פֿון די בענק זיך דערהערט אַ שאַרנדיקע באַוועגונג, ווי אַ ווינט וואָלט אַדורכגעבלאָזן: עס איז דאָרט פֿאַרגעגאַנגען אַ ציען מיט אַקסל, אַ שאָקלען מיט קעפּ, אַ וואַרפֿן הין און צוריק מיט בערד, אַ פֿאַרשטיקט קרעכצן, אַ ברעכן מיט די הענט, אַ בליצן מיט אויגן און אַ געמורמל מיט פֿאַרשנירטע ליפּן:

— הם... הם... טאַטע אין הימל! חלילה!

— עס וועט אייך גאָרנישט געשען, מען וועט אייך גאָרנישט טאָן דערפֿאַר. מיר זיינען נישט מער פֿון דעם קריסטלעכן גלויבן.

— און אַז מען וועט גאָרנישט טאָן דערפֿאַר, מעג מען באַליידיקן אַ פֿרעמדע אמונה? חלילה! אונדזער רעליגיע פֿאַרווערט אונדז דאָס! — זאָגט דער רבי און שאָקלט זיך דערביי מיט התלהבות ווי ביים דאַווענען.

— האָט איר דען אַליין אים נישט געטויט? — זאָגט דער מענטש מיט אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע, — פֿאַרוואָס אַזאַ אייניקייט מיטאַמאָל?

— געטויט? אַזוי זאָגן אונדזערע שונאים, ווען זיי ווילן יידן שלעכטס טאָן. מיר ווייסן דען, וואָס עס איז געווען אַמאָל? — זאָגט דער רב מיט אַ דחילו-ורחימו שמייכעלע, קוקנדיק אויפֿן מענטשן מיט ציטערדיקע לעפּלען און לעפֿצן. — אָבער היינט איז עס דאָך די אמונה פֿון מיליאָנען מענטשן, אונדזערע שכנים. ווי אַזוי קאָנען מיר, הער לעבן, זיך צורירן דערצו צום שלעכטן? ער ווייזט אָן מיט דער האַנט אויף דעם קריסטוס-בילד, אָבער

אליין קוקט ער נישט דערויף. — אונדזער אמונה פֿאַרווערט אונדז דאָס. פֿאַרקערט, אונדזער אמונה הייסט אונדז שווינען דעם גלויבן פֿון אַ מענטשן. און גלאַט אַזוי, ווי קאָן מען דאָס? וואו איז מענטשלעכקייט, מיין הער? חלילה!

— אַך, ווי שיין! אַך, ווי נאָבל! — זאָגט דאָס מענטשל און שמוצערט מיט זיינע דיקע ליפּן. — אייער גלויבן פֿאַרווערט דאָס אייך? פֿון ווען אָן? איז דאָס נישט אייער בלוטיקער פֿיינט זינט צוויי טויזנט יאָר? זענט איר דען נישט איבער אים פֿאַר־שאָלטן? פֿון וואַנען מיטאַמאָל אָט־די פֿריינטשאַפֿט, אָט־די ברײ־דערלעכקייט מיט דעם קריסטלעכן גלויבן? זאָג, יודע, איז דאָס נישט דיין היסטאָרישער פֿיינט זינט צוויי טויזנט יאָר? — און ער ווייזט ווידער אָן אויף דעם קרוציפֿיקס.

— פֿיינט? יידן האָבן פֿיל פֿיינט! — זאָגט דער רב מיט אַ ביטולדיקן שאָקל מיט זיינע אַקסל.

— האָבן אייך די קריסטן נישט פֿאַרפֿאָלגט? האָבן זיי אייך נישט אין בלאָטע געוואָרפֿן?

— אויב די קריסטן האָבן דאָס געטאָן, איז וואָס איז ער שולדיק? מן הסתם האָבן זיי נישט געהאַלטן וואָס ער האָט זיי געזאָגט. ווען זיי וואָלטן געהאַלטן וואָס ער האָט זיי געלערנט, וואָלטן זיי אוודאי אונדז נישט געווען פֿאַרפֿאָלגט. און אַנדערע, וואָס זיי גלויבן נישט אין אים, באַגייען זיי זיך דען מיט אונדז בעסער? — זאָגט דער רב, שוין גרייט אויף אַלץ.

— נו, גענוג געבאַטירט מיט דיר, יודע! דיינע מיטגלויביקע וועלן בעסערע יידן זיין ווי דו. פֿולבלוטיקע יידן, יידן — וועגדט זיך דאָס מענטש צו די יידן אויף די בענק — די קירך ווערט איבערגענומען פֿון דער רייכס־פּאָליציי פֿאַר אַ יידן־הויז. אָט־דער שמוץ דאָ מוז אין צוויי שעה צייט אויסגערייניקט ווערן! — ער ווייזט אָן מיט דער האַנט אויף דער קריסטוס־פֿיגור און די אַנדערע קריסטלעכע סימבאָלן, — און דאָס מוזט איר, יידן, טאָן. דער ייד, וואָס וועט מיטן אייגענעם פֿרייען ווילן זיך מעלדן צו

דינען, וועט פֿריי ווערן פֿון צוואַנג־אַרבעט און באַקומען אַן עקסטראַ־קאַרטל אויף קאַרטאָפֿל און ברויט. דערביי מוזן אָבער די יידן זיין אָנשטענדיק געקליידט, אין גלחישער טראַכט, פֿאַרשטייט זיך, ווי די ריכטיקע גלחים. איר קאָנט אויך דערביי פּייפֿן און זינגען, זיך זידלען און אויסשפּייען אייערע לונגען, אייער גאַנצע קריסטוס־שנאה פֿון צוויי טויזנט יאָר אויסשפּייען. איר וועט אונדז דערמיט נישט באַליידיקן. פֿאַרקערט, פֿאַרקערט!

נו, יידן, שנעלער צו דער אַרבעט! אַרוים מיטן שמוץ!

און עס האָבן זיך שוין באַוויזן, אומגעזען פֿון וואַנען זיי זיינען געקומען, עטלעכע געשטאַפּאָ־לייט מיט פּעק אַלטע קירכן־קליידער, וואָס זיי האָבן געבראַכט צו שלעפּן פֿון דער קירכן־קאַמער, און דאָ און דאָרט האָט שוין אַ געשטאַפּאָ־מאַן מיט געוואַלט אַרויפֿגעצויגן אַ קאַטוילישע געבעט־מאַנטיע אויף דעם יידישן טלית.

— נו, יידן, שנעלער צו דער אַרבעט!

— ניין, יידן, חלילה! גלייכער צו באַצאָלן מיטן לעבן איידער מחלל צו זיין אַ גלויבן פֿון מענטשן. יידן, עס איז אַ שעת־הכושר פֿון גרוים קידוש־השם.

דער רב האָט נאָך נישט געענדיקט רעדן, ערשט אַ קויל, גוט געצילט, האָט אים געטראָפֿן אין האַרץ און אים אַוועקגעלייגט צופֿוסנס פֿון דעם מאַן אויפֿן גרויסן צלם, וואָס דער רב, אין זיין אויפֿגערעגטקייט, האָט זיך געהאַט דאָרט אַוועקגעשטעלט.

— נו, יידן, שנעלער צו דער אַרבעט, אַרוים מיטן שמוץ! — האָט דער מענטש מיטן קורצן אָטעם געהאַלטן אין איין כאַרכלען מיט זיין הייזעריקער שטימע.

עס האָבן נישט געהאָלפֿן קיין שמיץ איבער די קעפּ מיט באַטיקעס! עס האָט נישט געהאָלפֿן, וואָס די געשטאַפּאָ־לייט האָבן צוגעשטעלט די מיילער פֿון זייערע רעוואָלווערן צו די שלייפֿן, צום האַרץ פֿון די יידן, וואָס זיי האָבן אָנגעשטעלט די

באַיאַנעטן פֿון זייערע ביקסן אויף די יידן, געסטראַשעט זיי אַדורכצושטעכן — די יידן האָבן זיך נישט גערירט פֿון זייערע ערטער. זיי זיינען געזעסן ווי פֿאַרשטיינערטע, טייל שוין פֿאַרשטעלטע אין די קירכן־מאַנטיעס, וואָס די געשטאַפּאָ־לייט האָבן אַרויפֿגעצווגין אויף זיי, אַנדערע איינגעהילט אין זייערע טליתים, און האָבן געהאַלטן די אויגן אַנגעשטעלט אויף דעם רב זייערן, ווי ער איז געלעגן אויסגעצויגן איבער די טרעפּלעך פֿון דער עבענע, הינטער דעם גרויסן צלם־בילד. זיי האָבן נישט געקוקט אויפֿן צלם, זיי האָבן נישט געזען די פֿיגור, וואָס הענגט אויף אים און קאַרטשעט זיך פֿון פּיין און צער, אַזוי ווי זייער רבי אויף די טרעפּלעך הינטער אים. זיי האָבן נאָר געזען זייער רב, דעם פּשיסכער רבינס אַן אייניקל, ר׳ משה בינים, דעם גרויסן למדן, דעם מחבר פֿון „שארית ישראל״, דעם פֿרומען גוטן־ייד, וועלכער האָט געטיילט ממש דעם ביסן פֿון זיין מויל און דאָס העמד פֿון זיין לייב מיט זיין עדה, און איצט דעם קדוש וטהור, וואָס איז אויסגעגאַנגען אויף קידוש־השם. זיי האָבן נישט באַמערקט, ווי דאָס הילצערנע, פֿון רעגן־אָפּגעריבענע און געשפּאָלטענע פּנים פֿון דעם הענגענדיקן מאַן איז געוואָרן סענסיטיוו־לעבעדיק: זיינע ליפּן האָבן זיך אויפֿגעעפֿנט, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן, און די באַפֿרייטע האַנט האָט געוויזן אויף דעם בלוט, וואָס גיסט זיך פֿון דער אָפֿענער וואונד אין זיין זייט. די באַפֿרייטע האַנט פֿון דעם קריסטוס אויפֿן צלם האָט אָבער אויך איצט געוויזן אויף דעם בלוט, וואָס האָט אַרויסגעקוואָלן דורך דעם געלעכערטן טלית פֿון דעם געלעכערטן האַרץ פֿון דעם רבין, וואָס איז געלעגן צופֿוסנס פֿון צלם.

נאָך אַ שעה שרייען, ליאַרעמען, שרעקן מיט רעוואָלווער־שאָסן, שלאָגן און שטעכן מיט די ביקסן, וואָס עס האָט אַלץ צו גאָרנישט געבראַכט, האָבן די פּייניקער, אויפֿגערעגטע, צערודערטע, פֿאַרביטערטע נאָך מער ווי די פֿאַרפּייניקטע, אַרויסגעטריבן די פֿאַרעקשנטע יידן מיט פֿאַרבלוטיקטע טליתים פֿון דער

קירך אַרויס, איבערלאָזנדיק דעם טויטן רבין אויף די טרעפּלעך פֿון דער עבענע.

*

אין דער קירך איז ווידער שטיל געוואָרן נאָכן גרויסן טומל. די טירן זיינען פֿאַרהאַקט געוואָרן און די גרויסע קירך איז געווען פּוסט און אויסגעליידיקט פֿון מענטשן און גייסטער. די בענק זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט רייענווייז אין דעם ברייטן און לאַנגן שטח, וואָס איז געווען אויסגעשניטן אין דער פֿאָרמע פֿון אַ שתי־וערב. די צלמדיקע פֿאָרמע פֿון דעם בנין האָט געשאַפֿן דעם עפֿעקט פֿון אַ משונה־גרויסן ריז, וואָס ליגט אויסגעצויגן איבער דעם גאַנצן שטח פֿון דער קירך מיט זיינע ברייטע אויסגעשפּרייטע אָרעמס. פֿאַרבלוטיקטע טליתים, פֿאַר־בלוטיקטע קלויסטער־מאַנטיעס, וואָס די געפּייניקטע יידן האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך, האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אויף די בענק. דאָס איז געווען דער איינציקער סימן, אַז מיט אַ פּאָר מינוט פֿריער האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ טראַגישע פּאַסירונג. אָבער דאָס געשעענע איז שוין געווען לאַנג פֿאַרשלונגען אין דער שטיל־קייט און דער ליידיקייט, וואָס האָבן געהערשט אין דער קירך: ווי אַ דאָרשטיקע חיה, האָט די שטילקייט אויסגעטרונקען יעדן גערודער, יעדן שאָרך, יעדן הויך, וואָס איז נאָר געווען אין דעם גרויסן חלל פֿון דער קירך. נאָר אין איין־איינציקן ווינקל איז אָנגעגאַנגען אַ באַוועגונג, שטיל, אָן קלאַנג, ווי זי וואָלט נישט פֿאָרגעקומען אין דער טאַט, נאָר אין דער מחשבה. דאָס איז געווען ביי דער וואַנט, הינטער דעם קרייץ, וואו דאָס ליכט פֿון טאָג האָט זיך אַריינגעגאָסן פֿון דעם אָפֿענעם דאַך און איז געפֿאַלן איבער די צוויי פֿיגורן, איבער דעם הענגענדיקן קריסטוס און איבער דעם ליגנדיקן רבין.

די באַוועגונג איז פֿאָרגעקומען אָן שום גערויש, אָן קיין צוק אַפֿילו אין דער לופֿט. די פֿיגור אויפֿן קרייץ האָט מער לעבן באַ־קומען. צוערשט איז לעבעדיק געוואָרן איר פּנים. שפּעטער האָט

דאָס לעבן זיך איבערגעטראָגן איבערן גאַנצן קערפּער. דאָס האַלץ האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין מענטשלעכן פֿלייש, און די געמאָלטע שרייענדיקע רויטע בלוט־פֿלעקן אין זיין זייט, אין זיינע הענט און פֿיס — אין לעבעדיקע וואונדן, מיט שפּורן פֿון קאָכעדיקן, מענטשלעכן בלוט. באַלד איז עפּעס געשען. דער מאַן אויפֿן קרייץ האָט באַפֿרייט זיין צווייטע האַנט פֿון דעם נאָגל, זיינע פֿיס האָבן זיך פֿונאַנדערגענומען און ער איז אַרונ־טער פֿון צלם, איבערלאָזנדיק דעם גרויסן שתי־וערב ליידיק, מיט די נעגל, וואָס האָבן געשטעקט אין אים, און די דריי העברעאישע ווערטער — „ישוע מלך יהודה״ — איבער אים.
דער לעבעדיקער ישוע איז איצט געשטאַנען ביי דעם געפּאַלע־נעם רב. ער האָט אויסגעטאָן די קליידער פֿון דעם געפּאַלענעם רב און זיי גענומען אָנטאָן אויף זיך. צוערשט די האַלב־צעריסענע אַטלעסענע יום־טובדיקע קאַפּאָטע, וואָס האָט אַזוי גוט זיך צוגעפּאַסט צום געקרייציקטן, ווי זי וואָלט לכתחילה געווען צוגעשניטן פֿאַר אים. ער האָט אַרומגעוויקלט זיין פֿאַרוואונדעטע לייב מיט איר און זי באַפֿעסטיקט מיטן גאַרטל. דערנאָך האָט ער זיינע צעשעדיקטע פֿיס אַריינגעשטעקט אין דעם רבינס שיך־לאַטשן, האָט אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד דעם רבינס קאַפּל און האָט עס אָנגעטאָן אויפֿן קאָפּ. ער האָט נישט פֿאַרגעסן אויך אָנצוטאָן אויפֿן אָרעם דעם וויים־בלויען באַנד מיטן מגן־דוד, וואָס דער רבי האָט געטראָגן אַזוי ווי יעדער ייד. צום סוף האָט ער אויפֿגעהויבן דעם טלית. דער טלית איז געווען פֿאַרבלוטיקט. דער געקרייציקטער האָט אים אַ שאָקל געטאָן און דאָס בלוט איז פֿאַרשוואונדן פֿון אים: דער טלית איז וויים געוואָרן ווי געפֿאַלענער שניי. ישוע האָט איינגעהילט זיין פּנים אין טלית און געזאָגט אַ שטילע ברכה, ווי יעדער ייד בשעת ער טוט אָן דעם טלית. ישועס פּנים איז געוואָרן אינגאַנצן ענלעך צום פּנים פֿון דעם געפֿאַלענעם רבין: די זעלבע סענסיטיוו־ציטערדיקע, אַזוי ווי שטענדיק פֿאַרחלשט־בעטנדיקע באַוואָנצטע ליפּן, וואָס

זיינען געווען האלב אָפֿן, די זעלבע גרויסע, שוואַרץ־פֿינקלדיקע, ברכות שפּרייטנדיקע אויגן, וואָס קוקן אין ווייטע וועלטן, דער זעלבער לאַנגער דינער האלדז, פֿול מיט בלויע אָדערן, ציענדיק זיך פֿון אַ פֿלאַכער ברוסט אַרויס, וואָס מען פֿילט, אַז הינטער זיין איידעלער, ברוינלעכער הויט גיסט זיך פּולסירנדיק מענטש־לעך בלוט, די ליבע און דער צער, וואָס שטראַלן אַרויס פֿון דעם בלוט און שפּיגלען זיך אָפּ, ווי אַ געטלעכער שיין, אויפֿן פּנים פֿון מענטשן. און מיט דעם פּנים פֿון אַ יידישן רבין, באַ־קליידט אין די קליידער פֿון אַ רבין, האָט ישוע פֿאַרלאָזט זיין אָרט פֿון דער וואַנט, וואו ער איז געשטאַנען, אַ צוגענאָגלטער, אין אַ פֿאַרלאָזטער, ליידיקער קירך. מיט רואיקע טריט, מיט שטילע טריט איז ער דורכגעגאַנגען די לאַנגע רייען ליידיקע בענקלעך, די גאַנצע לענג פֿון דער קירך, ביז ער איז אָנגעקומען צו אירע מאַסיווע טויערן. ער האָט אויפֿגעעפֿנט אַ טירל און איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אַרויס.

*

גייט אַ רב איבער די יידישע גאַסן אין דער געטאָ, מיטן טלית איבערן קאָפּ, קומט ער פֿון אַ קירך. די ערשטע מענטשן, וואָס ער טרעפֿט אָן, איז אַ גרופּע קריסטן. אין די וואַרשעווער גאַסן האָבן זיך דערווייל פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די יידן האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין דער פֿאַרלאָזענער קירך אויף גזשיבאָוו־סקי־פּלאַץ, האָבן זיך דאָרטן אָנגעטאָן אין גלחישע קליידער, האָבן פֿאַרשוועכט דעם צלם, חוזק געמאַכט פֿון דעם קריסטלעכן גלויבן און צעטראָטן מיט די פֿיס די הייליקע האָסטיע. היט־לעריש וויבער האָבן מיטאַמאָל זיך געפֿונען אויף דער גאַס און גערופֿן די מענער, אין נאָמען פֿון דער קאַטוילישער אמונה, אַריינצורייסן זיך אין דער געטאָ און אָפּצוראַטעווען די קריסט־לעכע הייליקייטן פֿון יידישן פֿאַנאַטיזם. אַנדערע האָבן געוואוסט צו דערציילן, אַז זיי האָבן אַליין געזען ווי די יידן האָבן אַרויס־

געשלעפּט די בענק פֿון דער פֿאַרלאָזטער קירך און זיי אַריבער־געפֿירט אין דער יידישער שול. אַנדערע האָבן דערציילט, אַז נישט נאָר דאָס, נאָר די דייטשע מאַכט האָט איבערגעגעבן די קירך צו די יידן אין דער געטאָ פֿאַר אַ יידן־הויז; די יידן האָבן פֿאַרניכטעט דעם גרויסן קרוציפֿיקס, וואָס שטייט אין דער קירך, און אַריינגעשטעלט אויף זיין אָרט אַן ארון־קודש. עס האָבן זיך אויך געפֿונען אַנפֿירער, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען צו קריגן פֿון די דייטשע באַאַמטע די דערלויבעניש אַריינצוגיין אין דער געטאָ, כּדי אָפּצוראַטעווען די קריסטלעכע הייליקייטן און אָפּצו־רעכענען זיך מיט די יידן. און באַלד טאַקע האָט אַזאַ דערלוי־בעניש זיך באַוויזן ביי איינעם אין די הענט. זיי האָבן נישט באַדאַרפֿט זיך אַריינרייסן אין דער געטאָ אַריין. זיי האָבן גע־פֿונען די טויערן פֿון דער געטאָ אָפֿן, פֿריי פֿון דער דייטשער וואַך, וואָס שטייט דאָרט געוויינלעך. און איצט האָבן אָנגעהויבן שטראָמען מענטשן, פֿאַרדעכטלעכע פֿאַרשוינען, מיט שטעקנס אין די הענט, טייל מיט בלישטשענדיקע מעסערס. אָנגעפֿירט פֿון היסטערישע ווייבער, פֿון פֿרעמדע מענער, וואָס האָבן גע־רעדט פּויליש מיט אַ דייטשן אַקצענט, האָט די מאַסע גע־שטראָמט דורך דעם טויער פֿון דער געטאָ, וואָס געפֿינט זיך ביי דעם אייזערנעם טויער, דורך דעם טויער פֿון דער קרולעוו־סקאַ גאַס. באַלד איז דער גזשיבאָווסקי־פּלאַץ אַרום דער קירך שוואַרץ געוואָרן פֿון מענטשן. און באַלד האָט דער לעבעדיקער רבי פֿון נצרת זיך געפֿונען אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייטן מיט אַן אויפֿגערייצטער, שרעק־דראָענדיקער מאַסע. דראָענדיקע פֿויסטן האָבן זיך געהויבן איבער זיין קאָפּ. מיט שנאה און כּעס אַדורכגעגליטע בליקן האָבן געשטאָכן זיין פּנים. צווישן עולם איז איצט געשטאַנען דאָס דייטשע מענטשל מיטן קורצן אָטעם. דער זעלבער, וועלכער האָט נאָר וואָס געשאָסן דעם רבין אין דער קירך. ער האָט איצט אינגאַנצן געשוויצט פֿון אויפֿרעגונג; זיין ווייס־פֿליישיק לייב האָט געשלאָגן פֿון זיך מיט ווייסע

אנגסטן. אין פוילישן לשון מיט אַ שאַרף־דייטשן אַקצענט האָט ער פֿאַנאַנדערגעלייגט פֿאַר דעם צעררייצטן המון, טייטנדיק מיט זיינע פֿעטע, קורצע פֿינגער אין דעם רבינס פּנים אַריין:

— דאָס איז ער, איינער פֿון זיי! איר זעט, פּאָליאַקן, קריסט־לעכע מענטשן, מיט די טליתים האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין דער קירך אַריין און געוואָלט זי פֿאַרוואַנדלען אין אַ יידישער סינאַגאָגע. זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט די קירכן־קליידער, באַליי־דיקט די הייליקייטן, געוואָלט פֿאַרניכטן דעם גרויסן קרוציפֿיקס. נאָך גוט, וואָס די דייטשע מיליציע האָט זיי אויפֿגעדעקט באַ־צייטנס, איידער זיי האָבן באַוויזן צו פֿאַרניכטן דעם צלם, און אַרויסגעטריבן זיי פֿון דער קירך. וועט איר זיי דאָס פֿאַרשווייגן, קריסטלעכע מענטשן? נעמט זיך אָן פֿאַרן הייליקן, קריסטלעכן גלויבן, וואָס די יידן האָבן באַליידיקט! אַ צווייטן מאָל קרייציקן יעזוסן, איינמאָל איז פֿאַר זיי ווייניק! — האָט ער אויסגעלאָזט מיט אַ פֿאַרקרימט שמייכעלע, טייטנדיק אַלץ מיטן פֿינגער אויף דעם רבין.

און באַלד האָבן זיך באַוויזן לייט, געלאָדן מיט שטעקנס, מעסערס, ריגלען, פּרענטעס אייזן, און גענומען דאָס אויסטיילן פֿריי צו יעדן איינעם, צי מען האָט עס געוואָלט אָדער ניט.

— עס וועט אייך גאָרנישט געשען דערפֿאַר. די דייטשע מאַכט ווייס ווי צו שוינען רעליגיע, און זי וועט זיך נישט אָננע־מען פֿאַר די יידן, וועלכע באַליידיקן די קריסטלעכע אמונה. עס וועט אייך גאָרנישט געשען — האָט געזאָגט איינער און אַן אַנדערער פֿון די, וואָס האָבן פֿאַנאַנדערגעטיילט די כּלי־זיין צווישן דער מאַסע.

— גאָרנישט דערפֿאַר איז ריכטיק — זאָגט מיט אַ סאַרקאַס־טישן שמייכל דאָס דיקע מענטשל מיט דער ווייס־שמאַלציקער הויט. — האָבן דען די יידן אייך נישט באַגנבעט, באַגזלט, באַ־רויבט די גאַנצע צייט? זענט איר דען נישט געווען אין די

הענט פֿון די יידישע באַנקירן, סוחרים, קרעמער, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, וועלכע האָבן געשונדן די הויט פֿון אייערע ביינער? וואָס האָבן זיי געטאָן מיט די פּויערים? אויפֿגעעפֿנט שענקען אין אַלע דערפֿער, צוגענומען פֿון פּויער זיין פֿעלד, זיינע בהמות פֿאַר פּראָצענטן. און די פֿאַררעטערישע פּוילישע פּאַנעס, וואָס פֿון זיי איז באַשטאַנען אונדזער רעגירונג, האָבן דאָס צוגעלאָזט. זיינען דען די יידן נישט געווען די פּאַנעס פֿון לאַנד אין פּיל־סודסקיס צייטן? נישט אָבער ביים פֿירער היטלער! דער פֿירער ווייס ווי אַזוי אומצוגיין מיט די יידן. ער האָט אונדז באַפֿרייט פֿון די יידן, ער האָט אונדז באַפֿרייט פֿון דער פֿאַררעטערישער רעגירונג פֿון די פּאַנעס!

— מיר וועלן ווייזן ווער עס זיינען אונדזערע פֿריינט! קומט, פּאָליאַקן, לאָמיר העלפֿן דעם פֿירער! טויט צו די יידן!

דורך דער גאַנצער צייט, וואָס דער אַגיטאַטאָר האָט גערעדט צום פֿאָלק, איז דער רבי געשטאַנען אין זיין טלית איינגעהילט, אינמיטן דעם שטורם פֿון דער אויפֿגערייצטער מאַסע, און האָט געקוקט מיט זיינע גרויסע אויגן אויף דער מאַסע בכלל און אויף יעדן באַזונדערן מענטשן בפֿרט. עס איז געווען ווי זיין בליק וואָלט זיך צעטיילט אין הונדערטער טיילן וואָס דערגרייכן צו יעדן יחיד, באַהעפֿטן זיך אָן, קייטלען זיך צונויף מיט יעדן מענטשנס אויג באַזונדער. און פֿון די אויגן האָט גערונען, ווי זיי וואָלטן געווען אָפֿענע וואונדן, קיילעכדיקע קוואַלן פֿון צער און רחמנות, פֿון תחינה און בקשה, פֿון פֿלאַטערדיקער דערוואַרטונג. און נישט נאָר די אויגן אַליין: דאָס גאַנצע פּנים איז געוואָרן איין אויג, וואָס קוועלט אַרויס פֿון זיך צער און רחמנות; זיינע ליפּן האָבן געציטערט, האַלב אויפֿגעעפֿנט, ווי ער וואָלט געמורמלט אַ געבעט; אַזוי האָט אויך זיין קורץ, שוואַרץ בערדל זיך געטרייסלט, הויבנדיק זיך און פֿאַלנדיק איבער זיין סענסי־טיוו־צוקעדיקן האַלדז. מען האָט געקענט הערן ווי זיין האַרץ

קלאַפּט הויך, אָפּשלאָגנדיק די קאַפּאָטע און דעם טלית פון זיך. ער האָט געקוקט מיט זיינע אויגן, מיט זיינע ליפּן, מיט זיין באָרד, האַלדז און האַרץ, און געבעטן זיך מיט איין פלאַמענדיקער פלאַטערדיקייט: „שטייט־ביי דעם נסיון, איך טראָג דאָס אחריות פאַר אייך און איר פאַר מיר, פאַרלאָזט מיך נישט אין דעם מאָמענט פון נסיון. פאַרשעמט מיך נישט פאַר מיין פאָטער אין הימל און מאַכט נישט מיינע יסורים צו שפּאָט און צו חוזק פאַר דעם הימל און פאַר דער ערד. אויך אייך האָב איך געבויט מיין הויז, וואַרפט עס נישט איין. די יידן זיינען געווען עדות פאַר משהן, זייט איר עדות פאַר מיר".

און עס איז געווען ווי די ווערטער האָבן זיך אַריבערגע־טראָגן דורך דעם בליץ פון זיינע אויגן, אָן דער פאַרמיטלונג פון געפיל און מחשבה, דירעקט אין די הערצער אַריין, וואוהין זיינע בליקן האָבן דערגרייכט. אַלע זיינע קוואַלנדיקע יסורים פון מענטשלעכער רשעות, וואָס ער האָט אַריבערגעטראָגן פון ערשטן טאָג אָן, אַלע נעגל, וואָס סיי פרעמדע, סיי אייגענע האָבן געשלאָגן אין זיינע הענט און אין זיינע פיס, אַלע קוואַלן פון ליכט און ליבע, פון צער און רחמנות, וואָס זיינען דורכגע־גאַנגען דורך זיינע אָדערן אין אַלע דורות, האָט ער אָנגעלאָדן אין זיינע בליקן און געשיקט זיי, ווי בליצן, אין די מענטשלעכע הערצער. און זיינע בליקן זיינען געוואָרן ווי נאָגנדיקע מיילער, האָבן איינגעזויגן זיך אין די מענטשלעכע הערצער און אַרויס־געצויגן פון דאָרט דעם לעצטן טראָפּן יושר, מענטשלעכן איינזען, אמונה און רעליגיעזע ליבע, וואָס די מענטשן האָבן געזויגן אין זיך אינאיינעם מיט דער מילך פון זייערע מוטערס. אין דער אייביקער מלחמה צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן גאָט און שטן, האָט גאָט ווידער געוואונען. די בליקן פון דעם רבין פון נצרת האָבן געלאָשן, ווי לעבעדיקע גן־עדן־קוואַלן, דאָס פייער פון גיהנום און דאָ און דאָרט האָבן מענטשן געוואָרפן די

אייזנס, די שטעקנס, די האַקמעסערס, וואָס די אויפֿרייצער האָבן זיי געגעבן אין האַנט אַריין, און דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט אַ שמועס:

— קריסטן־מענטשן, באַדענקט זיך וואָס איר טוט!

— די יידן זיינען אונדזערע ברידער אין דער צרה! מיר זיינען ביי איין משחית אין די הענט!

— מיר ווייסן, ווער עס שטייט הינטער דעם.

דער כּעס און דאָס רשעות האָבן אָנגעהויבן זיך לעשן פֿון די אויגן, אַ נייַ ליכט האָט זיך באַוויזן אין די אויגן פֿון מענטש, אַן אויסגעלייטערט ליכט פֿון רחמנות און בשותּפֿותדיקן צער.

— נאָך ווייניק האָט זיי דער דייטש אָנגעטאָן, זאָלן מיר זיך אויך פֿאַרזינדיקן פֿאַר גאָט?

— ניין, קיינמאָל וועט דער פּאָליאַק נישט איינשמוצן זיינע הענט אין מאָרד!

— ברידער פּאָליאַקן, געדענקט אַז מיר זיינען קריסטן!

די מאַסע האָט אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערצעגיין זיך.

דאָס דייטשע מענטשל האָט געצאַפּלט מיט דעם לעצטן אָטעם פֿון זיינע פֿאַרחלבטע, פֿאַרשטאָפּטע לונגען, וואָס זיינען פֿאַרטרונקען געווען אין פֿאַרלייגטע, נישט־באַוועגלעכע שיכטן פֿעטס. ער האָט געטאָן אַ טראָט נעענטער צום רבין. ביז איצט האָט ער דעם רבינס פּנים נישט געזען. ער איז געשטאַנען צווישן דער מאַסע און האָט קאָמאַנדירט מיט אַ גאַנצער מחנה אַגיטאַטאָרס. ער האָט אַגיטירט צווישן דעם צעבושעוועטן עולם, זיין ציל איז באַלד געווען דערגרייכט. ער האָט די מאַסע צערייצט און נאָך מער אויפֿגעבושעוועט: די גוים האָבן געכאַפּט די מעסערס און די אייזנס — און אָט שוין גייען זיי נאָך אים צו פּאָגראָמירן די יידישע געטאָ, צו קוילען און שעכטן. און מיטאַמאָל דערפֿילט ער ווי די מאַסע ווערט שוואַך, ווי עס לעשט

ווער דאָס פֿייער; ער זעט די ווירקונג, וואָס דעם רבינס פּנים האָט אויף דער מאַסע; ער זעט, ווי זיין גאַנץ ווערק צו ברענגען די פּאַליאַקן צו ווערן מיטהעלפֿער פֿון די דייטשן אין אויס-הרגענען די יידן און זיי, די פּאַליאַקן, אַזוי אַרום פֿאַרבינדן מיטן רייך, ווערט אָפּגעווישט פֿון עפּעס אַ יידן, פֿון איינעם, וואָס האָט זיך פֿאַרזאַמט אין דער קירך. ער רייסט זיך אַדורך דורך דער מאַסע און מיט אַ כאָרכלענדיק-כּעסדיקן געשריי, מיט אַן אויפֿ-געהויבענעם רעוואָלווער, פֿון וועלכן ער האָט נאַרוואָס געהאַט אויסגעשאָסן, לויפֿט ער צו צום יידן:

— דו, פֿאַרפֿלוכטער ייד! קומסט דאָך איצט פֿון דער קירך, האָסט דאָך פֿאַראומריייניקט דעם קריסטלעכן... — ער האָט נישט געענדיקט, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן; עס האָט אים געטראָפֿן, ווי אַ שטראַל פֿון הימל, דעם רבינס בליק.

„וואָס איז דאָס?" — האָט ער נאָך צייט געהאַט אַ טראַכט צו טאָן מיט שרעק — „דאָס איז דאָך דער זעלבער ייד, וואָס איך אַליין האָב אים אָט ערשט דערשאָסן!"

עס האָט אויפֿגעבליצט אין זיין מח דאָס בילד פֿון דעם יידן, ווי ער איז געלעגן אויסגעצויגן איבער די טרעפּלעך פֿון דער עבענע, צופֿוסנס פֿון דעם צלם, מיט אַ טויטלעכער וואונד אין האַרץ. און דאָ שטייט ער, דער ייד, און קוקט אים אַזוי אָן מיט זיינע אויגן. איז עס דער ייד, וואָס איז געהאַנגען אויפֿן צלם, צוריק לעבעדיק געוואָרן? דער געדאַנק זיינער האָט זיך אָפּגעהאַקט אינמיטן. דאָס שווער-פּולסירנדיקע בלוט אין זיינע חלב-באַלייגטע אָדערן איז שטיין געבליבן, פֿאַרגליווערט. בחינם האָט דאָס אָפּגעמאַטערטע האַרץ געפּרוווט צו שלאָגן, עס האָט זיך אָפּגעשטעלט, די ווייס-שמאַלציקע הויט האָט באַקומען אַ בלוילעכן קאָליר, זיינע ליפּן האָבן אַ ציטער געגעבן — און אין אַ רגע האָט דאָס דיקע מענטשל אָראָפּגעלאָזט זיך אויף דער ערד, אויפֿגעפּלאַצט ווי אַ צופּיל-אָנגעבלאָזענער באַלון. די קורצע

הענטלעך און פֿיסלעך האָבן נאָך אַ צאַפּל געגעבן, נאָר דער קאַלער קאָפּ, ווי אַן אָפּגעשייערטער קעסל, אָנשלאָגנדיק זיך אָן דעם ברוקיר־שטיין, איז געפֿאַלן צופֿוסנס פֿון רבין.

די מאַסע האָט זיך אָפּגערוקט און געמאַכט אַ ליידיקן פּלאַץ אַרום דעם רבין. דאָ און דאָרט האָבן קני אָנגעהויבן זיך בייגן. דער רבי איז נאָך געשטאַנען אַ ווייל. ער האָט מיט זיין בליק אַרומגענומען די מאַסע, נאָר דאָס מאָל האָט אין זיינע אויגן גע־שיינט אַ ליכט פֿון אויסגעלייטערטער פֿרייד. זיינע ליפּן האָבן זיך פֿאַרקרימט, נאָר דאָס מאָל נישט מיט צער, נאָר מיט אַ שמייכל פֿון אומענדלעכער ליבע. אין זיינע אויגן זיינען איצט טרערן געשטאַנען, טרערן פֿון לויטערער פֿרייד. ער האָט מיט די טרערן געטובלט די אַלע אויגן און די אַלע הערצער, וואָס זיינען געווען אָנגעהאַנגען אָן אים. מענטשן האָבן געפֿילט ווי עפּעס ניים איז געבוירן געוואָרן אין זיי.

אַזוי האָט עס געדויערט אַ מינוט אָדער צוויי. אַ פֿאַרכאַפּנ־דיקע שטילקייט האָט געהערשט צווישן עולם. גאָרנישט איז געשען ווי נאָר, וואָס דעם רבינס בליק, געלייטערט אין פֿרייד און ליבע, האָט אַלעמען אַרומגענומען. באַלד אָבער איז עפּעס וואָס געשען. דער רבי האָט אויפֿגעהויבן זיין האַנט פֿון טלית אַרויס און מיט דער האַנט געמאַכט אַ צייכן איבער די קעפּ פֿון דער מאַסע.

נאָך שטייען די מענטשן מיט פֿאַרכאַפּטן אָטעם, פֿאַרשטייען נישט וואָס דער צייכן פֿון דעם רבינס האַנט באַדייט, ערשט אַן אַלטער מאַן האָט אויסגעשריען מיט אַ נישט־מענטשלעך קול:

— זעט דעם צייכן אויף דער האַנט, זעט דעם צייכן!

און די גאַנצע מאַסע האָט זיך געגעבן אַ לאָז אַראָפּ אויף די קני און איינגעגראָבן די פּנימער אין דעם פּנים פֿון די שטיינער.

דער רבי איז אַדורכגעגאַנגען דורך זיי. קיינער האָט אים נישט געוואַגט נאָכצוגיין, אַפֿילו נישט נאָכצוקוקן. אַלץ איז

געלעגן מיטן פּנים צו דער ערד, נאָר דער רבי, מיטן טלית איבערן קאָפּ, איז אַדורכגעגאַנגען דעם ברייטן גזשיבאָווסקי־פּלאַץ, האָט אָפּגעניייגט אין אַ שמאָל ייִדיש געסל, איז אַריין דאָרט אין דעם ערשטן ייִדישן הויז, אַריינגעקומען אין דער ערשטער ייִדישער שטוב, און ער האָט באַגריסט די איינוואוינער מיט דעם גרוס, וואָס ער האָט געגעבן זיינע תּלמידים, בשעת ער איז צום ערשטן מאָל געקומען צוריק אין לעבן אַריין:

— שלום עליכם!

אַ קינד, שנת תש״ה

מ׳האָט די צוויי יידישע קינדער געפֿונען אין אַ דאָרף לעבן אָטוואָצק, ביי וואַרשע. נאָך דעם ווי די רויטע אַרמיי האָט איינגענומען די געגנט זיינען שלוחים פֿון אַ יידישן קאָמיטעט אין לובלין אַריבערגעפֿאָרן זוכן יידישע קינדער. אין דער גאַנ־צער געגנט אַרום וואַרשע האָט מען געפֿונען בלויז צוויי קינדער. זיי זיינען געווען באַהאַלטן ביי אַ פּויערטע, פֿאַר וועל־כער זיי האָבן געפּאַשעט חזירים. געפֿינען האָט מען זיי אין אַ שטאַל.

עס איז זייער שווער געווען צו דערקענען, אַז די קינדער זיינען יידישע. די צוויי מיידלעך פֿון אַ יאָר צען־צוועלף האָבן איצט אויסגעזען ווי פּאַרוואָרלאָזטע, פּוילישע, פּויערשע קינדער. זיי האָבן מער נישט געהאַט קיין מענטשלעכן אָנבליק, אין זייער פֿאַרלוירנקייט, אָרעמקייט, אָפּגעלאָזנקייט און שמוציקייט. זיי האָבן מער אויסגעזען ווי צוויי ווילדע חיהלעך, פֿון וועלכע ס׳האָבן אַרויסגעפֿינקלט מענטשלעכע קינדערשע אויגן, פֿול מיט שרעק און פּחד. נאָר די פּויערטע האָט דערציילט, אַז זיי זיינען יידישע קינדער, אַז זי האָט זיי אויסבאַהאַלטן ביי זיך צווישן אירע קינדער דורך דער גאַנצע צייט פֿון דער דייטשער טיראַ־נישער הערשאַפֿט.

ווען די קאָמיטעט־מענטשן האָבן אָנגעהויבן אויסצופֿרעגן די קינדער וועגן זייער אָפּשטאַם, וועגן זייערע עלטערן, האָבן זיי לכתחילה גאָרנישט געקענט אַרויסבאַקומען. איינע פֿון זיי, די עלטערע, אַ מיידל פֿון אַ יאָר צוועלף, איז אין גאַנצן געווען

פֿאַרגולמט. זי האָט געשמייכלט, אַרויסגעגלאָצט אַ פּאָר שרעקנ־דיקע אויגן און אויף אַלע פֿראַגן האָט זי געשאָקלט מיטן פֿאַר־וויאַנעטן קאָפּ האַר אויף „ניין". זי האָט גאָרניט געדענקט פֿון איר פֿאַרגאַנגענהייט. וויפֿיל די שלוחים האָבן זיך ניט באַ־מיט אַרויסצוקריגן פֿון איר אַ וואָרט איז זיי ניט געלונגען. דאָס קינד האָט פּשוט פֿאַרלוירן דאָס מענטשלעכע לשון — סיי איר אייגענעם, דאָס יידישע, סיי דאָס פּוילישע. נאָר דאָס צווייטע קינד — אַ מיידל פֿון אַ יאָר צען, מיט ברוינע שיינענדיקע אויגן, וואָס ניט די שמוציקייט, ניט די פֿאַרנאַכלעסיקייט, ניט די צרות האָבן געקענט אויסמעקן פֿון זיי דעם שפּילעוודיקן, פֿריינטלעכן קינדערשן אַנבליק — זי האָט יאָ עפּעס געדענקט פֿון איר פֿאַרגאַנגענהייט. זי האָט גערן דערציילט, ניט אין אַ סדר, נאָר אין אָפּגעהאַקטע זאַצן, ווי זי וואָלט זיך איצט דער־מאָנט אין איינצלנע עפּיזאָדן — אַזוי ווי דאָס ליכט פֿון איר זכּרון וואָלט געפֿאַלן פּאַסנווייז אויף אָפּגעבראָכענע שטיקלעך פֿון איר פֿאַרגאַנגענעם לעבן. זי האָט דערציילט וועגן די גע־שעענישן פֿון אירע דורכגעלעבטע טעג מיט אַזאַ נאַאיוויטעט, מיט אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט, ווי זיי וואָלטן געווען גע־וויינטלעכע פּאַסירונגען איבער וועלכע עס איז דאָך גאָרנישט דאָ אויף וואָס צו וואונדערן.

„און זיי האָבן צוגענומען דעם טאַטעשי און דער טאַטעשי איז שוין מער נישט צוריקגעקומען — האָט די מאַמעשי געוואָלט גיין קיין שווידער צום ווייסל און אַראָפּוואַרפֿן זיך פֿון דער אייזערנער בריק אין וואַסער אַריין. זי האָט צו אונדז געזאָגט, אַז עס וועט בעסער זיין ווען מיר וועלן זיין אַליין — די גוים וועלן אויף אונדז רחמנות האָבן און מיר וועלן זיך קענען באַ־האַלטן ביי אַנדערע שכנים, די קאָטעלמעראָווער, פֿאַר וועלכער מאַמעשי פֿלעגט נייען און טאַטעשי האָט פֿאַרקויפֿט פֿעל־האָזלעך — ווען ער איז געקומען פֿון דאָרף. מיר האָבן ניט געוואָלט, אַז מאַמעשי זאָל גיין קיין שווידער און אַראָפּוואַרפֿן זיך פֿון דער

אייזערנער בריק אין וואַסער אַריין — מיר האָבן מורא געהאַט צו בלייבן אַליין — ווייל דער דייטש האָט געכאַפּט יידישע קינדער — האָבן מיר געהיטן מאַמעשי בייטאָג און ביינאַכט און ניט אַרויסגעלאָזט פֿון הויז. נאָר מאַמעשי האָט געשפּיגן מיט בלוט — און יעדעס מאָל וואָס זי האָט אָפּגעהוסט איז אַ שטיק בלוט אַרויסגעפֿאַלן פֿון איר מויל, אַזוי גרויס ווי אַ קנאָפּ — און זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט סיי־ווי־סיי לאַנג ניט לעבן מער און ס'איז בעסער אַז זי זאָל איצט שטאַרבן — ווייל, ווען מיר וועלן זיין אַליין, וועלן מיר זיך גיכער קאָנען אַן עצה געבן — די קריסטן וועלן אונדז אַריינגעמען צו זיך — האָבן מיר איינגעזען, אַז מאַמעשי האָט רעכט — האָבן מיר שוין גאָרנישט געזאָגט — און געלאָזט מאַמעשי גיין. מאַמעשי איז אַרויסגעגאַנגען פֿון דער טיר און איז שוין מער ניט צוריקגעקומען.

„דערנאָך ווייס איך שוין ניט וואָס עס איז געשען — נאָר איך בין געגאַנגען, געגאַנגען און געגאַנגען מיט אַזוי פֿיל אַנדערע יידישע קינדער איבער פֿעלדער — מיינע ברידערלעך זיינען שוין געווען געטויט — ווייל די דייטשן האָבן די יינגלעך פֿריער געטויט — נאָר איך מיט מיין שוועסטערל זיינען געווען צווישן די מיידלעך — איך האָב מיין שוועסטער שוין אויך געהאַט פֿאַרלוירן — עס זיינען געווען אַזוי פֿיל קינדער — און פֿון גוטע הייזער, רייכע אויך, מיט מאַנטעלעך און שיכעלעך נאָך אָנגעטאָן — און עס זיינען געווען אַזעלכע ווי מיר — מיר האָבן אַלע געוויינט און אַ טייל האָבן געראָפֿן: מאַמע, מאַמע — נאָר מיר האָבן שוין מער ניט געראָפֿן — ווען מיר זיינען געווען מיד און מיר האָבן געוואָלט שלאָפֿן און איך האָב פֿאַרמאַכט מיינע אויגן און מיר זיינען געגאַנגען און געגאַנגען ביז איך בין אַנידערגעפֿאַלן — און וואָס עס איז געווען ווייס איך שוין ניט.

„און דערנאָך געדענק איך בין איך געלעגן אין אַ גרוב — אַ גאַנצע נאַכט בין איך אַזוי געלעגן. די מאַמעשי האָט אונדז אָנגעזאָגט, אַז ווען מיר וועלן זען אַ גרופּע אין פֿעלד זאָלן

מיר אַריינשפּרינגען און באַהאַלטן זיך — האָב איך זיך אַוודאי געמוזט אויסבאַהאַלטן אין אַזאַ גרוב — מאַמעשי האָט געזאָגט אַז היהלעך, ווען מען מאַכט אויף זיי אַ געיעג באַהאַלטן זיי זיך אוים אין גריבער — בין איך אַזוי געלעגן און איך האָב איינ־געהאַלטן דעם אָטעם מ׳זאָל מיך גאָרניט הערן — ווייל איך האָב מורא פאַר די הינט. — מאַמעשי האָט געזאָגט, ווען היה־לעך באַהאַלטן זיך אין גריבער שיקן די יעגער אַרוים נאָך זיי הינט נאָכצושפּירן זיי — האָב איך אויך מורא געהאַט פאַר די הינט — עס האָט זיך מיר אַלץ געדאַכט, אַז איך הער הינט בילן און זיי וועלן קומען צו מיר, אין גרוב — מיך אַרויס־שלעפּן — האָב איך זייער מורא געהאַט — און געוויינט. דער־נאָך האָב איך אויפגעהערט וויינען — ווייל איך בין געוואָרן הונגעריק — און עס איז מיר געוועזן קאַלט אויך.

„דערנאָך ווען עס איז טאָג געוואָרן האָב איך אַרויסגעקוקט פון גריבל — און איך האָב שוין קיינעם ניט געזען — ניט קיין קינדער און ניט די דייטשן, האָב איך זיך זייער גע־פרייט — בין איך באַלד אַרויסגעגאַנגען פון גרוב — און אַרומ־געקוקט זיך צי קיינער זעט מיך ניט — און עס איז קיינער ניט געוועזן אין פעלד, אַ חוץ אַ פּויער מיט אַ פּאָר פערד, וואָס האָט געאַקערט דאָס פעלד — און פון דער ווייטנס איז געשטאַנען אַ הייזל מיט אַ ברונעם — פון וועלכן מען שעפּט וואַסער מיט אַן עמער — האָט איך ניט געוואוסט — זאָל איך גיין צום פּויער אָדער זאָל איך גיין צום הייזל. בין איך גע־גאַנגען צום הייזל — ווייל איך האָב געוואָלט טרינקען פון עמער. — ווי איך בין צוגעקומען צום הייזל איז אַ הונט אַרויפ־געשפּרונגען אויף מיר — האָב איך זיך דערשראָקן און געמאַכט אַ געוואַלד — איז אַרויסגעקומען אַ פּויער מיט אַ פּויערטע פון הייזל — און זיי האָבן מיך דערזען — האָב איך זיך געוואָרפן צו זייערע פיס — וואָרעם מאַמעשי האָט מיך אַזוי געלערנט, אַז איך זאָל אַזוי טאָן און איך האָב געזאָגט אויף פּויליש:

— פריץ לעבן, האָב רחמנות אויף מיר, נעם מיך אַריין צו דיר — איך וועל דיך דינען. האָט דער פויער געזאָגט:

— גיי אַוועק פֿון דאַנען — וואָרעם דו ביסט אַ יידישע און ווען זיי וועלן דיך כאַפּן ביי מיר — וועלן זיי מיך אויך טויטן... נאָר די פויערטע האָט אַרויסגעבראַכט פֿון איר הייזל אַ שטיק שוואַרץ ברויט און האָט מיר געגעבן — און איך האָב געזאָגט:

— גאָט וועט באַצאָלן — און זי האָט מיר אויך געגעבן אַ טרינק וואַסער — און איך האָב זיך געפּרייט — וואָרעם איך בין געווען זייער הונגעריק.

„דערנאָך בין איך געגאַנגען, געגאַנגען און געגאַנגען — און איך געדענק שוין ניט אַליין וואָס עס איז געשען. — נאָר איך בין געלעגן אין אַ וועלדל — צווישן יאַגדע־קשאַקעס — און עס איז געווען אַזוי שטיל — אַז איך האָב געהערט די פֿייגעלעך פּיסטשען — און איך האָב געריסן יאַגדעס און געגעסן —און איך האָב שוין אין אַלץ געהאַט פֿאַרגעסן און געוואָלט בלייבן אין וואַלד, ווייל עס איז מיר זייער גוט געווען — נאָר וואָס מיינע ברידערלעך זיינען געווען טויט האָט מיר זייער וויי געטאָן — און אויך דאָס וואָס איך האָב ניט געוואוסט וואָס ס׳איז מיט מיין עלטערער שוועסטער ראַכטשע — וואָס איך האָב פֿאַרלוירן צווישן די קינדער — אָבער ווייטער האָט מיר גאָרניט געפֿעלט — איך האָב געקאָנט קלייבן יאַגדעס וויפֿיל איך האָב געוואָלט — און קיינער איז ניט געווען — האָב איך געקליבן און געקליבן יאַגדעס — וואָרום איך האָב זיך געוואָלט גוט אָנעסן, אַז איך זאָל ניט מער אָנגעלייגט זיין — ביז איך בין אַוועקגעפֿאַלן — און וואָס עס איז געווען ווייטער געדענק איך שוין ניט.

„נאָר איך געדענק אַז דער דייטש האָט מיך אָנגעבונדן מיט אַ שטריקל צו זיין פֿערד און מיך געשלעפּט נאָך זיך. ער איז געריטן און איך בין נאָכגעלאָפֿן נאָך דעם פֿערד, און דער וועג איז געווען אַזאַ שטיינערדיקער און מיינע פֿיס האָבן זיך

אַנגעקלאַפּט אין די שטיינער און עס האָט מיר זייער ווײ געטאָן, ווייל איך האָב פֿאַרלוירן די שיך, זיי זיינען מיר אַראָפּ־געפֿאַלן פֿון די פֿיס ווען דער דייטש האָט מיך נאָכגעשלעפּט נאָכן פֿערד, וואָרום די שיך זיינען געווען צו־גרויס פֿאַר מיר, זיי זיינען געווען דער מאַמעשיס שיך וואָס זי האָט מיר געגעבן ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען צום ווייסל קיין שווידער אַראָפּ־צעוואָרפֿן זיך פֿון אייזערנעם בריקל. מיינע פֿיס האָבן גע־בלוטיקט און די האַנט האָט מיר אויך ווי געטאָן, ווייל דער דייטש האָט מיך ענג אָנגעבונדן אויף דעם שטריקל און איך האָב געמוזט נאָכלויפֿן און איך האָב מיך געהאַלטן אין איין בעטן ביי אים: פֿריץ לעבן, האָב רחמנות אויף מיר — אַזוי ווי די מאַמעשי האָט מיך געלערנט — נאָר ער האָט מיך ניט געוואָלט הערן, נאָר געשלעפּט מיך און געשלעפּט מיך און איך בין נאָכגעלאָפֿן און נאָכגעלאָפֿן, ביז איך בין שוין אומגעפֿאַלן. און וואָס איז וויטער געווען געדענק איך שוין ניט.

„און איך בין וויטער געווען מיט אַזוי פֿיל קינדער אין אַ וואַגאָן, און ס'איז געווען אַזוי ענג דאָרט, מיר האָבן זיך גֿעשטופּט איינס דאָס אַנדערע. טייל האָבן געוויינט, נאָר מיר אַלע האָבן שוין מער ניט געוויינט... מען האָט אונדז געזאָגט אַז מען פֿירט אונדז טויטן אין אַזאַ קאַלך־אויוון, וואו מען וועט אונדז אַלעמען פֿאַרברענען. די קינדער האָבן זיך זייער דערשראָקן, ווייל ברענען טוט זייער ווײ, נאָר מיר האָבן זיך שוין ניט געשראָקן און אויך ניט מורא געהאַט. וואָרום מען האָט שוין געזאָגט, אַז אַזוי ווי מיר וועלן שטאַרבן וועלן מיר אַלע קומען אין גן־עדן אַריין, ווייל מיר זיינען אַלע יונג און ריין פֿון זינד. און דאָרט אין גן־עדן וועט אונדז זיין גוט און וואויל און וואָס מיר וועלן נאָר גלוסטן וועלן מיר באַקומען. און דאָרטן וועלן מיר זיך טרעפֿן מיט מאַמעשי און טאַטעשי, וועלכע זיינען שוין דאָרטן דאָ און וואַרטן אויף אונדז — און מיט מיין ברודער לייבוש־בערל, דער קאַמאַשן־מאַכער, וואָס

די דייטשן האָבן דעם ערשטן דערהרגעט. און אויך מיין שוועס־טער ראָכטשע איז שוין דאָרט זיכער מיט טאַטעשי און מאַמע־שי, און איך האָב שוין געוואָלט אַזוי זיין מיט זיי, דערפֿאַר האָב איך שוין גאָר ניט מורא געהאַט און גאָר ניט געוויינט, און איך האָב געזאָגט צו די אַנדערע קינדער, וואָס האָבן יאָ גע־וויינט און גערופֿן: מאַמעשי. נאַרעלעך, האָב איך געזאָגט צו זיי, עס וועט דאָך אונדז שוין זיין בעסער ווען מיר וועלן זיין דאָרטן אין גן־עדן. נאָר זיי האָבן מיר ניט געהאָרכט און טייל קינדער האָבן זייער שטאַרק געוויינט, האָב איך שוין אויך אָנגעהויבן וויינען. און וואָס עס איז געווען ווייטער געדענק איך שוין נישט ווייל איך בין איינגעשלאָפֿן.

איך בין געשלאָפֿן, געשלאָפֿן און געשלאָפֿן אפֿשר הונ־דערט יאָר — אַזוי לאַנג בין איך געשלאָפֿן. אַז איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט איז געווען שטאָק פֿינצטער — אין מיטן דער נאַכט און מיר האָבן זיך געפֿונען אויף אַ גרויס פֿעלד און אַרום מיר זיינען געלעגן קינדער און געשלאָפֿן. וואָס טו איך דאָ אויף דעם פֿעלד? איך האָב שוין ניט געדענקט ווי אַזוי איך בין דאָ אהער געקומען. נאָר מיט אַמאָל האָב איך זיך ווידער דערמאָנט, וואָס מאַמעשי האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך וועל זען אַ גרוב אין פֿעלד, זאָל איך זיך אַריינוואַרפֿן און אויסבאַהאַלטן, בין איך אַרויסגעקראָכן פֿון די קינדער — איך בין געקראָכן אויף אַלע פֿיר — אַזוי אויף די פֿיס און אויף די הענט ווי אַ הינטל בין איך אָנגעקומען צו שטעכעדיקע דראָטן, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט דאָס אָרט וואו די קינדער זיינען געלעגן אין דער ערד און געשלאָפֿן. ביי די שטעכעדיקע דראָטן האָב איך געזען שטיין דייטשן מיט ביקסן, האָב איך אוודאי מורא געהאַט, אַז זיי זאָלן מיך ניט באַמערקן, בין איך אַזוי געלעגן ביי די דראָטן און איינגעגראָבן מיין פּנים צו דער ערד, אַז זיי זאָלן ניט דערזען מיין פּנים נאָר זיי זאָלן מיינען אַז אַ קאַץ ליגט דאָ אַזוי ביי אַ פּלויט. שפּעטער

אַביסל זיינען זיך די דייטשן מיט די ביקסן צעגאַנגען אויף אַן אַנדער אָרט. איך האָב זיך אַרומגעקוקט — קיינער זעט נישט — בין איך אַוועקגעקראָכן צווישן די דראָטן. זיי האָבן צעדראַפּעט מיין פּנים. אוי, מיין גאַנץ לייב איז פֿול געווען מיט די שניטן, נאָר איך האָב נישט געפֿילט קיין ווייטיק, איך ווייס נישט פֿאַרוואָס. ביז איך בין אַדורכגעקראָכן די דראָטן און איך האָב זיך געפֿונען אויף אַ פֿרייען פֿעלד, האָב איך אָנגעהויבן צו לויפֿן, וויפֿיל כּוח איך האָב נאָר געהאַט. בין איך געלאָפֿן און געלאָפֿן ביז איך בין אַנידערגעפֿאַלן און וואָס עס איז געווען ווייטער גערעדנק איך שוין נית.

„דערנאָך בין איך געלעגן אין אַ גריבל און דייטשן זיינען געגאַנגען און געגאַנגען און געגאַנגען — מיט וועגענער און פֿערד — מיט האַרמאַטן און אַזעלכע גרויסע אייזערנע הייזער אויף רעדער און אַלע זיינען אַדורכגעגאַנגען דורך מיין גריבל. איך האָב געמיינט אַז זיי וועלן מיך צעטרעטן, נאָר זיי האָבן מיר ניט צעטראָטן. און איך בין געלעגן און געוואַרט און געוואַרט ביז אַלע זיינען פֿאַרבייגעפֿאָרן, האָב איך זיך אויפֿגעהויבן און איך בין זייער הונגעריק געווען. איך האָב זיך אַרומגעקוקט און געזען אַ דאָרף, בין איך געגאַנגען אין דאָרף אַריין. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר, איז אַרויסגעקומען די גאַספּאַדינער און האָט געקוקט אויף מיר. איך האָב גאָרנישט ניט געזאָגט און זי האָט גאָרנישט געזאָגט, האָט זי מיך גענומען און אַוועקגעפֿירט מיך אין שטאַל צו די חזירימלעך און האָט מיר דאָרט איבערגעלאָזט. שפּעטער האָט זי מיר אַרויסגעבראַכט אַ שיסל מיט זויער-מילך און אַ שטיק ברויט און האָט געזאָגט צו מיר: דו וועסט פּאַשען מיינע נייע חזירים. און ווען מען וועט דיך פֿרעגן, זאָלסטו זאָגן, אַז דו ביסט אַ קאַטאָליטשקאַ — אַ יתומה פֿון דאָרף שווענטשין, האָסט פֿאַרשטאַנען? — וואָרום דייניקע הרגענען זיי אוים ווי די פֿליגן. האָב איך געזאָגט יאָ — איך האָב פֿאַרשטאַנען.

און דו ווייסט הייסן מאַריאַ קוויאַטקאָווסקאַ, פֿאַרשטאַנען?
— האָט זי מיך געפֿרעגט — און איך האָב געזאָגט: יאָ, איך האָב פֿאַרשטאַנען. דערנאָך האָט זי גענומען אַ צלמל און געוואָלט מיך אָנטאָן אויפֿן האַלדז, האָב איך זיך נישט געלאָזט, וואָרום מאַמעשי האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זיך נישט לאָזן. האָט די גויע געזאָגט, אַז זיי וועלן מיך כאַפּן אָן צלמל וועלן זיי מיך פֿאַרשלעפּן אין די קאַלך־אויוונס. האָב איך געזאָגט: לאָזן זיי — איך בין שוין דאָרט געווען. האָט די גאָספּאָדיניע געזאָגט: זעסט, העלענקאַ איז אויך אַ יידישקע ווי דו, און טראָגט אַ צלמל — דאָס צלמל וועט דיך באַשיצן. האָב איך געזאָגט: העלענקאַ קען טראָגן, נאָר איך וועל נים טראָגן, ווייל מאַמעשי האָט מיר אַזוי אָנגעזאָגט. האָט די גאָספּאָדיניע געוואַרט אַ מינוט און נישט געוואוסט צי זי זאָל מיך לאָזן אין שטאַל אָדער זי זאָל מיך אַוועקשיקן. נאָך אַ ווײַלע האָט זי געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט און געזאָגט:

— יוכאַ — ווי דאָס האַלט צו איר וויאַראַ (אמונה) — און געלאָזט מיך מיט העלענקען אין שטאַל צו פּאַשען די חזירמלעך. און דאָס איז אַלעס וואָס איך ווייס — און שוין!

וואַרשע

אין דעם רעסטאָראַן-וואַגאָן פֿון רעזערווירטן צוג, וואָס גייט פֿון בערלין קיין וואַרשע — אַ ספּעציעלער צוג פֿאַר העכערע מיליטער-לייט און רעגירונג-באַאַמטע פֿון דייטשן רייך — איז געזעסן אַן עקסטראַ-אָרדינערער הויכער באַאַמטער, וואָס זיין פּלוצלונגדיקע דערשיינונג אין וואַגאָן האָט געהאַט אַרויסגערופֿן אַנגעשטרענגטע אויפֿמערקזאַמקייט ביי די מיליטער-לייט און באַאַמטע, וועלכע זיינען געזעסן אויסגעזעצט אַרום די סערווירטע טישן. דער באַאַמטער אַליין, באַקאַנט פֿאַר זיין פּשוטער האַלטונג און צוגעלאָזנקייט, האָט אי מיט זיין באַשיידענער באַנעמונג, אי מיט זיין פֿריינטלעכן שמייכלען, וואָס ער האָט מיט גרויס מי אַרויסגעצוואונגען פֿון זיינע באַברילטע אויגן און קורצן מויל, געטאָן אַלצדינג אַריינצוברענגען זיינע מיטשפּייזער צוריק אין דעם לייכטן הומאָר, אין וועלכן ער האָט זיי געהאַט אַנגעטראָפֿן ביי זיין אַריינקומען אין וואַגאָן. עס האָט אים אָבער נישט געהאָלפֿן.

זיין אַמט פֿון הויפּט-שעף פֿון דער געשטאַפּאָ, זיין רעפּוטאַציע פֿון אַן אומרחמנותדיקן, בלוט-דורשטיקן אכזר, זיין נאָענטע פֿאַרבינדונג מיטן פֿירער — דאָס האָט נישט נאָר די מיליטער-לייט, נאָר אַפֿילו זיין אייגענע סוויטע, זיינע מיטהעלפֿער, וועלכע האָבן אים באַגלייט אומעטום און געבילדעט אַ קייט אַרום אים, געהאַלטן אין אַן אַנגעשטרענגטער וואַכזאַמקייט. און אונטער דעם דרוק פֿון דער אימה, וואָס זיין פּערזענלעכקייט האָט אַרויסגעשיקט פֿון זיך, האָבן די מיליטערישע קעלנערס

סערווירט דאָס עסן מיט ציטערדיקע הענט, וועלכע האָבן, ווי עלעקטרישע שטראָמען, איבערגעטראָגן די נערוועזישקייט פֿון דעם דינער צום באַדינטן.

דער הויכער באַאַמטער, עסנדיק געמיטלעך, האָט געהאַלטן אין איין אַמוזירן זיין סוויטע, וועלכע איז אײַנגאַנצן באַשטאַנען פֿון הויכע געשטאַפּאָ-לייט, מיט אַנעקדאָטן פֿון דעם לעבן און פֿירן-זיך פֿון זיינע שכנים, די פֿאַרמערס און פּויערים אַרום זיין גוט אין בייערן. עס איז געווען באַקאַנט, אַז דער הויכער מאַן איז אין זיין פּריוואַטן לעבן אַ פֿאַרמער. ער האָט ליב אויפֿצו־ציען הינער און באַאַרבעט אַליין זיין גאָרטן. אין די אָוונטן קומט ער אַריין אין דער אָרטיקער קנייפּע אָדערווירטהויז צו פֿאַר־ווײַלן איבער אַ קופֿל ביר און אַ דאָמינאָ, וואָס ער שפּילט מיט איינעם פֿון די געסט.

אויך דאָ, אין דער מיט פֿון זייער הויכע מיליטער-לייט, מיידט ער אוים צו באַגריסן זיך אָדער צו קומען אין קאָנטאַקט מיט דעם אָדער יענעם הויכן גענעראַל, וואָס ער לעבט נישט מיט זיי בשלום, נאָר ער מיט זיך אַריינצוציען אין זיין קרייז באַאַמטע אָדער אַפֿילו ציוויל-לייט, גרויסע סוחרים, פֿאַברי־קאַנטן, אַגענטן פֿון דער הויך-אינדוסטריע, וועלכע פֿאָרן קיין אָסטן אויסצובייטן דאָס גרויסע רייכע לאַנד פֿון אָסטן — פּוילן, אוקראַינע — און צו פֿאַרוואַנדלען עס אין אַ מעלקנדיקער קו פֿאַר דעם רייך, צו פֿאַרשקלאַפֿן עס, ווי זיי האָבן פֿאַרשקלאַפֿט דעם מענטשן, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויפֿן לאַנד, דעם מענטשן פֿון אָסטן.

*

... דער רייך שטייט אויף דעם העכסטן שפּיץ פֿון מיליטע־רישן אויפֿשטייג אין דער וועלט. עס איז אין פֿריען פֿרילינג פֿון דעם יאָר, וואָס מיר ציילן נײַנצן הונדערט און צוויי און פֿערציק, נאָך דעם געבוירן-טאָג פֿון דעם באַגרינדער פֿון דער

קריסטלעכער אמונה. נאָך קיינמאָל פֿריער איז אַ פּראָגראַם פֿון וועלט־הערשאַפֿט, וואָס אַ מאַכט האָט זיך געשטעלט און עס פּראָקלאַמירט עפֿנטלעך, נישט אַזוי בליץ־שנעל דורכגעפֿירט געוואָרן מיליטעריש ווי די דייטשע וועלט־הערשאַפֿט, פּראָקלאַמירט פֿון אַדאָלף היטלער. עס האָט אויסגעזען, גלייך אונדזער ערד־קוגל איז פֿאַר די אָדער יענע זינד אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿון דער געטלעכער השגחה און איז איבערגעגעבן געוואָרן אין דעם רשות פֿון משחית, וואָס איז געקומען צו זיין גבורה נישט דורך מענטשלעכער אָנשטרענגונג, נאָר מיט דער הילף פֿון סיטרא־אחראדיקע מיסטישע כּוחות, וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן אין זיין רשות.

די מיליטערישע נצחונות האָבן ברייט געמאַכט דאָס פֿעלד — די וועלט — אויף איינצופֿירן די נייע אָרדענונג, וואָס היטלער האָט פּראָקלאַמירט אין „מיין קאַמף". די דייטשע חיילות שטייען ביי די טויערן פֿון מאָסקווע, און דער גאַנצער שטח — פֿון דער וואָלגע ביז צום ענגלישן קאַנאַל, פֿון די נאָרדישע פֿעלזן ביז די נאָרוועגישע ים־באָרטנס, ביז צו די עגיפּטישע פּיראַמידן — ליגט אויסגעשפּרייט פֿאַר די פֿיס פֿון משחית, ווי אַ באַצוואונגענע פֿרוי. דער רעשט פֿון אונדזער קלעגלעכער וועלט שטייט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם און מיט ציטערדיקע קני — פֿון פֿרייד און אומרואיקייט, וואָס די טייוולישע גבורה רופֿט אַרויס אין זיי.

אַפֿילו אין דעם לאַגער פֿון די, וואָס זאַמלען דעם רעשט כּוחות צו קעמפֿן קעגן טייוול, הערן זיך הויך־פֿאַררעטערישע קולות: אונטערטעניק צו ווערן דעם טייוול, וואָרעם צו אים געהערט די ממשלה, נישט צו גאָט!

שטאַרק און מעכטיק ווי אַ גאָט — און אַזוי ווערט ער פּראָקלאַמירט פֿראַנק־און־פֿריי פֿון זיינע אַפּאָסטאָלן — נעמט זיך היטלער מיט אַן אייזערנעם אָרעם, מיט בליץ־און־דונער אויסצופֿירן, צו רעאַליזירן די פּראָגראַם פֿון זיין נייער אָרדענונג, פֿון דער אָרדענונג פֿון אַ העכערער הערשאַפֿט.

פֿראַנקרייך ליגט אַ צעטראָטענע צו זיינע פֿיס. אירע זין ווערן פֿאַרשיקט אין שקלאַפֿן-צוגן צו די אינדוסטריע-תּפֿיסות פֿון דייטשלאַנד. אירע טעכטער מוזן צושטעלן די נויטיקע צאָל לאַגער-זונות פֿאַר דער דייטשער אַרמיי, ווי אירע פֿעלדער — דעם נויטיקן ווייץ, פֿרוכטן און אויל. ווי אַ מיש-ראַסע ווערט אָבער פֿראַנקרייך באַטראַכט פֿאַר צו דעגענערירט.

נאָרוועגיע און האָלאַנד קענען יאָ צוגעלאָזן ווערן ווי מיש-מאַטעריאַל צו דער העכערער דייטשער ראַסע, אָבער נאָר דאָס ווייבלעכע געשלעכט. קלייבט מען אויס די געזינטסטע פֿרויען, מיידלעך, און מען פּאָרט זיי מיט דער דייטשער יוגנט.

די סלאַווישע ראַסן זיינען באַשטימט פֿון גאָט און פֿון דעם פֿירערס אָרדענונג פֿאַר נידעריקע ראַסן, וואָס זיינען באַשאַפֿן געוואָרן צו זיין אייביקע קנעכט. זיי זיינען נישט באַרעכטיקט צו די פּריווילעגיעס פֿון בילדונג, זיי זיינען באַשטימט צו זיין דער „ראַבאָטניק" פֿאַר דעם הערשער-פֿאָלק. און כּדי דאָס אויס-צופֿירן, האָט גאָט-היטלער באַשטימט זיין ערשטן אַפּאָסטאָל, דעם אויסטראַכטער און באַגרינדער פֿון דעם ראַסישן מיטוס, דאָקטאָר ראָזענבערג, צו זיין דער מושל איבער די באַצוואונגענע סלאַווישע פֿעלקער. מיט געפֿאַנגענע סאָלדאַטן פֿון די רוסישע אַרמייען באַגייט מען זיך נישט ווי מיט געפֿאַנגענע, לויט די באַשטימטע כּללים פֿון זשענעווער אָפּמאַך: זיי ווערן גלייך פֿאַר-וואַנדלט, ווי די גאַנצע באַצוואונגענע באַפֿעלקערונג פֿון די סלאַ-ווישע מדינות, אין ראַבאָטניקעס, אין שקלאַפֿן-לעגיאָנען, וואָס ווערן געשטעלט צו באַדינען די דייטשע לאַנד-ווירטשאַפֿט און היימען.

די יידישע ראַסע, וועלכע איז די פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿאַר דער אַלטער אָרדענונג פֿון דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע, איז עלול צו דערוועקן און דערמאָנען דאָס געוויסן פֿון דער וועלט קעגן דער הערשאַפֿט פֿון דעם נייעם גאָט און טראָגט אין זיך דעם צעשטערערישן זאָמען פֿון אַ יידיש-קריסטלעכער אידייע,

וועלכע האָט געמאַכט די דייטשע ראַסע פֿאַר אַ שקלאַף צו זייער גאָט קריסטוס — די יידישע ראַסע איז אַ געפֿאַר פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון דער נייער אָרדענונג און מוז דערפֿאַר טאָטאַל פֿאַרניכטעט ווערן.

דעם באַשלוס און די מאַכט צו פֿאַרווירקלעכן דעם משפּט איבער אַ גאַנץ פֿאָלק פֿירט איצט מיט זיך דער הויפּט-שעף פֿון דער געשטאַפּאָ — הימלער — אין אַ שרעקלעכן דאָקומענט, וואָס געפֿינט זיך אין זיין בריוו-טאַש. ער האַלט דעם בריוו-טאַש לעבן זיך, זיין האַריקע האַנט רוט די גאַנצע צייט אויף אים, ער נעמט די אויגן נישט אַרונטער פֿון אים.

יענע נאַכט איז דער הויכער באַאַמטער רואיק דורכגעשלאָפֿן פֿון בערלין ביז וואַרשע — מיט דעם דאָקומענט אין דעם בריוו-טאַש לעבן אים.

*

אויפֿן צווייטן טאָג איז דער געשטאַפּאָ-שעף הימלער, אין באַגלייטונג פֿון זיין הויכער סוויטע, דורכגעפֿאָרן די ענגע גאַסן פֿון דער וואַרשעווער יידישער געטאָ צו באַקוקן זי איידער ער פֿאַרניכטעט זי.

וואָס האָט דער געשטאַפּאָ-שעף געזען?

דאָס וואָס מען האָט גערופֿן „וואַרשעווער געטאָ”, איז קאָנ-צענטרירט געוואָרן אין דעם אָרעמסטן איבער-באַפֿעלקערטן יידישן קוואַרטאַל. אין דעם שטח פֿון דעם קוואַרטאַל האָט אין די פֿאַר-מלחמהדיקע יאָרן געלעבט אַ באַפֿעלקערונג פֿון קנאַפּע זיבעציק טויזנט נפֿשות. אויף דעם שטח זיינען צונויפֿגעטריבן געוואָרן צוערשט יידן פֿון פּוילישע פּראָווינצן, שפּעטער — יידן פֿון אויסלאַנד — פֿון דייטשלאַנד, פֿון פֿראַנקרייך, פֿון האָלאַנד און אַנדערע באַזעצטע געביטן. די באַפֿעלקערונג אין דער וואַר-שעווער געטאָ האָט דענסטמאָל אויסגעמאַכט, לויט אָפֿיציעלע ציפֿערן, העכער פֿינף הונדערט און פֿופֿציק טויזנט נפֿשות.

מענטשן, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן און האָבן אָפּגע־לעבט זייער גאַנץ לעבן לאַנג אונטער אייראָפּעאישע ציווילי־זירטע באַדינגונגען — טייל פֿון זיי אין לוקסוס און וואוילטיק — זיינען איבערנאַכט אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון זייערע היימען, וואָס זיי אָדער זייערע עלטערן האָבן געבויט, פֿון זייערע שטעט און לענדער, וואָס זיי האָבן אָנגעהערט צו זיי זינט הונדערטער יאָרן און צענדליקער דורות און זיינען אונטער אוממענטשלעכע באַדינגונגען טראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין פּוילן און אַריינגע־וואָרפֿן געוואָרן אין דעם דאַנטישן גיהנום, וואָס האָט זיך גערופֿן „וואַרשעווער געטאָ".

דער מלאך־המות מיט זיינע שלוחים, די עפּידעמישע קראַנק־הייטן, האָט דאָרט געשניטן אַ פֿולן שניט פֿון טויט. די טויט־פֿאַלן אין דער געטאָ האָבן זיך געמערט, שטייגנדיק אויף העכער הונדערט פּראָצענט פֿון דער נאָרמאַלער שטערבלעכקייט צווישן דער וואַרשעווער באַפֿעלקערונג אין די אַנדערע טיילן שטאָט.

די דייטשע געשטאַפּאָ האָט געהאַלטן אין איין שפּייזן דאָס אָפֿענע מויל פֿון דעם גאָט מולך, אין וועלכן די וואַרשעווער געטאָ האָט זיך פֿאַרוואַנדלט, מיט נייע קרבנות פֿון מענער, וויבער און קינדער, וואָס זי האָט אַרויסגענומען פֿון די אייראָפּעאישע שטעט — פֿון בערלין, פֿראַנקפֿורט, דאַרמשטאַט, אַמסטערדאַם, בריסל, פּאַריז — די יידישע בירגער פֿון די אַלע שטעט.

צו יענער צייט האָבן אין דער וואַרשעווער געטאָ געלעבט צוואַנציק און פֿינף און צוואַנציק נפֿשות אין איין שטוב, בעת אין געוויינלעכע צייטן האָט אין דער איבערגעפֿילטער, קיינמאָל נישט צו־ריינער געגנט געלעבט פֿון איינעם ביז צוויי מענטשן פּער שטוב.

די געטאָ איז אָפּגעשניטן און איזאָלירט געוואָרן מיט אַ דיקן מויער פֿון די אַרומיקע גאַסן פֿון דער שטאָט וואַרשע. די דייטשע זשאַנדאַרמעריע, די געשטאַפּאָ־לייט, באַוואָפֿנט מיט

קוילן-וואָרפֿער און מאַשין-ביקסן, האָבן באַוואַכט דעם מויער. פֿאַר פֿאַרלאָזן די געטאָ-מויערן אָן אַ דערלויבעניש איז מען דער־שאָסן געוואָרן אָן משפּט. די באַפֿעלקערונג, צונויפֿגעוואָרפֿן אין דעם סדום-בעטל, האָט פֿאַרלוירן יעדן דרויסנדיקן סימן פֿון ציווי־ליזירטע מענטשן. די קליידער, וואָס מען האָט געטראָגן אויפֿן לייב, זיינען אָפּגענוצט געוואָרן, דאָס וועש איז געווען פֿאַר־לייזיקט, די שיך צעריסן.

נאָר אַ קליינער טייל פֿון דער געזונטער יוגנט, וואָס די דייטשן האָבן גענוצט פֿאַר זייער מלחמה-אינדוסטריע, האָט באַקומען קאַרגע שפּייז, וואָס איז דאָך געווען צו דער־האַלטן דעם נפֿש. דער רעשט פֿון דער באַפֿעלקערונג — די אַלטע, די פֿרויען, די קינדער — איז פֿאַראורטיילט געוואָרן צו אַ לאַנגזאַמען הונגער-טויט.

די נעכט זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן פֿון מענטשלעכן לעבן דורך אָפּשליסן די עלעקטרישע באַלייכטונג. די איינוואוינער פֿון דער געטאָ האָבן געמוזט די לאַנגע ווינטער-נעכט פֿירן אין דער פֿינצטער, ווייל די הייצונג איז אויך אָפּגעשלאָסן געוואָרן.

יעדע בילדונג פֿאַר קינדער און דערוואַקסענע איז פֿאַרבאָטן געווען, יעדער געזעלשאַפֿטלעך לעבן אָדער פֿאַרוויילונג — שטרענג אָפּגעזאָגט.

און דאָך האָט די געטאָ געלעבט, אָרגאַניזירט זיך און געשפּו־נען ווייטער דעם פֿאָדעם פֿון לעבן, וואָס אַפֿילו די שאַרפֿע דייטשע שווערד האָט נישט געקאָנט איבערשניידן. האָט מען נישט געקאָנט אויף דער פֿריי, אין גאַנץ שיינענדיקער זון אויס־לעבן זיך, איז מען געקראָכן אונטער דער ערד. אין די לאַבאַ־רינט-קאָרידאָרן פֿון די אַלטע הייזער איז אָנגעגאַנגען אַ טעטי־קייט, אַ פֿרוכטבאַרע קולטורעלע אַרבעט, וואָס נאָר אַ פֿאָלק, וואָס האָט געקאָנט אויסהאַלטן דעם מיטלאַלטער, די רדיפֿות און די פּלאָגענישן, מיט וועלכע די יידישע געשיכטע איז אַזוי

רייך; וואָס נאָר אַ פֿאָלק, וואָס איז פֿאַרמשפּט פֿון דער געט־לעכקייט אויף אייביקער עקזיסטענץ; וואָס נאָר אַ פֿאָלק, אויף וועלכן גאָט האָט געזאָגט: „וואו דו וועסט זיין, וועל איך דיך געפֿינען" — האָט דאָס געקאָנט באַווייזן.

די יידישע שטודירנדיקע יוגנט האָט צונויפֿגעזאַמלט די קינ־דער. אין די הויפֿן, צווישן מיסט־קאַסטנס און קלאָזעטן, זיינען געפֿלאַנצט געוואָרן מלחמה־גאָרטנס, און דאָרט, אין פּנים פֿון דער געשטאַפּאָ, זיינען איינגעפֿירט געוואָרן רעגלמעסיקע שול־שטודיעס פֿאַר די קינדער. אין די פֿינצטערע חדרים, אָפּגע־שניטן פֿון עלעקטרישער באַלייכטונג, זיינען געגעבן געוואָרן אָוונט־קורסן פֿאַר דערוואַקסענע.

עס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן מוזיקאַלישע קאָנצערטן, וואָס געטאָ־קינסטלער האָבן געגעבן פֿאַר זייערע געטאָ־ברידער. עס זיינען געלייענט געוואָרן לעקציעס פֿון געלערנטע און שריפֿט־שטעלער אויף בריים־פֿאַרצווייגטע וויסנשאַפֿטלעכע און ליטע־ראַרישע טעמעס. עס זיינען איינגעפֿירט געוואָרן רעגולערע פֿאַך־שולן און הויכע קורסן, מיט געניטע לערער און וויסנשאַפֿטלער.

אָבער נישט נאָר אויפֿן קולטור־געביט האָט די געטאָ זיך אָרגאַניזירט און געפֿירט איר פּריוואַטן קאַמף אין דער פֿינצטער מיט דעם משחית פֿון דער וועלט; אויך אויפֿן עקאָנאָמישן און ווירטשאַפֿטלעכן געביט. אין געהיימע בעקערייען האָבן יידישע בעקערס געבאַקן ברויט פֿון אַריינגעשמוגלטן ווייצן־מעל אין דער געטאָ, אָפּטמאָל פֿון דעם מעל, וואָס האָט געשטאַמט פֿון דער דייטשער געשטאַפּאָ, וועלכע האָט עס פֿאַרקויפֿט צו די יידן פֿאַר טייערע געלט. אַ קאָמיטעט ביי דער יידישער געמיינדע האָט געזאָרגט דערפֿאַר, אַז דאָס ברויט זאָל אָנקומען צו די הונגעריקע מיילער — פֿריי פֿון קאָסט, בחינם פֿאַר די, וואָס נויטיקן זיך.

אין געהיימע פֿאָלקס־קיכן זיינען יידישע פֿרויען געשטאַנען און זיי האָבן מיט דער אַלטער מאַגיע, מיטן משפּחה־כּישוף, וואָס זיי האָבן געירשנט פֿון זייערע מוטערס, צונויפֿגעקאָכט גע־

קעכצן, גריצן און זופּן פֿון נישט-פֿאַראַנענע מאַטעריאַלן. אַנדערע ווייבער און אַלטע מענער זיינען געזעסן אויף בוידימער, אין קעלערס, און האָבן גענייט און פֿאַרלאַטעט אַלטע קליידער. פֿון אַ חופּה-קלייד, וואָס האָט זיך פֿאַרלעגן אין אַ יידישער שטוב, ביז צו אַ זיידנעם פֿאַרלעגענעם שאָפּן-פּעלץ, וואָס מען האָט אַרויס-געשלעפּט פֿון אַ געלעגער, טיילמאָל אַפּילו פֿון אַ מעל-זאַק אָדער קאַרטאָפֿל-זאַק — האָבן זיי דאָס אַלץ איבערגעניצעוועט און אויפֿגענייט קליידער אויף צוצודעקן די נאַקעטקייט פֿון קינדער און ווייבער. אַנדערע האָבן פֿון אַלטע שיך, פֿון לעדערוואַרג, פֿון שטיקער גומי, וואָס מען האָט אויפֿגעקליבן אין די הויפֿן, אויפֿגענייט שיך, לאַטשן, קאַלאָשן פֿאַר די באָרוועסע.

גאַנצע אַטריאַדן יונגוואַרג מיט אייזנס און שטעקנס האָבן פֿאַרוואַנדלט אין גערטנער יעדע חורבה, וואָס די דייטשע האַר-מאַטן-קוילן און באָמבעס פֿון עראָפּלאַנען האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך פֿון די הייזער פֿון דער וואַרשעווער געטאָ. אַנדערע האָבן געבילדעט סאַניטאַרישע בריגאַדעס, וועלכע האָבן מיט די קאַרגע כּלים, וואָס די דייטשן האָבן זיי געלאָזט, גערייניקט די מיסט-קאַסטנס און די קלאָזעטן פֿון די געטאָ-הויפֿן, אויפֿגעהיט די אָרדענונג אין די קאָרידאָרן, אין די איבערגעפֿילטע שטיבער און חדרים.

אַזוי האָט די וואַרשעווער געטאָ, אונטער דעם אָפּצאָם פֿון דייטשן שטיוול, אָרגאַניזירט איר ווילן צו לעבן, איר טאַלאַנט פֿון אויסדויער און ווידערשטאַנד.

און דער טויט האָט זיך דערווייל געטאָן זיינס. עס איז אָנגע-גאַנגען אַ קאָנקורענץ צווישן דעם מלאך-המות און דעם געשטאַ-פּאָ-קאָמיסאַר פֿון דער וואַרשעווער געטאָ, ווער עס וועט וועמען איבעריאָגן. דער טויט האָט געהאַלטן אין איין שניידן, אין איין פֿרעסן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג, זקנים, ווייבער, קינדער, — און דער דייטשער קאָמיסאַר האָט אים געהאַלטן אין איין צושטעלן נייע קרבנות. אַזוי ווי עס איז נאָר לייִדיק געוואָרן אַ

ווינקל אין אַ שטוב פֿון דער וואַרשעווער געטאָ דורך טויטע, וואָס די איינוואוינער האָבן ביינאַכט אַרויסגעטראָגן אויף דער גאַס אַרויס. האָט דער קאָמיסאַר שוין געהאַט גרייט צען אַנדערע יידן, געבראַכט פֿון די אָקופּירטע לענדער, צו פֿאַרנעמען דעם אָרט פֿון געשטאָרבענעם און צו ווערן קאַנדידאַטן פֿאַרן טויט.

די וואַרשעווער געטאָ האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ שעכט־הויז, דורך וועלכן עס איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע יידישע באַפֿעלקערונג פֿון אייראָפּע — פֿון די אָנגעזעענסטע יידישע משכנות, פֿון די איינגעזעסנסטע יידישע פֿירמעס; נעמען, וואָס האָבן געקלונגען אין דער גרויסער וועלט און פֿאַרשאַפֿט כבוד און לויב זייערע לענדער מיט זייערע פֿאַרדינסטן אויף אַלע געביטן פֿון מענטשלעכער קולטור.

די וואַרשעווער געטאָ איז געוואָרן דער קעסלגרוב, אין וועלכן די נאַצישע מאַכט האָט אַריינגעוואָרפֿן צום פֿאַרזינקען די אייראָפּעאישע יידישע באַפֿעלקערונג אָדער די, וואָס שטאַמען־אָפּ פֿון יידן. זי איז געוואָרן דער הויף פֿון טויט, אין וועלכן היטלער האָט אַריינגעטריבן אַלע נישט־אַריער פֿון אייראָפּע.

דאָס „לעבן" אין דער וואַרשעווער געטאָ

ווען הימלער און זיין סוויטע האָבן אין שטאַרק־באַוואָפֿנטע וואָכן, אין געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן געמאַכט אין פֿרימאָרגן דעם אינספּעקציע־טור איבער די גאַסן פֿון דער וואַרשעווער געטאָ, האָבן זיי צווישן קראַנקע קינדער, וואָס האָבן זיך דאָרט געשפּילט, צווישן לעבעדיקע מתים אויך באַמערקט טויטע מתים, וואָס אָדם־נאַקעט, נאָר באַדעקט מיט פּאַפּירן, זיינען זיי דורך דער נאַכט אויסגעשפּיגן געוואָרן פֿון די הייזער פֿון דער וואַרשעווער געטאָ. אָבער דאָס איז נישט געווען גענוג: פֿאַר דער דייטשער מאַכט זיינען די יידן נישט געשטאָרבן גענוג שנעל; זיי האָבן אַריבערגעיאָגט דעם מלאך־המות און געלאָזט אים הינטער זיך.

עס איז שטענדיק געווען היטלערס מעטאָדע צוצוציען די אַרטיקע באַפעלקערונג דורך זיינע אַגענטן, זיי מאַכן פאַר שותּפים פון זיינע גזלנישע, רוצחישע מעשים און אריינשלעפּן זיי אין דעם זומפּ פון זינד און מאָרד, אין וועלכן ער האָט דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק אריינגעשלעפּט נאָך זיך. אויך דאָס מאָל האָט היטלערס געשטאַפּאָ-שעף ארויסגעבראַכט פאַר דער פּוילי-שער באַפעלקערונג אַ מאָטאָ, אַ שלאַג-וואָרט פאַר זיין מערדע-רישן פּלאַן. אויף פּלאַקאַטן איבער די וואַרשעווער גאַסן, אין די צייטונגען, וואָס די געשטאַפּאָ קאָנטראָלירט, האָט זיך באַוויזן אַ לאָזונג:

„ביי זיי אַ מויל ווייניקער, ביי אונדז אַ ברויט מער.”

דאָס האָט געהייסן, אַז די אויסשלאַכטונג פון די יידן אין פּוילן ווערט געטאָן אין די אינטערעסן פון דער פּוילישער באַ-פעלקערונג.

*

די רוסישע שלאַכטפעלדער האָבן צוגעשטעלט הונדערטער טויזנטער מלחמה-געפאַנגענע, די פאַרנומענע סאָוועטישע פּראָ-ווינצן האָבן צוגעשטעלט אַ ציווילע באַפעלקערונג פון מיליאָנען און מיליאָנען, וואָס די דייטשע מאַכט האָט באַשטימט פּשוט צו פאַרוואַנדלען אין שקלאַפן-ראַבאַטניקעס פאַר דעם הערשער-פאָלק. מען האָט זיך שוין נישט גענויטיקט אין די הונדערטער טויזנטער פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס מען האָט ביז איצט באַנוצט פאַר דער דייטשער מלחמה-אינדוסטריע און וואָס מען האָט שוין דורך שקלאַפן-אַרבעט און הונגער-שפּייז אויסגע-שעפּט פון איר אַלע אירע כּוחות: די יידישע באַפעלקערונג איז אומניצלעך געוואָרן און מען האָט באַשטימט זי צו ליקווידירן.

*

עס איז געווען אין יאָר פינף טויזנט זיבן הונדערט און פינף, לויט דער יידישער רעכענונג, אָדער אין יאָר נײַנצן הונדערט

און צוויי־און־פֿערציק נאָך דעם געבוירן פֿון דעם באַגרינדער פֿון קריסטנטום, צו וועלכן דייטשלאַנד, ווי אַ טייל פֿון דער ציוויליזירטער וועלט, איז געווען באַקערט פֿאַר אַ פּעריאָד פֿון העכער טויזנט יאָר. אין דעם טאָג, וואָס איז אָנגעבריט פֿון גאָט פֿאַר דעם טאָג פֿון פּורעניות פֿאַר יידן; אין דעם טאָג, אין וועלכן דער בית-המקדש פֿון שטיין איז שוין צוויי מאָל געווען חרוב-געוואָרן, איז היינט, אין אונדזערע טעג, דער לעבעדיקער בית-המקדש פֿון יידישן בלוט און פֿלייש צום דריטן מאָל חרוב-געוואָרן.

אין אונדזערע טעג האָט זיך אויך באַנייט די ביבלישע אויסשלאַכטונג פֿון קינדער. גאַסן און קוואַרטאַלן פֿון דער געטאָ זיינען אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון קריסטלעכע מענטשן, צוגעהעריקע צו דער נאַצישער פּאָליציי, אין באַגלייטונג פֿון ליטווישע, אויך טייל אוקראַינישע עלעמענטן, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען אין דינסט פֿון די נאַצים. די הייזער זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן פֿון יעדן פֿאַרקער מיט דער גאַס, אַזוי אַז עס איז אוממעגלעך געווען יעדע אַנטרינונג אָדער אויסבאַהאַלט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געיעג אויף קינדער. מען האָט פּשוט אַרויסגענומען די קינדער פֿון די שטיבער, די עופֿהלעך פֿון די וויגן, פֿון די בעטן, די זויגלינגען אַרויסגעריסן פֿון די מוטערס אָרעמס, אַוועקגענומען פֿון דער ברוסט, זיי אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף לאַסט-אויטאָמאָבילן און וועגענער, וואָס האָבן געוואַרט פֿאַר די הייזער, אַוועקגעפֿירט צו דער אַטוואַצקער באַן אויף מוראַנאָוופּלאַץ, אַריינגעוואָרפֿן אין פֿאַרשלאָסענע פֿראַכט-וואַגאָנען און אַוועקגעפֿירט צו די עקזעקוציע-פּלעצער, וואָס זיינען פֿון פֿריער פֿאַר דעם צוועק אויסגעריכט געוואָרן, אין די וועלדער, גאַז-און-רויכער-קאַמערן פֿון טרעבלינקאַ און בעלזשעץ.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז די מוטערס האָבן נישט אַזוי לייכט אָפּגעגעבן זייערע קינדער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געראַנגל אויף טויט און לעבן מיט די ווילד-געוואָרענע, אין אָפֿטע פֿאַלן אין משוגעת אַריינגעטריבענע מוטערס. נישט איין מוטער האָט

מען געטויט איידער זי האָט פֿרייגעלאָזט אירע אָרעמס פֿון קינד. אַנדערע האָבן זיך אַליין אַראָפּגעוואָרפֿן מיט זייערע עופֿהלעך פֿון די העכערע שטאָקן אויף דער גאַס אַראָפּ צו געפֿינען דעם טויט מיט זייערע זויגלינגען. עס האָט נישט געהאָלפֿן קיין קנוט, קיין באַיאָנעט, קיין קויל. מוטערס האָבן מיט נאַקעטע הענט געקעמפֿט קעגן שווערדן און ביקסן. אָבער זייער מי איז געווען אומזיסט.

אין אַ קורצער צייט זיינען ליקווידירט געוואָרן אַלע קינדער — פֿון אַ טאָג ביז צו זעכצן יאָר אַלט — אין דער וואַרשעווער געטאָ. מען האָט אַרויסגענומען גאַנצע קינדער-אַנשטאַלטן צו פֿאַרניכטן זיי אינאיינעם מיט זייערע דערציִער און לערער, יתומים-הייזער, סאַניטאַריומס. אין דער שחיטה איז אויך דער אידעאַליסטישער דאָקטאָר קאָרטשאַק אומגעקומען צוזאַמען מיט די יתומים פֿון זיין אַנשטאַלט, וואָס ער האָט אים זיין גאַנץ לעבן געהאַט אָוועקגעגעבן. אין מעדעמס סאַניטאַריום אין אָטוואָצק זיינען די לערער און די דערציִער, נישט וועלנדיק פֿאַרלאָזן די קראַנקע קינדער, מיטגעפֿאָרן מיט זיי אין זייער לעצטער רייזע— צו די טויט-קאַמערן.

האַנדל מיט קינדער-לעבנס

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמוגלען און אַ האַנדל מיט קינדער-לעבנס. פֿאַר אַ גרויסער סומע געלט האָט מען געקאָנט אַ קינד אַרויסשמוגלען פֿון דער געטאָ און אויסבאַהאַלטן אין אַ פּוילישער קריסטלעכער שטוב. אמת טאַקע, אַזאַ אַקט האָט געשמעקט מיט טויט, נאָר עס האָבן זיך געפֿונען גענוג בעלנים צווישן דער פּוילישער באַפֿעלקערונג אויף יענער זייט מויער, וואָס זיינען וויליק געווען פֿאַר אַ סומע פֿון פֿערציק ביז זעכציק טויזנט זלאָטעס — פֿון צען ביז צוועלף טויזנט דאָלער — איינצושטעלן דאָס לעבן און אויסצובאַהאַלטן ביי זיך דאָס אַרויסגעשמוגלטע קינד. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דעם „לוקסוס" פֿון אָפּ-

ראַטעווען די קינדער פֿון די פּרעגל־קאַמערן פֿון טרעבלינקאַ און בעלזשעץ האָבן זיך נאָר געקאָנט דערלויבן די גאָר רייכע, וואָס האָבן געקאָנט אויסבאַהאַלטן אַזעלכע סומען פֿון די געשטאַפּאָ־לייט. אָבער אויך אַט־די קינדער איז נישט לאַנג באַשערט געווען צו לעבן. קוים איז די סומע נישט צוגעשטעלט געוואָרן, האָט מען דאָס קינד אַרויסגעוואָרפֿן אויף די וואַרשעווער גאַסן, וואָס עס האָט געהייסן אויסגעליפֿערט צו אַ זיכערן טויט.

עס האָבן אויך געטראָפֿן פֿאַלן, ווען דער קריסטלעכער אַדאָפּטיר־פֿאָטער האָט נאָכן באַקומען די סומע געלט געוואָלט זיך באַפֿרייען פֿון דעם שאָטן פֿון טויט, וואָס איז געהאַנגען אויף אים, און האָט איבערגעגעבן דאָס קינד צו דער געשטאַפּאָ. אין יעדן פֿאַל, האָבן נאָר איינצלנע, גאַנץ געציילטע עלטערן אָפּגעראַטעוועט זייערע קינדער פֿון טויט. דאָס זיינען געווען די גאָר רייכע, וועלכע האָבן פֿאַרמאָגט די גרויסע סומע געלט צו באַצאָלן; פֿאַר די אָרעמע איז קיין רעטונג, קיין אַנטרינונג נישט געבליבן.

דאָך האָבן אויך געטראָפֿן איינצלנע פֿאַלן פֿון קריסטלעכער האַנדלונג מצד דער פּוילישער באַפֿעלקערונג. דורך אַזאַ אָדער אַנדער צופֿאַל איז אַ פֿאַרצווייפֿלטן קינד אַמאָל געלונגען צו אַנטרינען פֿון די נעגל פֿון משחית: אַ קינד האָט באַוויזן אַמאָל די העלדישקייט אַריבערצוקלעטערן דעם מיט שפּיציקע שטעכערס באַשלאָגענעם הויכן מויער פֿון דער געטאָ אָדער אָנגעווענדט אַן אַנדער שווער מיטל אַזאַ, וואָס נאָר קינדער, געשטאַרקט דורך דעם ווילן צו לעבן, קאָנען אויסטראַכטן און אויסגעפֿינען.

אַזעלכע קינדער, וואָס האָבן זיך דורכגעשמוגלט דורך די רינגען פֿון טויט, האָבן זיך באַוויזן ביינאַכט ווי שאָטנס אין די טונקעלע קאָרידאָרן פֿון די פּוילישע הייזער, האָבן אָנגעקלאַפּט אין טויטלעכע אַנגסטן אין פֿרעמדע שטיבער. אין די מערסטע

פֿאַלן זיינען זיי פֿון די איבערגעשראָקענע פּאָליאַקן, וואָס זייער אייגן לעבן איז זיי טייער געווען, אָפּגעשטופּט און אָפּגעשטויסן געוואָרן, אָבער אין געוויסע איינצלנע פֿאַלן האָט אַ מענטשלעכע האַנט זיי איינגעזאַמלט, באַזעלט זיי מיט דעם געבאָט פֿון אמונה אָדער פֿון מענטשלעכן געפֿיל, שטעלנדיק מיט דעם דאָס אייגענע לעבן אין קאָן.

די מערסטע פֿאַלן פֿון אמת-קריסטלעכע מעשים האָבן גע־טראָפֿן צווישן די קאַטוילישע גייסטלעכע און צווישן די שוועס־טער פֿון פֿאַרשיידענע אָרדנס. פֿאַרוואָגלטע און אַנטרונענע קינ־דער, געטריבן פֿון זייער אינסטינקט פֿון דערהאַלטונג, האָבן געזוכט שוץ און אויפֿהאַלט אונטער דעם באַלקן פֿון גאָטס היי־זער, אין קירכן און קלויסטערס. וואָס עס איז געוואָרן שפּעטער דער גורל פֿון די קינדער, איז אומבאַוואוסט. נאָר זאָל דאָ אויס־געדריקט ווערן דער דאַנק און די אָנערקענונג צו די איינצלנע נשמות, וואָס האָבן עדות-געזאָגט דורך זייערע מעשים פֿאַר דעם אמת פֿון זייער אמונה אין דער שעה פֿון דער העכסטער נויט און פּרואווונג פֿאַר דער קריסטלעכער עטיק און מאָראַל.

יידן פֿון דייטשלאַנד, פּוילן, בעלגיע אין די טויט־צוגן איבער וואַרשע

אין די טויט-צוגן, וואָס האָבן זיך געצויגן איבער די גאַסן פֿון דער וואַרשעווער געטאָ צו די עקזעקוציע-ערטער, זיינען געווען פֿאַרשיידנערליי יידן.

עס זיינען געווען אַזעלכע יידן, וואָס פֿון געבוירן אָן האָבן זיי נישט געוואוסט, אַז זיי זיינען יידן, נאָר היטלער האָט זיי דאָס דערמאָנט און געלערנט מיט זיי יידישקייט, וואָס זייערע עלטערן האָבן פֿאַרפֿעלט צו לערנען. זיי האָבן נישט געוואוסט און נישט פֿאַרשטאַנען דעם טעם פֿון זייער לעבן, ווייניקער נאָך דעם טעם פֿון זייער טויט. עס זיינען געווען יידן פֿון דייטשלאַנד, האַלבע אָדער גאַנצע משומדים אַפֿילו, יידן, וואָס האָבן זייער

גאַנץ לעבן לאַנג זיך גערעכנט פֿאַר דייטשן. פֿיל פֿון זיי האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר אַריער און געקעמפֿט אַפֿילו אין די מויערן פֿון דער געטאָ, אַז די געשטאַפּאָ זאָל אַנערקענען זייער אַריש־קייט. זיי האָבן זייער יידישקייט געהאַלטן פֿאַר אַ טעות, פֿאַר אַ פֿאַרזען מצד דער מאַכט. עס זיינען געווען יידן פֿון אַמסטער־דאַם, פֿון אַנטווערפּן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר האָלענדער, פֿאַר בעלגיער. די יידן פֿון פוילן אַליין זיינען אויך געווען צע־טיילט, צעבערעקלט, פֿיל פֿון זיי אַסימילירט זינט דורות, אַנדערע גאָר שוין געשמדטע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר קאַטאָליקן. אַלע זיינען זיי אָבער אַריינגעוואָרפֿן געוואָרן אין איין קעסל אַריין מיט די פֿרומע חסידישע פוילישע יידן פֿון וואַרשע. די שטימע פֿון בלוט האָט אַנגעהויבן ריידן אין זייערע אָדערן ביי זייער לעצטן גאַנג צום טויט איבער דער וואַרשעווער געטאָ.

דאָס בלוט פֿון דער ירושה — דער באַרג סיני, קהלת־התורה, משה, ישעיהו, עמוס, די תנאים, די רבנים, די דורות קדושים, מאַרטירער פֿון דער גאַנצער בלוטיקער געשיכטע — האָט זיך אויפֿגעוועקט, האָט אויפֿגעלעבט פֿון דעם אַש פֿון דער אויבער־פֿלאַכיקער אַסימילירטקייט. זיי האָבן מיטגעזונגען, מיטגערופֿן די פסוקים תהלים, וואָס עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן זיך עס איינגעשאַפֿט דירעקט דורך דעם ירושה־בלוט פֿון זייערע מאַרטירער־אָבות, וואָס פֿליסט אין זייערע אָדערן. זיי האָבן צעשטערט די גרענעצן, צעפֿירט די מחיצה — און איצט האַלט זיך אָן אַ דייטשער אַסימילירטער ייד, וואָס די דיסציפּלין פֿון זיין פּרייסישער מיליטערישער דערציאונג מערקט זיך נאָך אין זיין גאַנג, האַלט זיך אָן, הענגט ביים אָרעם פֿון אַ פוילישן אָפּגעריי־סענעם, אָפּגעשליסענעם חסידישן יידן. עס האַלטן זיך ביי די הענט אַ פֿראַנקפֿורטער פּאַטריציער מיט אַ פוילישן חסידישן קבצן, אַ פֿראַנצויזישער אַדוואָקאַט מיט אַ יידישן טרעגער פֿון דער קראָכמאַלנע, אַן אַנטווערפּענער דימענטן־סוחר צוזאַמען מיט אַ דייטשן פּראָפֿעסאָר פֿון בערלין, צוזאַמען מיט אַ וואַרשע־

ווער יידישן לאַסט-טרעגער, אַ ווינער מוזיקער, אַ געשמדטער, צוזאַמען מיט אַ חסיד, אַ פּאַריזער דאַמע מיט אַ יידענע פֿון דער סמאַטשע גאַס, אַ קרעמערין פֿון אייזערנעם טויער גע־אָרעמט מיט אַ ווייב פֿון אַ האָלענדישן סענאַטאָר, אַ משומד מיטן צלם אין דער האַנט לעבן אַ רב, וואָס דריקט זיין טלית און תּפֿילין צום האַרצן, ווייל שטאַרבן אין טלית. אַן ערב-משומד האַלט די האַנט פֿון אַ חזן, דריקט זיך צו דער גרופּע לאַנג-קאַפּאָ־טעדיקע רבנים אין פּאות, וועלכע שרייען און רופֿן הויך דעם פּסוק פֿון תּהלים, וואָס האָט יידן באַגלייט צו אַלע שייטער־הויפֿנס, אין אַלע קרייצצוגן, אין אַלע פֿייערן און שחיטות, וואו זיי זיינען אויסגעשטאַנען פֿאַר זייער אמונה דורך אַלע דורות:

„גם כי אלך בגי צלמות לא אירא רע, כי אתה עמדי!"

(אַפֿילו אַז איך גיי אין טאָל פֿון טויט-שאָטן, האָב איך נישט מורא פֿאַר בייז, וואָרעם דו ביסט מיט מיר.)

אומגעלערנט — און אַלע פֿאַרשטייען די ווערטער, נישט דורך מויל צו אויער, נאָר דורך בלוט און אָדער. עס איז די שטימע פֿון בלוט, וואָס רעדט, עס איז דאָס געזאַנג פֿון דער יידישע אמונה, וואָס זינגט אין דעם יידנס אָדערן.

פֿון אַלע יידן — איין ייד

און מיטאַמאָל ווערט אַלץ שוין פֿאַרשטענדלעך, אַלץ באַ־גריפֿן, אַלץ קלאָר און באַשיינפּערלעך. דאָס ליידן באַקומט אַ טעם, דער העכסטער פּרייז, וואָס מען באַצאָלט פֿאַר דער אמונה, באַקומט אַ דערקלערונג. דער ייד פֿון פּאַריז, אַמסטערדאַם, אַנטווערפּן, בערלין, פֿראַנקפֿורט — ווערט איין ייד. עס איז שוין נישטאָ קיין יידן-אַריער, יידן האַלב-אַריער, וואָס ווילן אָבער ווערן גאַנצע; עס זיינען שוין נישטאָ קיין יידן-משומדים אָדער ערב-משומדים; עס זיינען שוין נישטאָ קיין נאַציאָנאַלע אָדער אַסימילירטע יידן, עס זיינען שוין נישטאָ קיין יידן-באָלשעווי־קעס, בונדיסטן אָדער ציוניסטן; עס זיינען שוין נישטאָ קיין

פֿרומע אָדער נישט־פֿרומע יידן. עס איז נאָר דאָ איין סאָרט ייד: דער פּשוטער ייד, דער ייד פֿון תהלים אַרויס, דער בן אברהם, יצחק און יעקב, וואָס גייט זיין אייביקן וועג פֿון אייביקן זיין, דעם וועג פֿון נצח־ישראל!

אליהו הנביא גייט פֿאַראויס פֿאַר זיי און שרייט און מאַכט אַ וואָרע: פּנו דרך! דוד המלך איז צווישן זיי, אַזוי די אבות, אַזוי די נביאים, וואָרעם זיי זיינען די יורשים.

אַזוי צווישן שורות פֿון באַיאָנעטן און ביקסן, נאָר באַשיצט מיט די פֿליגלען פֿון דער שכינה איבער זייערע קעפּ, ווערן זיי אַריינגעטריבן אויף דעם מוראַנאָווער פּלאַץ, צום באַנהויף, וואו עס וואַרטן שוין אויף זיי די אָפּגעשלאָסענע פֿראַכט־וואַגאָנען, וועלכע זיינען באַפֿלעקט מיטן געגליווערטן בלוט פֿון זייערע קינ־דער. דאָס מאָל זיינען די וואַגאָנען באַדעקט מיט אַ געדיכטן שיכט קאַלך.

זיי ווערן אַריינגעשטופּט, ווי די שאָף, אָנגעפּראָפּט לייב צו לייב, קאָפּ צו קאָפּ, בויך צו בויך. עס ווערט אויסגעמעקט יעדער גרענעץ פֿון רשות־היחיד. דער יחיד פֿאַרלירט זיין יחידות, עס ווערט איין לעבעדיקע מאַסע פֿון פֿיל לייבער, צוזאַמענגעקנאָטן איינס אין אַנדערן.

די טירן אויף די וואַגאָנען ווערן פֿאַרקלאַפּט, פֿאַרריגלט. דער לאַנגער צוג מיט מענטשן־טייג גייט־אָפּ, שטעלט זיך אויף אַ זייטן־וועג, שטייט דאָרט אָפּ אַ פּאָר טעג. קיין וואַסער, קיין לופֿט דערגרייכט נישט פֿון דרויסן. פֿון די וואַגאָנען דער־הערן זיך נאָר — צוערשט זינגענדיקע קולות, שפּעטער כאָרכל־דיקע געשרייען, דערנאָך שווערע קרעכצן, דינע קולות קוים צו הערן — ביז עס ווערט שטיל.

עס שטייט אַ לאַנגער צוג מיט פֿאַרחתמעטע וואַגאָנען, פֿול אָנגעפּראָפּט מיט איינגעקנאָטענע לייבער. ווען אַרום די וואַגאָ־נען ווערט שטיל, ווערן זיי אָפּגעפֿירט צו די אָפּלייג־ערטער פֿאַר מענטשן־מיסט ביי די שעכט־הייזער פֿון טרעבלינקאַ און בעל־

זשעץ. דאָרט זיינען שוין אָנגעגרייט גרויסע גריבער, באַגאָסן מיט קאַלך, וואָס אַנדערע יידן האָבן זיי געמוזט גראָבן. די וואַגאָנען ווערן צוגעפֿירט אויף רעלסן צו די סאַמע גריבער.

עס פֿאָרט צו איין וואַגאָן נאָכן אַנדערן און וואַרפֿט־אַראָפּ זיין טויטע מאַסע. די לייבער זיינען שוין אַזוי צונויפֿגעוויירט דורך די גאַזן, וואָס דער קאַלך האָט אַרויסגעגעבן פֿון זיך, אַז מען דערקענט שוין נישט קיין יחידים. די, וואָס באַווייזן דאָך סימנים פֿון לעבן, ווערן אַריינגעוואָרפֿן אין די גאַז־קאַמערן וועלכע געפֿינען זיך אויפֿן אָרט.

די וואַגאָנען, אויסגעליידיקט פֿון דער טויטער מאַסע, פֿאָרן צוריק קיין ווארשע צו ברענגען אַנדערע מתים.

פֿון חודש יולי, 1942, ביז אַפּריל, 1943, האָבן די וואַגאָנען איבערגעפֿירט פֿון דער ווארשעווער געטאָ אַריבער אַ האַלבן מיליאָן נפֿשות צו די אַפּלייג־פּלעצער פֿאַר מתים אין טרעבלינקאַ און בעלזשעץ, וואָס געפֿינען זיך אויפֿן טראַקט פֿון דער לובלינער ליניע. אין די מערסטע פֿאַלן האָט מען פֿאַרשפּאָרט די מתים־קאַנדידאַטן אַריינצוטרייבן אין די גאַז־קאַמערן: זיי זיינען פֿאַרשרפֿעט געוואָרן דורך די גאַזן, וואָס דער קאַלך אין די וואַגאָנען האָט אַרויסגעגעבן פֿון זיך.

די געטאָ ענטפֿערט!

אין יולי, 1922, האָבן זיך געפֿונען אין דער ווארשעווער געטאָ 600,000 נפֿשות; אין אַפּריל, 1943, זיינען איבערגעבליבן אַרום 40,000 פֿון דער יוגנט, וואָס די דייטשן האָבן געטראַכט זיי האַלטן נאָך און זיי אויסנוצן פֿאַר זייער מלחמה־מאַשין.

אָבער אין איין פֿרימאָרגן, ווען די דייטשע פּאָליציי איז געקומען אין דער געטאָ אויף אַרויסצונעמען פֿון דאָרט די טעגלעכע צאָל קרבנות פֿאַר די גאַז־קאַמערן, איז זי באַגעגנט געוואָרן מיט אַ האָגל קוילן פֿון צעבראָכענע פֿענצטער אַרוים, פֿון דעכער, פֿון שפּאַלטן אין טירן, פֿון קעלער־לעכער. די געטאָ האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט.

אָן יעדער אויסזיכט אויף אַ זיג אָדער צו אַנטרינען, האָט דער געזינטערער און יינגערער עלעמענט, וועלכער האָט זיך שוין פֿון לאַנג געהאַט געריסן צו קעמפֿן מיט די דייטשן, נאָר איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פֿון דעם פֿרימערן און עלטערן, איצט מיט פֿעסטקייט באַשלאָסן צו שטאַרבן מיט אַ העלדן-טויט. און געשטאָרבן זיינען זיי מיט אַ העלדן-טויט. זיי האָבן באַנייט די טראַדיציע פֿון די השמונאים.

זעקס-און-פֿופֿציק טעג האָט אַ הייפֿעלע פֿאַרלוירענע, אויס-געמוטשעטע, אויסגעהונגערטע, אין אַלע פֿייערן געבראָטענע יידישע מענטשן, נאָר מיט אייניקע רעוואָלווערן, אייזנס און האַק-מעסערס געפֿירט אַ ביטערן קאַמף אויף טויט און לעבן מיט דער מעכטיקער, פֿרוכטבאַרער דייטשער מלחמה-מאַשין, וועלכע האָט איינגענומען די גאַנצע וועלט. זעקס-און-פֿופֿציק טעג האָט דער קאַמף געדויערט. די דייטשן האָבן זיך באַנוצט קעגן די גבורים פֿון דער געטאָ מיט אַלע מכשירים און כּלי-זיין פֿון זייער מערדער-מלחמה, מיט עראָפּלאַנען און טאַנקען. זעקס-און-פֿופֿציק טעג האָט דאָס הייפֿעלע גבורים אויסגעהאַלטן קעגן דער דייטשער בעסטיע.

דער גייסט פֿון „תמות נפֿשי עם פלשתים" האָט וואונדער געשאַפֿן. די דייטשע מעכטיקע מיליטער-קראַפֿט האָט נישט געקאָנט באַצווינגען דאָס הייפֿעלע גבורים. טויזנטער דייטשע פּגרים זיינען געפֿאַלן אַרום די הייזער פֿון דער געטאָ.

דער דייטשער פּרעסטיזש האָט אָנגעהויבן פֿאַלן ביי דער פּוילישער באַפֿעלקערונג. דאָך איז קיינער נישט אַרויסגעקומען פֿון דער גרויסער פּוילישער שטאָט צו העלפֿן אין דעם קאַמף, וואָס די יידישע גבורים האָבן געפֿירט קעגן דעם געמיינזאַמען שונא. אַפֿילו דאָס קאַרגע געווער, וואָס דער פּוילישער אונטער-גרונט האָט צוגעשטעלט, האָבן זיי געמוזט קויפֿן פֿאַר גוט געלט.

די דייטשן האָבן נישט געקאָנט איינגעמען די געטאָ ביז וואַנען זיי האָבן זיך ניט באַנוצט מיט דעם פֿחדנישן מיטל פֿון

אפשניידן דאָרט די וואַסער־לייטונג און אויך דעמאָלט איז די פֿעסטונג פֿון דער וואַרשעווער געטאָ נישט געפֿאַלן אַזוי לאַנג ווי דער לעצטער ייד האָט געאָטעמט און געקאָנט האַלטן אַ ביקס אין האַנט.

דער ענטפֿער פֿון דער וואַרשעווער געטאָ איז געקומען צו שפּעט, ער איז אָבער פֿאָרט געקומען.

פֿאַרוואָס איז פּוילן געוואָרן דאָס שחיטה־אָרט?

די פֿאַרניכטונג פֿון די 600,000 יידן אין דער וואַרשעווער געטאָ איז נאָר געווען אַ קליינער טייל פֿון די יידישע קרבנות, וואָס זיינען געפֿאַלן דורך דער נאַצישער האַק.

די יידן פֿון די פּוילישע פּראָווינץ־שטעט זיינען אויסגע־מאָרדעט געוואָרן אויף די ערטער, וואו די נאַצישע בעסטיעס האָבן זיי געפֿונען. נאָר מיט די יידן פֿון די אַנדערע מדינות, פֿון האָלאַנד, בעלגיע, פֿראַנקרייך, דייטשלאַנד, עסטרייך, נאָרווע־גיע, האָט מען זיך צערעמאָניעט און זיי טראַנספּאָרטירט קיין פּוילן, אין דער וואַרשעווער געטאָ, צו פֿאַרניכטן.

היטלער און די דייטשע מלחמה־מאַשין האָבן געמוזט האָבן אַ גוטע און וואָגיקע סיבה, פֿאַרוואָס זיי האָבן, ביי די געענגטע באַדינגונגען פֿון טראַנספּאָרט אין מלחמה־צייט, אַריבערגעפֿירט די אייראָפּעאישע יידן קיין פּוילן צו פֿאַרניכטן זיי דאָרט און האָבן דאָס נישט געטאָן, אַזוי ווי אין פּוילן, גלייך אויף די ערטער. די סיבה איז געווען, וואָס די נאַצישע געשטאַפּאָ־לייט האָבן זיך געשראָקן פֿאַר דער דאָרטיקער באַפֿעלקערונג. די יידן, וועל־כע האָבן געוואוינט אויף די ערטער פֿאַר הונדערטער און הונ־דערטער יאָרן, זיינען געווען אַזוי עקאָנאָמיש און געזעלשאַפֿט־לעך פֿאַרבונדן און פֿאַרקניפּט מיט דער באַפֿעלקערונג, אַז נישט געקוקט אויף דער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע, וואָס די היט־לעריסטן האָבן געטריבן, כּדי פֿאַרצוברייטן דאָס פֿעלד פֿאַר דער שחיטה אויף די יידן, האָט די אָרטיקע באַפֿעלקערונג אין די

גרויסע אייראָפּעאישע שטעט באַטראַכט די יידן ווי אַן אָרגאַנישן טייל פֿון איר. עס וואָלט געהייסן, אַז די היטלעריסטן פֿאַרניכטן נישט די יידן, נאָר די באַפֿעלקערונג.

און מען האָט טאַקע אויך מורא געהאַט, אַז די סימפּאַטיעס, וואָס די אַלגעמיינע באַפֿעלקערונג האָט אַרויסגעוויזן אַפֿילו אין די דייטשע שטעט צו די ליידנדיקע יידן, זאָלן זיך נישט פֿאַרוואַנדלען אין אָפֿענע מאַניפֿעסטאַציעס, ווי עס איז טאַקע אַזוי געווען דער פֿאַל אין פֿיל אייראָפּעאישע שטעט. נאָך דעם איינפֿירן די געטאָ אין אַמסטערדאַם, האָט די האָלענדישע אַריסטאָקראַטיע פֿאַרלאָזט אירע היימען און איז געגאַנגען וואוינען מיט די יידן אין דער געטאָ. און אין דענמאַרק האָט דער דענישער קעניג אָנגעטאָן דעם געלן באַנד מיטן מגן־דוד אויף זיין אָרעם, ווען עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די גזירה, אַז די דענישע יידן זאָלן טראָגן די געלע לאַטע. אַפֿילו אין רומעניע, דערציילט מען, אין דעם קלאַסישן לאַנד פֿון אַנטיסעמיטיזם, האָט די „אייזערנע גוואַרדיע" פֿאַרטיידיקט און באַשיצט די יידן פֿון דער נאַצישער בעסטיע. אין אונגאַרן ווייסן מיר אויף געוויס, אַז ביז גאָר לעצטנס, ווען די נאַצים האָבן דאָרט איבערגענומען די רעגירונג, האָט די אַלטע רעגירונג, ווי זי איז נישט געווען פֿאַרבונדן מיט די נאַצים, באַשיצט דאָס לעבן און די זיכערקייט פֿון אירע אַכט הונדערט טויזנט יידישע בירגער, כאָטש מען האָט ביי זיי גענומען אַפּגענומען די מיטלען פֿון פּרנסה און באַרויבט זיי פֿון זייערע פֿאַרמעגנס. און אַזוי לאַנג ווי דאָס אונגאַרישע פֿאָלק האָט געהאַט אַ שיין נאָר פֿון אומאָפּהענגיקייט, האָט די נאַצישע בעסטיע גאָרנישט געקאָנט טאָן קעגן די לעבנס פֿון די אונגאַרישע יידן.

ווען די נאַצישע בעסטיע האָט געוואָלט פֿאַרניכטן די אייראָפּעאישע יידן, האָט זי, דעריבער, געמוזט זיי טראַנספּאָרטירן קיין פּוילן. צי צוליב דעם, וואָס די פּוילישע באַפֿעלקערונג, מער ווי יעדער אַנדערע באַפֿעלקערונג, איז געוואָרן דורכגעווערימט

מיט דער אַנטיסעמיטישער חולאת, מיט וועלכער די דייטשע און אייגענע נאַציס האָבן דאָס פֿאָלק אָנגעשטעקט, און דער באָדן פֿאַר די נאַצישע שחיטות איז דערפֿאַר געווען גוט צוגע־גרייט; צי צוליב דעם, וואָס מען האָט זיך בכלל נישט גערעכנט מיט די פּאָליאַקן, וואָס מען האָט, ווי סלאַוון, געהאַלטן פֿאַר נישט־פֿולע מענטשן, נאָר די נאַציס האָבן אויסגעקליבן פּוילן צו ווערן דאָס שלאַכטהויז פֿאַר די אייראָפּעאישע יידן.

די שחיטה אין קוטנע; די יידן פֿון ליטע און אוקראַינע

עס וועט אונדז נאָך אויסקומען צו רעדן וועגן דעם ענין ווייטער. דאָ וויל איך זאָגן, אַז פֿון די צוויי און אַ האַלב ביז דריי מיליאָן יידן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין פּוילן בשעת היט־לער האָט פֿאַרנומען דאָס לאַנד, האָבן די נאַציס באַלד ביים אָנהויב פֿון דער אינוואַזיע פֿאַרניכטעט די יידן אויף די ערטער, וואו זיי האָבן זיי אָנגעטראָפֿן.

אין מיין אייגענער געבוירן־שטאָט, אין קוטנע, וואו יידן האָבן געוואוינט זינט הונדערטער יאָרן, האָבן די נאַציס, ווי נאָר זיי האָבן פֿאַרכאַפּט די שטאָט ביים אָנהויב פֿון דער מלחמה, גענומען די גאַנצע יידישע באַפֿעלקערונג פֿון העכער צוויי טויזנט נפֿשות און זיי איזאָלירט אין אַ צוקער־פֿאַבריק, וואו מען האָט זיי פּשוט געלאָזט אויסשטאַרבן פֿון הונגער. דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן אין הונדערטער און הונדערטער יידישע מקומות, וואו יידן האָבן געוואוינט זינט טויזנט יאָר. דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן מיט די יידן אין ליטע, וואו די אָרטיקע באַפֿעל־קערונג האָט זיי מיטגעהאָלפֿן אין דער בלוטיקער אַרבעט. אין די שטעט פֿון לאַטוויע און עסטאָניע איז דאָס ערשטע, וואָס די נאַציס האָבן געטאָן, ווען זיי האָבן ווי אַ מבול פֿאַרפֿלייצט מיט בלוט און פֿייער די רוסישע פּראָווינצן, געווען אויסצושלאַכטן די יידישע באַפֿעלקערונג. די יידן פֿון די סאָוועטישע פּראָווינצן פֿון וואָלין, ווייס־רוסלאַנד, אוקראַינע, קרים, קאַווקאַז, וועלכע

האָבן געלעבט אונטער דער סאָוועטן־מאַכט אין מנוחה נאָך די צאַרישע פּאָגראָמען, זיינען געוואָרן אַ טייל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג און האָבן זיך באַשעפטיקט אויף אַלע געביטן פון פּראָדוקטיווער אַרבעט, זיינען פון די נאַציסטישע בעסטיעס אויסגעשאָכטן געוואָרן, פאַרצוקט געוואָרן פון דער ווילדער חיה.

אין קיעוו, אין כאַרקאָוו און הונדערטער אַנדערע אוקראַאינישע שטעט, וואו עס האָט זיך געפונען אַ הונדערט־טויזנט־קעפּיקע יידישע באַפעלקערונג, אַ פאַרצווייגטע יידישע טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכער קולטור; וואו עס האָט געקאָכט און געברויזט מיט יידיש לעבן, וואו יידן האָבן זיך באַטייליקט אין דער שווערער גרויס־אינדוסטריע, האָבן די רויט־אַרמייער, ווען זיי האָבן צוריקגענומען די שטעט, נישט געפונען מער קיין יידישע באַפעלקערונג. מען קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי די יידישע סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי האָבן זיך געפילט, ווען זיי האָבן אין אַזעלכע שטעט ווי קיעוו, בערדיטשעוו, זשיטאָמיר, האָמעל, וועלכע האָבן אַ טראַדיציע זינט הונדערטער יאָרן פון יידישן לעבן און יידישן לערנען, וועלכע זיינען געקרוינט געוואָרן מיט דעם הייליקן נאָמען ביי יידן „ירושלים" צוליב זייערע למדנים, זייערע לערן־אַנשטאַלטן און זייער קולטור־טעטיקייט — ווי די יידישע סאָלדאַטן האָבן זיך געמוזט פילן, ווען זיי זיינען צוריקגעקומען אין די שטעט און זיי האָבן נישט געפונען קיין איין לעבעדיקן יידן אין זיי, נאָר וויסטע פּלעצער, אויף וועלכע די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט אָנגעוויזן: „אָט דאָ האָבן די גזלנים באַגראָבן דעם אַש פון זייערע קרבנות."

די ראָל פון דער סאָוועטן־רעגירונג

פון די פערצן מיליאָן יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער וועלט אַ טאָג איידער היטלער האָט די וועלט אָנגעצונדן מיט אַ פלאַם־פייער, האָבן פון אַכט ביז ניין מיליאָן יידן געלעבט אין די לענדער, וואָס די נאַצישע בעסטיעס האָבן פאַרנומען.

פֿון די ניין מיליאָן יידן, וועלכע זיינען אריינגעפֿאַלן אין דעם מלאך־המות־הענט, נעמט מען אָן, אַז עס האָבן זיך געראַטעוועט ארום דריי מיליאָן. די גרעסטע צאָל פֿון זיי האָט זיך געראַטעוועט אין סאָוועטן־לאַנד, אין דעם לאַנד, וואָס האָט מער ווי יעדע אַנדער לאַנד דערפֿילט זיין מענטשלעכע מיסיע. דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָט מאַניפֿעסטירט פֿאַר דער וועלט אין מעשים, ווי טיף עס איז איינגעוואָרצלט די געטלעכע לערע אין דער נשמה פֿון דעם פֿאָלק, און אַז עס איז אַ שקר־בלבול, וואָס די נאַצים האָבן פֿאַרשפּרייט, אַז דער נייער רעזשים אין סאָוועטן־לאַנד האָט אויסגעוואָרצלט דעם קריסטלעכן אידעאַל פֿון פֿאָלק. פֿאַרקערט, אין דער מלחמה האָט דאָס סאָוועטן־לאַנד דורך מעשים, נישט נאָר דורך ווערטער, באַוויזן ווי טיף עס איז פֿאַרוואָרצלט אין דעם אידעאַל פֿון דער יידיש־קריסטלעכער אמונה. זאָל עס דעם סאָוועטן־לאַנד דערמאָנט ווערן צום גוטן. דאָס יידישע פֿאָלק וועט עס קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן.

צוויי מיליאָן יידישע נפֿשות האָט דאָס סאָוועטן־לאַנד געראַטעוועט, ארויסגענומען פֿון עמק־הבכה, פֿון דעם יאָמער־טאָל, פֿון דעם גיהנום, און מיט דער גאַנצער דחקות אין איר טראַנספּאָרט־סיסטעם, וואָס די מלחמה האָט געבראַכט, האָט די סאָוועטן־מאַכט דאָך טראַנספּאָרטירט די יידן אויף זיכערע ערטער, וואו זיי האָבן טאַקע געלעבט אין נויט צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג, אָבער געשיצט אונטער די פֿליגל פֿון אַ ציוויליזירטן מענטשלעכן פֿאָלק און אַ ציוויליזירטער מענטשלעכער רעגירונג. עס איז צו האָפֿן, אַז נאָך אַ מיליאָן יידן זיינען לעבן געבליבן, ארומוואַלגערנדיק זיך אויף די פֿעלדער, פֿאַרשטעקט אין היילן און גריבער, אויסבאַהאַלטן פֿון דער פֿויערשער באַפֿעלקערונג אויף די אָקופּירטע געביטן.

זעקס מיליאָן יידן האָט די נאַצישע בעסטיע אויפֿגעפֿרעסן פֿאַר די פֿיר יאָר פֿון איר וועלט־פֿאַרצוקונג. זעקס מיליאָן מענטשלעכע לעבנס האָט די נאַצישע בעסטיע פֿאַרניכטעט נישט אין

ליידנשאַפֿט פֿון מלחמה, נישט פֿאַר מיליטער־צוועקן, נישט מחמת סטראַטעגישער נויט, נאָר צוליב דער באַפֿרידיקונג פֿון דער סאַדיסטישער, קאַניבאַלישער מאָרד־לוסט. די שנאה, וואָס היטלער און די נאַצים האָבן אויפֿגעוועקט און דערצויגן אין דייטשן פֿאָלק, האָט געדאַרפֿט געקילט ווערן מיט דעם בלוט פֿון זעקס מיליאָן נפֿשות.

די שולד פֿון דייטשן פֿאָלק

נישט היטלער אַליין, נישט די געשטאַפּאָ, נישט די נאַצים אַליין, נאָר דאָס גאַנצע דייטשע פֿאָלק — מאַן, ווייב און קינד — איז אָנגעשטעקט מיט דער נגע־צרעת, מיט דער קראַנקהייט פֿון בעסטיאַלישער מאָרד־לוסט. זיי האָבן געמוזט פֿאַרצוקן ווייבער און קינדער, האָבן געמוזט זיך איינגנורען, ווי אַ חזיר אין בלאָטע, אין מענטשלעכן בלוט, האָבן געמוזט, ווי אַ מולך, שמעקן דעם ריח פֿון ברענענדיקן מענטשלעכן לייב.

מיר ווייסן נישט, וואָס עס וועט ווערן פֿון דעם דייטשן פֿאָלק נאָך דער מלחמה. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז עס איז באַלד אַזאַ זינד ווי די נאַצישע רציחה צו פּלאַנען גאָר די פֿיזישע פֿאַרניכטונג פֿון דעם דייטשן פֿאָלק, שוין אָפּגערעדט וואָס עס איז אַן אידיאָטישע נאַרישקייט. דאָס דייטשע פֿאָלק וועט ווייטער לעבן נאָך דער מלחמה, וועט אפֿשר צוריקקומען אַמאָל צו דעם מאָראַלישן צושטאַנד אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אין דער צייט פֿון געטע און שילער, איידער עס איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דער גרוים־משוגעת פֿון אַן אויסדערוויילט פֿאָלק. געוויס וועט דאָס דייטשע פֿאָלק צוריק ווערן אַ טייל פֿון דער ציוויליזירטער וועלט — און מיר אַלע האָפֿן און ווינטשן, אַז די צייט זאָל וואָס שנעלער קומען, ווען דער דייטשער געניוס — און ווער קאָן אים פֿאַרלייקענען? — זאָל ווערן פּראָדוקטיוו פֿאַר דעם מענטשלעכן וואוילזיין, ווי ער איז געווען פּראָדוקטיוו פֿאַר דער פֿאַרניכטונג פֿון דער מענטשהייט. נאָר וואָס עס זאָל

נישט זיין מיטן דייטשן פֿאָלק, ווען שוין יעדער דייטש פֿון די פֿערציק מיליאָן — מאַן, ווייב און קינד — ארומלויפֿן מיט דעם צייכן פֿון קין אויף זיין שטערן. און ווי קינען, ווען יעדן דייטשן מענטשן אין דעם רעשט פֿון זיינע טעג געשטעלט ווערן די פֿראַגע: „איה הבל אחיך?" (וואו איז הבל, דיין ברודער?) — „וואו זיינען די אייראָפּעאישע יידן?" — און ווי גאָט האָט גע־רעדט צו קינען, אזוי וועט צו יעדן דייטשן מאַן, ווייב און קינד געזאָגט ווערן: „וואָס האָסטו געטאָן? דאָס קול פֿון דיין ברו־דערס בלוט שרייט אַרויס צו מיר פֿון דער ערד אַרויס."

וואָרעם די ערד וועט נישט פֿאַרדעקן דאָס פֿאַרגאָסענע בלוט פֿון אייביקן ישראל. דאָס גאַנצע דייטשע פֿאָלק איז מיט־שולדיק פֿאַר דעם פֿאַרברעכן, וואָס שרייט צו די הימלען. זעקס מיליאָן נפֿשות ווערן נישט פֿאַרניכטעט דורך איין טאָג און דורך איין כּוח — דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט געמוזט געבן זיין סאַנקציע פֿאַר דעם מאַסאָוון פֿאַרברעך, אַניט וואָלט היטלער דאָס קיינמאָל נישט געוואָגט צו טאָן.

געוויס, געווים זיינען נישט די יידן היטלערס איינציקע קרבנות. איך בין ווייט פֿון צו נעמען פֿאַר יידן אַליין די „אוים־דערוויילטקייט". נאָך די יידן זיינען אפֿשר די רוסן די מערסט־געליטענע. היטלער איז זיך כּמעט אזוי באַגאַנגען מיט דעם רוסישע מענטשן ווי מיט די יידן. אָבער נישט נאָר יידן און רוסן. די גאַנצע וועלט — סיי די דירעקט געפּייניקטע, סיי די, וועלכע נעמען זיך אָן פֿאַר די געפּייניקטע — ליידט פֿון די דייטשע זינד. דאָס קרעכצן און דער געשריי פֿון מיליאָנען און מיליאָנען מוטערס און קינדער גייען־אויף צום הימל. נאָר מיט קיין אַנדער פֿאָלק האָט היטלער נישט געוואָגט צו טאָן דאָס, וואָס ער האָט געטאָן מיט די יידן. ווען ער האָט אָן אַנדער פֿאָלק באַרויבט פֿון זיין פֿרייהייט, פֿון זיינע פֿאַרמעגנס; ווען ער האָט צענדליקער מיליאָנען פֿרייע מענטשן פֿאַרשיקט אין קייטן צו זיינע שקלאַפֿן־פֿאַבריקן; ווען ער האָט גאַנצע פֿעלקער פֿאַרוואַנדלט אין נידע־

ריקערע ראַסן, אין „ראַבאַטניקעס", האָט ער אָבער זייער לעבן געשאַנעוועט. ער האָט זיך דערלויבט און געוואַגט נאָר דאָס יידישע פֿאָלק אַליין פֿיזיש צו פֿאַרניכטן.

פֿאַר דער אויסנאַם, וואָס היטלער האָט געמאַכט מיט די יידן, פֿאַר דער אויסדערוויילטקייט, וואָס ער האָט זיי געגעבן, פֿאַר דעם רשות און דער מאַכט און דער זעלבסט-פֿאַרשטענד-לעכער פֿרייהייט, וואָס ער האָט זיך גענומען אַ גאַנץ פֿאָלק אויס-צושעכטן, פֿאַר דער אויסנאַם מיט די יידן, פֿאַר אָט די זינד, טראָגט, אויב נישט די דירעקטע שולד, דאָך די מיטשולדיקייט די גאַנצע קריסטלעכע וועלט.

אַ ק י נ ה

נישט קריגן זיך בין איך געקומען מיט דיר, גאָט, און אויך נישט דיך צו פֿאַרשטיין. ווען דו ביסט גערעכט, איז ווי צו מיר; ווען, חלילה, אומגערעכט, וואוהין קום איך אַהין? ווען דו, חלילה, פֿעלסט, ווער וועט עס מקיים-זיין? ווען דו, חלילה, לייקנסט, ווער וועט עס וואָר-מאַכן? ווען נישט דו, ווער וועט זיך פֿאַר מיר אָננעמען? אָן אַרויסגעוואָרפֿענער וואָרעם בין איך אויף דער גאַס, צום טרעטן פֿאַר יעדן פֿוס. און ווער בין איך, אַז איך זאָל דיך פֿאַרשטיין? — אַ שטינקענדיקער טראָפּן אין מיין קומען און אין מיין גיין. אויך נישט וויסן וועל איך דיינע וועגן — איך קען זיי נישט באַנעמען. נאָר זאָגן וויל איך צו די אַלע, וואָס זוכן דיך אויסצוטייטשן און געבן אַ טעם צו אונדזערע יסורים, דערקלערן אונדזער באַשטאַנד און די סיבה פֿון אונדזער ליידן, אַז מיט אַלע זייערע פֿילאָזאָפֿיעס — ווי גוט זייערע כּוונות זאָלן נישט זיין און ווי פֿרום זיי זאָלן נישט זיין, ווי זיי זאָלן נישט קומען מיך טרייסטן און שטאַרקן מיינע הענט, ווער זיי זאָלן נישט זיין, וואָס פֿאַר אַ יחוס-בריוו זיי זאָלן נישט אויפֿווייזן און וואָס פֿאַר אַ שווערע ספֿרים זיי זאָלן נישט האָבן געשריבן, אין אַ הויך לשון, מיט ווערטער פֿיל, וואָס איז כּמעט נישט פֿאַר אַ בשר-ודם זיי צו באַגרייפֿן — אַז מיט אַלע זייערע פֿילאָזאָפֿיעס זיינען זיי פּלאַפּלער גאָר, און ליגנער דערצו, און גאָטלעסטער אויך, וואָס ווילן אין זייערע ענגע ד׳ אמות דיין אומענדלעכקייט איינפּאַסן, אין אַ סדום-בעטל דיך איינפּאַקן, אַז אַ לעסטערונג איז עס צו דיר און אַ לעג-לרש צו מיר.

„קוקט זיך אַרום און זעט" — זאָגן זיי, די פּראָפעסיאָנעלע טרייסט־ווייבער — „וואָס איז געוואָרן פון אשור און פון בבל, אונדזערע שונאים, און דעם שווארצן סוף וואָס טיטוס האָט געהאַט, שוין אָפּגערעדט פון נבוכדנצר. וואו איז אדום־רוים און אַלע אַנדערע שונאים, וואָס האָבן אונדז גערודפט? מיר אָבער לעבן נאָך ביז היינט!" — און איך זאָג: הלוואי וואָלט אונדזער חלק געווען מיט זיי. יאָ, מיט זיי, צו רוען אויף די בלעטער פון דער געשיכטע, נישט פרעגלען זיך תמיד אין פייער פון לעבן. מיר וואָלטן מגולגל־געוואָרן אין אַ נייער אומה, ווי רוים פון אדום, ווי אַראַב פון בבל. צו וואָס האָט ער אונדז געלאָזט לעבן? אין נחת און פרייד האָט ער אונדז געלאָזט לעבן, אין מנוחה און שלום? — ווי די רשעים אין דאַנטעס גיהנום, וואָס נאָך יעדן טויט מוזן זיי ווידער לעבעדיק־ווערן, אויפשטיין צו נייע יסורים, צו נייע קוואַלן; ווי אַהאַספער, לויפן מיר אַרום איבער דער גאַנצער ערד: מיר קאָנען נישט לעבן, מיר קאָנען נישט שטאַרבן. אויף אונדזער דור אַליין האָט זיך באַנייט אונדזער גאַנצע געשיכטע. אויף אונדז אַליין זיינען אויסגעגאָסן געוואָרן אַלע קינות. עס איז נישטאָ קיין מיתה־משונה אין אונדזער תוכחה, אין אונדזערע איכהס, וואָס איז נישט באַגאַנגען געוואָרן אויף אונדזער לייב, אין אונדזער צייט. אין וועלכן דור האָבן קינדער אַרויסגעוואָרפן זייערע גוססדיקע עלטערן אויף די שטיינער פון דער גאַס, אַז זיי זאָלן אין די רינשטאָקן אויסגיין, ווי עס געשעט היינט אין דער געטאָ אין וואַרשע? די הריגות פון אונדזערע אבות האָבן געדויערט טעג, וואָכן; זיי זיינען באַגלייט געוואָרן מיט יללות פון די אייגענע, באַשטראַלט מיט דער גלאָריע פון קידוש־השם, באַקלאָגט מיט קינהס און איכהס פון די איבערגעבליבענע, מיט דער עלעגישער פאַרהערלעכונג אין דער יידישער געשיכטע. היינט ווערן הונדערטער טויזנטער „שפורלאָז פאַרשוואונדן"; שטעט, וואָס זיינען צוליב זייער תורה געגליכן געוואָרן צו ירושלים, ווערן „יודען־ריין". אין וועלכן דור

זיינען יידן פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין וויוויסעקציע־קראָליקעס, וואָס די מלאכי־חבלה פּרוּוון אויס אויף זיי זייערע כּלי־זיין? אין וועלכן דור זיינען יידן אַריינגעטריבן געוואָרן אין גאַז־קאַמערן אין די מאַסן, צו ווערן געפּרעגלט אין סמען? אין וועלכן דור האָט מען פֿון יידישע מתים אַרויסגעצויגן דאָס פֿעטס און צעשמאָלצן עס אויף זייף, ווי מען טוט עס מיטן פֿעטס פֿון געקוילעטע בהמות? אין וועלכן דור זיינען קינדער געצוואונגען געווען צו גראָבן גריבער פֿאַר זייערע לעבעדיקע פֿאָטערס? מאַמעס וואַרפֿן היינט זייערע קינדער פֿון הויכע שטאָקן אין גאַס אַרויס און וואַרפֿן זיך נאָך זיי אויס מורא צו ווערן געשיקט צוריק קיין פּוילן. פּוילן — איין גרויס גיהנום; ליטע, רייסען און רומעניע — קאַלך־אויוונס; פֿראַנקרייך — אַ גרוב פֿון שלאַנגען; גאַנץ אייראָפּע אַרומגערינגלט מיט עלעקטרישע טויט־דראָטן. נישטאָ קיין אויסוועג — איין גרויסע מאַרטער־קאַמער פֿאַר אַלע מענטשן, איין קאַלך־אויוון פֿאַר ישראל.

איך ווייס, אַזוי ווערט דערציילט און אויסגעפּויקט פֿאַר דער גאַנצער וועלט, אַז נאָך דער מלחמה פֿון גוג און מגוג וועט משיח קומען, אייביקער שלום; הכּלל, באַפֿרייט פֿון אַלע פֿיר זאָרג — און אַ סוף זאָל עס נעמען. לייב און שאָף וועלן זיך פּיטערן אויף איין פֿעלד. יאָ, איך גלויב, אַז אַזוי וועט עס טאַקע זיין פֿאַר אַלע, נאָר נישט פֿאַר מיר. אַנטקעגן מיר וועט אַפֿילו אַ שעפּעלע זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ בייזן וואָלף; און אַ הינטל אַ קליינס, וואָס קוים האָט עס אָנגעהויבן בילן — אין אַ לעמפּערט. מיט ווען די וועלט וועט שלום מאַכן, מיט מיר וועט זי פֿירן דעם קריג ווייטער. פֿון אַ שפּאַלט פֿון אַ שטיין, וואו איך וועל זיך אויסבאַהאַלטן, וועט זי מיך אויסגעפֿינען. נידעריקער פֿון גראָז, ווען איך וועל זיין, גרוים וועל איך זיין אין אירע אויגן. וועט עס נישט מיין אמונה זיין, וואָס רייצט אַזוי אויף דאָס בלוט, וועט עס מיין נאָז זיין. עס איז נישטאָ קיין אַנטלויפֿן, קיין אויסגאַנג פֿאַר מיר. מיין שאָטן לויפֿט זיי נאָך און מאַכט זיי ווילד. ווען איך באַהאַלט

זיך אוים אין אַ שפּאַרע, זוכט מיך זייער שנאה אוים — ווי איך בין אַ בריסטן־אַפּציער, וואָס זוינט אוים אַלע איטערם פֿון קנאה. וואו זאָל איך זיך באַהאַלטן, ווען נישט אין זייער אייגן בלוט? איך מוז פֿאַרוואַנדלט ווערן אין קוועקזילבער און איינגעזאַפּט ווערן אין זייער פֿלייש. די וועלט באַדאַרף מיך: עס פֿעלט אין גויאישן בלוט דאָס זאַלץ, וואָס איך בין, און דער פֿלאַנץ, שלעכט אַריינגעזעצט אין דעם וואָרצל, פֿעלן די זאַפֿטן פֿון וואָרצל. דער־פֿאַר האָט דער מענטש געפֿעלט, די וועלט פֿאַרוואַנדלט אין אַ שעכט־הויז. ווי אַזוי האָט עס אַנדערש געקאָנט זיין? ווי אַזוי האָט די ערד געקאָנט אַרויסברענגען גוטע פֿרוכט, אַז איך בין דער קאַנאַל, דאָס רינע־צווייגל, דאָס זויג־מילכל, וואָס ציט די יניקה פֿון שורש? ווי אַזוי האָט די פֿלאַנץ געקאָנט ברענגען גוטע פֿרוכט, אַז דאָס קאַנאַל־צווייגל איז דורכגעשניטן און דאָס זויג־מיילכל פֿאַרשטאָפּט — און עס טראָגט נישט אַריבער די נער־זאַפֿטן פֿון דער ערד צו דער פֿרוכט?

עס איז אַ צייט פֿון גרויסן קידוש־השם, פֿון גרויסן שטאַרבן פֿאַרן קאָלעקטיוו.

עס גורט זיך אַרום דער רוסישער מוזשיק מיט אַ פּאַסעק, באַלאָדן מיט דינאַמיט, וואַרפֿט זיך אונטער דעם פֿייער־שפּייענ־דיקן, מלאכי־חבלהדיקן טאַנק — און מיט אַ געשריי: „פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון דער וועלט!" — גייט ער אויף אין איין פֿלאַם מיט שטאָל און ברענענדיקן אויל. ער הערט נישט אין פּנים פֿון טויט דאָס געזאַנג פֿון מלאכים, מיט האַרפֿן־קלאַנג באַגלייט, פֿון די אויפֿגעפּראַלטע גן־עדן טויערן אַרויסשאַלן, ווי אַנדערע מאַר־טירער פֿון דער אמונה האָבן דאָס געהערט. אַן אַנדער געזאַנג הערט ער ביים אויסגאַנג פֿון לעבן: דאָס געזאַנג פֿון אַ באַפֿריי־טער וועלט, פֿאַר אַליידן־באַפֿרייטן מענטשן. פֿאַר זיך אַ שוואַרצע הייל פֿון פֿינצטערן גאָרנישט, פֿאַר זיך אייביקער טויט — לעבן פֿאַר דער וועלט. און אַזוי האָבן געלערנט שטאַרבן טויזנטער און טויזנטער יונגע לעבנס פֿון אַלע פֿעלקער און פֿון אַלע לשונות.

קוים פֿאַרזוכט די מילך פֿון לעבן, גייען זיי אָפּ אין דער אייביקער נאַכט, באַגלייט מיט קראַכן פֿון מאַשין־ביקסן, פֿאַר וועלט און מענטש.

אַ שאָטן שאַרט זיך צווישן שאָטנס אויף די טויט־באַפֿליגלטע גאַסן פֿון וואַרשעווער געטאָ, דרעפּטשנדיק צווישן בר־מיננס, אַרויסגעוואָרפֿענע, ווי ביי חורבן־ירושלים, אויף די טראָטואַרן און אין די רינשטאָקן — שאַרט זיך פֿון אַ געהיימער האַנט־דרוקעריי, מיט דער צייטונג, פֿריש פֿון דרוק, באַדעקט מיט גלאַנציקער, קלעפּיקער טינט, פֿאַרשטעקט אין געהיים, און צעטיילט צווישן די שאָטנס אין דער גאַס. קאָן מען נישט שרייען הויך, רעדט מען זיך דורך דורך שריפֿט. אין דער שריפֿט איז דער מלאך פֿון דער בשורה, וואָס זאָגט אָן: „נאָך איז אַלץ נישט פֿאַרפֿאַלן. שטערט דעם שונא ווי ווייט איר קאָנט!”

אָדער יענער יונגער מענטש דאָרט אין וואַלד, פֿאַרשטעקט הינטער צווייגן גרינס, וואָס לויערט מיט זיין געלאָדענער ביקס אויפֿן שונא הינטערן רוסישן פֿראָנט.

אָדער דער יונגערמאַן פֿון ארץ־ישראל און פֿון פּוילן און פֿון וואַנען נישט? מיט אַ מויל, פֿול מיט זאַמד פֿון די זאַמד־ווינטן אין מדבר, קריכט ער אויף אַלע פֿיר מיט אַ גראַנאַט אין דער האַנט, שלייכט זיך דורך טויטן־צוימען דורך, דאָס לייב צעריסן, אויפֿגעקלערט ביז צום נאַקעטן ביין פֿון שטעכעדיקן דראָט, וואַרפֿט־מיט זיין יונג לעבן מיט גראַנאַט, אין וועלכן ער האָט זיין גאַנצע צוקונפֿט אָנפֿאַרטרויט.

און די, וואָס גייען איבער די ימען, נאָרען זיך מיט זייערע טאָרפּעדאָס אונטער דער אונטערדעק פֿון שונאס שיף: דריי חדשים לעבן, נישט מער, פֿאַרמאָגט דער מאַטראָז פֿון אַ סובמאַרין. און די, וואָס פֿליען אין דער הויך, קינדער, ערשט פֿון דער מוטערס שערץ אַוועק, מיט דער מאַמעס מילך נאָך אויף זייערע ליפּן: זייערע אויגן האָבן נאָך נישט געזען קיין שלעכטס, זייערע ליפּן האָבן נאָך נישט פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון לעבן;

מיט געדרויש און פּייף, געצילט ווי אַ שפּיז פון אַן אָנגעצויגענעם בויגן אין אַ געניטער האַנט, גלייך מיט דער נאָז פון דער מאַשין אין שונאס האַרץ אַריין דורך זיין שיף, דורך זיין פאַבריק, שפּריצן זיי מיטן פייער פון די קנאַקעדיקע מאַשין־ביקסן און ווי מלאכים, געפאַלן פון הימל, פאַלן זיי, מיט פלאַמענדיקע פליגלען, אויפן שונאס קאָפּ; טויזנטער זיינען זיי היינט, מיליאָנען וועלן זיי מאָרגן זיין.

צו אייך, אַלע פעלקער און לשונות, וואָס שמאַכטן אין די טאָלן פון טויט אונטער דער רוט פון פּייניקער, מיין גרוס, מיין ברכה און מיין טרייסט. איך בויג טיף מיין קאָפּ פאַר אייער ליידן, איך פאַל אויף מיינע קני פאַר אייערע הייליקע און פאַרגראָב מיין פּנים אין דער ערד אין געבעט פאַר אייערע מאַרטירער. דו איידעלער אָפּשטאַם פון אַלטן העליאַס — ווער קאָן זיך גלייכן צו דיר אין די מתּנות, וואָס דו האָסט באַשאָנקען מיט זיי די מענטשן דורך דיינע געזעצגעבער, דיינע קינסטלער און פילאָזאָפן! אָ, איר, קינדער פון די חכמי־אתונה, וואָס האָבן דער וועלט געגעבן די קולטור און די שיינקייט, וואָס זי פאַרמאָגט איצט, ווי וואַלגערט איר זיך אַרום מיט אויפגעשוואָלענע בייכער, דינע, אַרויסשטעקנדיקע גלידער, לעבעדיקע מתים, איבער די גאַסן פון אַטען! באַרויבט פון אייערע פּרוכטן, ווייגען און אוילן, שמאַכט איר אין די ווינקלען פון אייערע זון־באַגאָסענע גאַסן, גופן אָנגעוואָרפן איינס אויפן אַנדערן, ווי אָפּפאַלעכץ פון אַרויסגעוואָרפענע שמאַטעס. אָן געברויך ליגט איר, אויסגייענדיק טראָפּנווייז אין גסיסה־הונגער. איר, וואָס אייער קולטור־בלוט רינט אין אַלע אָדערן פון מענטשלעכן אינטעלעקט; איר, וואָס איר זענט געוועזן די אינספּיראַציע פאַר אַלץ, וואָס איז שיין און דערהויבן, זענט פון אַ פרעך־גאָטלאָזן באַצווינגער פאַר־משפּט צו שטאַרבן פון הונגער.

און דו, איידעלער פראַנצויז, גבור און קעמפער פאַר מענטש־לעכער פרייהייט; דו, וואָס פרייהייט איז געוועזן די לופט, מיט

וועלכער דו האָסט געאָטעמט, ביסט דורך אַ פֿאַרעטערישער האַנט פֿון דיין אייגן בלוט אַרויסגעשטעלט געוואָרן אויף דעם שקלאַפֿן-קלאָץ צום פֿאַרקויפֿן פֿאַר אַ קנעכט צו דיין שונא, צו שמידן די קייטן פֿאַר דיינע און דיין ברודערס הענט.

און דו, באַוואוינער פֿון דעם רואיקן, טולפֿן-אויסגעבעטן האָלאַנד, דעם טאָל, וואָס דו האָסט מיט נעגל און ציין, דורך דיין פראַצע און שוויים אַרויסגעריסן פֿון דער פֿאַרפֿלייצטער ים-פֿלאַך; דו, וואָס דו האָסט דער ערשטער געריסן זיך פֿון די קייטן פֿון מיטלאַלטערשער פֿאַרשקלאַפֿונג און פראָקלאַמירט רעליגיעזע פֿרייהייט און טאָלעראַנץ פֿאַר אַלע גאָט-גלויביקע — דו, נאָבעלער, העלדישער האָלענדער, אין דיין אייגן לאַנד, פֿאַרוואַנדלט דורך מי אין אַ גן-עדן, ביסטו פֿאַרשקלאַפֿט צו אַ באַצווינגער און אַ באַדריקער, וואָס מאַכט פֿון דיינע זין שטאָל-קנעכט, פֿון דיינע טעכטער — דינסטן, ווען נישט נאָך ערגער.

און דו פוילישׂ פֿאָלק, וואָס ערשט נאָר-וואָס האָסטו אַרויסגעריסן דיין פֿרייהייט פֿון טיראַנס הענט, די דורות-אויסגעווייטיקטע פֿרייהייט, אַזוי טייער און הייליק צו דיין האַרץ, פֿאַר אַזאַ טייערן פרייז געקויפֿט! אָט, דו האָסט דיין פֿרייהייט נישט געוואוסט צו שעצן: האָסט זי פֿאַרזויפֿט, אין קאָרטן פֿאַרשפילט צו דיין שונא. זע, אויך דיך האָט ער דערקלערט פֿאַר אַ נידעריקע ראַסע, באַשאַפֿן נאָר אַן אייביקער „ראַבאָטניק” צו זיין, דיינע זין צוגעקאָטעוועט צו דער טאַטשקע, דיינע טעכטער נאָכגעשלעפט אין זונות-לאַגערן הינטער די זעלנערישע האַרדעס. וואָס באַדאַרף אַ קנעכטן-פֿאָלק מער ווי זיין ברויט און זויף? מחמת דעם אַלע געבילדעטע אויסגעקוילעט — איינציקווייז און אין מאַסן, אַלע בילדונג-אינסטיטוציעס צוגעמאַכט: עס איז גענוג פֿאַרן כאָם זיין האַרם באַפֿעל צו הערן — דאָס באַדאַרף ער פֿאַרשטיין אין וואָרט און אויפֿן וואונק — און ווייטער גאָרנישט.

און דו, טשעכאָסלאָוואַקיע, דו שענסטע בלום, אַרויסגעוואַקסן פֿון אַ לאַנג-יעריקן בלוטיקן קריג, געוואונען דורך אַזוי

פֿיל פֿאַרגאָסן בלוט — ביסטו דורך די הענט פֿון די מעכטיקע איבערגעגעבן געוואָרן פֿאַר אַ קרבן אין דעם פֿייערדיקן מויל פֿון מולך אויף איינצושטילן זיין כּעס, אים איבערצובעטן, כּדי אָפּצואוואַנדן דעם שטורעם פֿון זיך — אַ בלוטיקער קרבן פֿון אַ קינד — און עס האָבן געטאַנצט אַרום דער עבודה־זרה די פֿאַרשטייער פֿון מלוכות דריי, מעכטיק און גרויס, וואָס רופֿן זיך שטאָלץ „קריסטלעכע מלוכות" און וואָס אין זייערע הענט איז עס איבערגעגעבן אָפּצוהיטן דעם גורל פֿון דער וועלט. ווי אַמאָל דער דור־המדבר, וואָס האָט געטאַנצט אַרום אַ גאָלדענעם קאַלב, בשעת משה איז מיט גאָט אין הימל געווען, אַזוי האָבן די קריסט־לעכע מלוכות די קעפּ געבויגן פֿאַר דעם נייעם בעל, געטאַנצט, אין חניפֿה זיך פֿאַרגאַנגען, איינער דעם אַנדערן איבערגעיאָגט.

דאָס איז געווען אייער ערשטע זינד. פֿון דענסטמאָל אָן לאָזט דאָס בלוט פֿון די געפֿאַלענע העלדן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה נישט רוען: עס רוישט אין שטורעם און פֿאַר־לאַנגט זיין אויסלייז. געפֿעלשט די טויטע, די הייליק־געפֿאַלענע, האָט איר אָפּגענאַרט און באַטריגט, אייער אייגן קינדער־בלוט, פֿאַרגאָסן מיט אַזוי פֿיל האָפֿענונג און צוטרוי אויף אַ בעסערער און גערעכטערער וועלט, האָט איר מחלל־געווען, פֿאַרשעמט די קדושים־קבורים אין די קברים. מחמת דעם איז געקומען אויף אייך דער בראָך.

צוהילף צו קומען צום שוואַכן האָט איר נישט געאײַלט, דאָס געשריי און דער גסיסה־קרעכץ פֿון קרבן אין מערדערס האַנט האָט איר נישט געהערט. איר האָט גרויס־געצויגן דעם משחית, אים געלאָזט זיך אָנטרינקען מיט בלוט פֿון הילפֿלאָזע פֿון מיין אייגן פֿאָלק. שוואַכע און קליינע פֿעלקער האָט איר צו־געוואָרפֿן צו זיינע פֿיס, געמיינט, אַז דערמיט וועט איר אים אויס דעם וועג זיין. גערייצט האָט אייך נאָר צום לאַכן דאָס געוויין פֿון ייד — און דער צאַפּל פֿון שוואַכן אין דעם מערדערס האַנט האָט געוועקט אין אייך אַפּעטיט צו טיילן זיך מיטן רויב פֿון

משחית. מענטשן לעבעדיקע, פֿון אייער אייגענער קריסטאַלעכער אמונה, גלויביקע אין אייער גאָט, פֿעלקער פֿון אייער מיט, מיט־גלידער פֿון אייערע משפּחות, מענער, ווייבער, קינדער, וואָס בעטן צו אייער גאָט מיט אייך, מענטשן, ווי איר אַליין, האָט איר געבראַכט פֿאַר אַ קרבן, אַ מתּנה־זונה, אין מלוכם פֿייערדיק מויל.

נאָר נאָך מיין פֿאָלק אַליין וויל איך קדיש־זאָגן, נאָך מיין פֿאָלק אין פּוילן. אַ גאַנצע אומה איז אומגעקומען — און גאָט האָט עס צוגעזען און צוגעלאָזט. אַ גאַנץ לעבן לאַנג ביסטו אַרום־געלאָפֿן, פּוילישער ייד, מיט די תּפֿילין אויפֿן שטערן, דעם קאָפּ באַדעקט מיטן טלית — און בלוט האָט גערונען פֿון הונדערטער וואונדן דיינע, פֿון דיין נאַקעט לייב, וואָס האָט אַרויסגעקוקט דורך די קריעות אין דיין כאַלאַט, פֿון דיינע תּפֿילין און דורך די לעכער אין דיין טלית. אַ גאַנץ לעבן ביסטו אַרומגעלאָפֿן, דורכ־געשפּרייזט עפּאָכעס, יאָרהונדערטער, צייטן און וועלטן; איין דור האָט איבערגעגעבן דעם אַנדערן די תּפֿילין און דעם טלית — און די אָפֿענע וואונדן. פֿאַר אַ טייל אַ שרעק, אַ געלעכטער און אַ שפּאָט פֿאַר אַנדערע. דיין לוין — גלאָריע און דערהויבונג פֿאַר דיר. די תּפֿילין — דיין קרוין, דער טלית — דיין מלכות־בגד, דאָס בלוט פֿון דיינע וואונדן — דיין צירונג. אַזוי ביסטו אַרויסגעקומען פֿון דעם אינדערוואָכן־אומעט, אַ חתן, אַ חתן מקבל־פּנים צו זיין די כּלה שבת. אַזוי האָסטו געלעבט, אַזוי האָסטו געזייט דיין פֿרייד און געשניטן דיין לייד — אויף דעם פֿעלד פֿון צייט אין די בייטן פֿון דורות. און אַזוי האָסטו גע־שלעפּט אַ טויזנט צענטנערס שווערן טאָפּלטן יאָך פֿון דעם מלכות פֿון דער ערד און פֿון דעם מלכות פֿון הימל. ביידע מלכותן האָבן קאָנקורירט צווישן זיך, ווער עס וועט שווערער באַלאָדן דיין רוקן. אונטער דעם שווערן געוויכט, וואָס דאָס דאָפּלטע מלכות האָט געלייגט אויף דיר, האָסטו אויסגעוואַרט אויף אַ משיח, וואָס זאָל קומען און דערלייזן דיך אין דער וועלט. דו האָסט געהערט זיינע טריט אין דעם רויש פֿון די זאַנגען אין פֿעלד;

דיין האלדז פֿאַרשנירט, צוזאַמענגעצויגן פֿון אָנגעשטרענגטע אָדערן, אין איין שטייפֿן גוידער־קנופּ געפּלאָכטן פֿון אויסקוקן אויף דער ישועה, האָסטו פֿאַרשלעפּט דיך און דיין משא ביז צו אונדזערע טעג, ביז עס איז געקומען דער גרויסער יום־הדין. פֿאַר דיין דערשלעפּן די פּעק ביסטו באַשטראָפֿט געוואָרן מיטן גאַנצן חריפֿות פֿון געזעץ — לויטער דין — מיט אַלע ארבע מיתות בית־דין. איצט ביסטו לויטער גלאָריע, גאַרנישט מער ווי נאָר לויטער גלאָריע, לויטער געשיכטע — אַ שורה, אַ בלאַט, פֿאַרשריבן אין אַ בוך, פֿאַר שפּעטערדיקע דורות צו לייענען, צו לערנען — און צו קריצן מיט די ציין — דאָס קרוינדל פֿון קידוש־השם.

און איך בין אַ יתום געוואָרן פֿון אַ גאַנצער אומה, פֿון דער פּויליש־יידישער אומה, וואָס איך בין איר דיכטער געווען, מיט רעספּעקט צו מעלדן, און האָב זי באַשריבן — פֿון אַ „מאַטקע גנב” ביז אַ „תהלים־ייד”, פֿון אַ „שלמה־נגיד”, נגידיש־גבירישׁ, ביז צו די, וואָס מען רעדט פֿון זיי אין דער שטיל, נאָר אויפֿן וואונק, ביז צו די סאָציאַליסטן אין וואַרשע, וואָס ווילן דעם קייסער אַראָפּוואַרפֿן און „ברענגען אַלדאָס שלעכטס אויף יידן”. איצט האָב איך דאָס לעצטע בלעטל פֿאַרשריבן אין אַ „יתגדל־ויתקדש”. איך שטיי איצט איינער אַליין, מיט מיין לעצטן רעשט יאָרן, וואָס איז מיר נאָך איבערגעבליבן. איך האָב קיין מאַנער נישט, קיינער לעבעדיק נישט געבליבן, נישט קיין פֿאָטער, נישט קיין מוטער.

פּטור פֿון אַן אומה, מיט אַ לאַנגער באַשריבענער געשיכטע אויף אַ גרויסער מגילה, הויב איך אָן פֿון וואַנען איך וויל, נישט פֿון היינט און נישט פֿון נעכטן; איך זוך זיך אוים אַ ווינקל פֿון פֿאַר צוויי טויזנט יאָר צוריק, באַהאַלט זיך אין אַ וויינגאָרטן אין ירושלים — און פֿון דאָרט וויל איך שפּינען אַ מעשה, וואָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן אַמאָל און וואָס מען רעדט נאָך פֿון איר אין אונדזערע טעג, און פֿרעגן אַ האַרבע שאלה.

אלע רבנים און אלע לומדים און אלע חכמים און אלע פילאָ־זאָפן, וועלכע האָבן מיך מיט אַזוי פיל הבטחות און קלוגע רייד געהאַלטן צוגעקייט צו דער קייט, וויל איך פרעגן אַ האַרבע קשיא. ניין, נישט שיטן זאָלן אויף די וואונדן, נאָר אויפרייסן וויל איך מיין האַרץ און מיט מיינע נעגל אויסקראַצן פון דאָרט דעם „אתה־בחרתנו”, וואָס האָט מיך געמאַכט פאַר דער שעיר־לעזאזל פון דער וועלט.

איך בין אַ מילב אַ קליינע, וואָס קריכט אַרום איבער דעם פאַרמעט פון אַ גרויסער מגילה. איך בין איינגעוויקלט אין דער מגילה און קריך דאָרט אין דער פינצטער אַרום פון אָרט־צו־אָרט. אַמאָל שטעל איך זיך אָפּ ביי דער עבדות פון מצרים, אַמאָל ביי דער עבדות פון הורדוס, אָדער פון אַן אַנדער שוואַרץ־יאָר; אַמאָל שטעל איך זיך אָפּ ביי גלות־בבל, אַמאָל אין אַן אַנדער גלות — און וואו איך שטעל זיך אָפּ, איז שטענדיק שפּלות, קנעכטשאַפט, פינצטערניש און דריקעניש. פון יעדער עבדות אָבער שאַלט אַרויס מיין בשורה פון גרויסער באַפריי־אונג. קיינער האָט נישט געוואוסט צו רעדן צו גאָט, ווי ישראל, און קיינער פאַרמאָגט נישט אַזאַ בענקשאַפט נאָך באַפרייאונג, אַזאַ ליידנשאַפטלעכקייט פאַר דער גאולה, ווי ישראל. דאָס שפּלסטע פון אַלע פעלקער, ביסטו געגאַנגען פאַראויס פאַר זיי און האָסט געבלאָזן אויפן גרויסן שופר די גרויסע בשורה פון דער גאולה. אונטער דיינע פאַרבלוטיקטע שמאַטעס טראָגסטו בגדי־מלכות. דו, אייביקער באַנייער, אייביק־יונגער, דו שטאַרבסט און ווערסט געבוירן, פאַלסט און הויבסט זיך צוריק אויף. אַ נייעם קדיש וויל איך איצט זאָגן, נישט קיין קדיש נאָך אַ טויטן, נאָר אַ קדיש פאַר אַ ניי־געבוירענעם, אַ לויב און אַ געשריי צו גאָט — פאַר מיינע יסורים און פאַר מיין פרייד:

„דערהויבן און הייליק דיין גרויסער נאָמען!” ניי־געבוירע־נער ישראל, אייביק־יונגער ישראל, גיי פאַראויס! דיין פאַרבלו־טיקט לייב אַ פלאַמענדיקע זייל, בלאָז אין דיין גרויסן שופר צו

אייביקער גאולה! עס גייען מיט דיר דורות אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, עס גייען מיט דיר פֿעלקער פֿון דער וועלט, עס גייען מיט דיר די דורות פֿון דער צוקונפֿט. דו לעצטער, און דו, ערשטער — „דערהויבן און הייליק דיין גרויסער נאָמען!" — און אַלע, וואָס פֿאַרהערלעכן דיך אויף אַלע פֿעלדער, וואו עס ווערט געקעמפֿט פֿאַר דיין גלאָריע און דיין מאכט — אַ קדיש וויל איך זאָגן פֿאַר אַלע געאיידלטע און געטרייע, הייליקע און ליבע, פֿון סאָלאָמאָן-אינדזלען ביז לענינגראַד, פֿון די שמאָכטנדיקע אין די געטאָס ביז צו די מאַרטירער, געשמידטע אין די פֿאַבריקן — אַלע יידן, אַלע קינדער פֿון ישראל! זע, אַלע געבליטן פֿון אַלע מענטשן אויסגעמישט, גיסנדיק זיך דורך טויזנטער וואונדן אויף אַלע עקן פֿון דער וועלט. די וועלט איז איין היים געוואָרן, דער מענטש — איר באַוואוינער. זע, אַן אורגאַן איז איבער אַלעמען געקומען. די הימלען האָבן אָנגעהויבן רעגענען מיט פֿייער איבער מענטשנס קעפּ. ווּיסטע כּוחות, ווי די שטורעמדיקע וועלן פֿון מבול, שפּריצנדיק מיט פֿייער, האָבן אָפּגעשווענקט אַלע גרענעצן. עס איז נישטאָ מער קיין רשות-היחיד, אַלצדינג איז איצט רשות-הרבים. אַלע ווענט זיינען צעשטערט געוואָרן פֿון די טיפֿע גרונטן, געפֿאַלן איבער אַנאַנדער, אַלע דעכער זיינען אַרונטערגעריסן געוואָרן — און ווי עס איז געשען מיט אונדזער דרויסנדיקן געצעלט, אַזוי איז עס אויך געשען מיט אונדזער אינעווייניקסטן געצעלט. אַלע רשותן זיינען צעפּירט-געוואָרן, אַלע דתן, אַלע חוקים, אַלע גדרים פֿון מענטש-צו-מענטש אָפּגעווישט, אַלע סטאַדעס צוזאַמענגעטריבן. אַלע פֿון איין בלוט געקוואָלן, פֿון איין פֿלייש געקנאָטן, פֿון איין גייסט באַלעבט. מיר זיינען אויפֿגעשטאַנען תּחיית-המתים אין דעם נייעם לעבן. אַלע ציען מיר זיך צו איין ליכט, אַלע שטייגן מיר אויף איין טרעפּ, קלאַפּן אין די טויערן פֿון הימל. מיר ווילן אַריינגעלאָזן ווערן אין די חדרי-חדרים פֿון אַן עם-קודש, נישט איין פֿאָלק, נאָר די וועלט. מיר אַלע זיינען צו דער עקדה געבראַכט געוואָרן — און אַלע

זיינען מיר צום קרייץ געשלאָגן געוואָרן. אונדזערע וואָרצלען, געשלאָגן טיף אין דעם אַקער פֿון גאָט, האָבן זיך געפֿונען צוזאַמען און זיי טרינקען דאָס חיות, ווען אַפֿילו דורך פֿיל מיילער, אָבער פֿון איין קוואַל אַרויסגעקוואָלן. אונדזערע קעפּ גרייכן צו די הימלען — און מיר שטייגן העכער און העכער צום אייביקן היכל, מיט איין געזאַנג און איין געשריי אויף אונדזערע ליפּן:

„דערהויבן און געהייליגט זאָל ווערן זיין גרויסער נאָמען, אין אַלע וועלטן, אויף אַלע אייביקייטן!״

די מצווה צו לעבן

איבער דעם וועג פֿון זשאַכלין קיין גאַמבין, אין פּוילן דער מדינה, צווישן די געדיכטע וועלדער און די טונקעלע סטאַוון, וואָס, געפֿינען זיך ביי ביידע זייטן וועג, זיינען גע־גאַנגען צוויי דייטשן מיט הויכע שטיוול, און זיי האָבן געהאַלטן אין די הענט לאַנגע בייטשן און אָנגעיאָגט אַ סטאַדע מיט קינדער ווי מען יאָגט־אָן אַ סטאַדע גענדז.

די קינדער האָבן געוויינט, טייל פֿון זיי האָבן גערופֿן ווי שעפּעלעך „מאַ־מע", וואָס האָט זיך פֿאַרצויגן אין אַ לאַנגן „מאַ"; אַנדערע האָבן שוין ניט גערופֿן „מאַ", נאָר גלאַט אַזוי געוויינט. די דייטשן האָבן זיך גאַרנישט געמאַכט דערפֿון, נאָר ווען אַ קינד האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אומבאַוואוסט אָדער מיט אַ כּיוון פֿון דער סטאַדע און געוואָלט זיך אַוועקזעצן אויף אַ שטיין ביים ראַנד פֿון וועג, אָדער אינסטינקטיוו געזוכט שוץ צווישן די טונקעלע הויכע סאָסנאָווע בוימער, וועלכע האָבן אַרויס־געשטאַרצט מיט זייערע שימערדיקע נאָדל־צווייגן פֿון וואַלד אַרויס ווי זיי וואָלטן פֿאַרבעטן די קינדער אַריינצוקומען צווישן זיי, האָט אַ ברענענדיקע שמיץ פֿון דער לאַנגער לעדער־בייטש איבער די קינדערס קעפּ דערגרייכט דעם קינדס לייב און אַ בייזער וויים־געקאָלטנטער יעגער־הונט האָט זיך איינ־געביסן אין קינדס פּיסל. טייל מאָל האָט דאָס קינד שוין ניט געפֿילט דעם ביס פֿון די שאַרפֿע הינטישע ציין — עס איז געבליבן ליגן אויפֿן וועג — און דער דייטשער שמייסער האָט

אוועקגעשמיסן דעם הונט פֿון טויטן קערפּערל. ווען דאָס קינד האָט אָבער נאָך געהאַט לעבן אין זיך, איז עס, אַ הינקעדיקס מיט אַ געשריי צוריקגעפֿאַלן אין דער סטאַדע אַריין.

נאָר וואָס-אַמאָל האָב די געוויינען פֿון די קינדער זיך איינגעשטילט. די געשרייען מאַ-מאַ זיינען שטילער געוואָרן און פֿאַרשטומטער. די קינדער זיינען מיד געווען פֿון אָפּקור-מעניש, פֿון דעם לאַנגן גאַנג אין דער היץ פֿון טאָג, זיי זיינען הונגעריק און דאָרשטיק געווען, זייערע אויגעלעך האָבן זיך געקלעפּט פֿון שלאָף. די דינע פֿיסלעך האָבן זיך געשניטן אונטער די לייבלעך און זיך ספּאָטיקעט אָן די שטיינער. צום גערנסטן וואָלטן זיי זיך אויסגעצויגן אויפֿן וועג — און זאָלן די בייטשן שמייסן איבער זייערע קעפּלעך, נאָר אָן אומבאַ-וואוסטע שרעק, די שרעק פֿאַרן טויט, דער איינגעוואָרצלטער אינסטינקט פֿון לעבן האָט די קינדער געגעבן כּוח דורכצו-טראָגן די ענויים פֿון לאַנגן טאָג. די מצווה פֿון לעבן, וואָס איז איינגעקנאָטן אין יעדער שפּראָצונג, אין יעדן באַשעפֿעניש, איז שאַרפֿער געווען פֿון דעם ווילן צו פֿאַלן אויפֿן וועג. האָבן די עלטערע קינדער געטראָגן אין זייערע אָרמס די יינגערע, די קריכעדיקע און זויגנדיקע, און געשלעפּט זיך אונטער די שמיץ פֿון די צוויי לאַנגע בייטשן, מיט וועלכע די צוויי הויך-באַשטיוולטע דייטשן האָבן געקנאַקט איבער זייערע קעפּ...

די קינדערשע סטאַדע איז געזאַמלט געוואָרן פֿון צווישן דער יידישער באַפֿעלקערונג פֿון שטעטל גאַמבין, וואו די דייטשן האָבן זיי אַרויסגענומען פֿון יידישע היימען, אויס-געזוכט זיי פֿון באַהעלטענישן, אַרויסגעריסן פֿון די אָרעמס פֿון די מוטערס און אַרויסגענומען פֿון די וויגעלעך. כּדי אַרויס-צוגענאַרן פֿון די עלטערן די קינדערס קליידער, האָבן די דייטשן איינגערעדט די מוטערס, אַז זיי נעמען די קינדער אויף זומער-וואַקאַציע אויפֿן לאַנד, וואו מען וועט זיי געבן בעסער צו עסן. די מוטערס האָבן געוואוסט, אַז די קינדער

ווערן געשלעפּט צו דער שחיטה און צו דער שריפה, ווי עס איז געשען מיט די קינדער פון די אַנדערע שטעטלעך, פון לוויוויטש, פון אַלעקסאַנדראָוו. דאָך... ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט אָנהאַלטן אָן אַ שטרוי האָפענונג, האָבן זיי זיך געמאַכט גלויבן און אָנגעטאָן די קינדער זייערע יום-טובדיקע קליידלעך און קאַפּאָטקעלעך, איינגעפּאַקט זיי פּעקלעך פון די לעצטע ביסנס, געגעבן זיי זייערע שפּילכעלעך אין די הענט — וואָס טויג עס אונדז מער, ווען די קינדער זיינען ניטאָ?

די מוטערס האָבן געחלשט, געפאַלן ווי פליגן אין די טירן, אויפגעכאַפּט זיך און נאָכגעלאָפן — מיט אַרויסגעזעצטע אויגן און צעלאָזענע האָר ווי משוגעים — ביז צו דער שטאָט אַרויס. ווייטער האָט מען זיי ניט געלאָזט גיין. די פאָטערס זיינען שוין פון לאַנג ניט געווען — פאַרשלעפּט געוואָרן פון די דייטשן אויף שווארצער אַרבעט אָדער אין טויט אַריין — זיינען די מוטערס געשטאַנען, צוריקגעהאַלטן דורך די באַיאָ-נעטן, וואָס מען האָט געהאַלטן אָנגעשטעלט צו זייערע בריסט; האָבן געזען ווי די דייטשן פאַרטרייבן זייערע קינדער און נאָכגעשריגן נאָך זיי:

— חנהלע, גיב אַכטונג אויף שלמהלען!

— משהלע, היט רחלען, היט רחלען ווי דיין אויג אין קאָפּ!

ביז די קינדער זיינען פאַרשוואונדן פון זיי און, צוגעדעקט פון וואָלקן שטויב, וואָס זיי האָבן אויפגעהויבן פון וועג הינטער זיך, זיינען זיי געגאַנגען אין די וועלדער אַריין. טייל מוטערס זיינען משוגע געוואָרן, אַנדערע האָבן גאָט געשאָלטן, וואָס ער האָט צוגעלאָזט און צוגעבונדן זיך אַ שטיין אויפן האַלדז און געוואָרפן זיך אין שטאָטישן טייכל.

צווישן די ווילד-משוגע-געוואָרענע מאַמעס, וואָס זיינען געשטאַנען הינטער דער וואַנט פון באַיאָנעטן און צוגעזען ווי די דייטשן פאַרטרייבן זייערע קינדער אויפן וועג קיין גאָמבין,

וואו מען וועט זיי פֿירן צו דער ווייסל־צו, פֿון וואַנען זיי וועלן שוין מער ניט קומען צוריק, האָט זיך אויך געפֿונען זעלדע די קרעמערקע. די מאַנספּאַרשוינען, איר מאַן און דעם עלטסטן זון, דעם קאַמאַשניק, האָט מען צוגענומען ביים ערשטן ברען, ווי נאָר די דייטשן זיינען אַריין אין שטעטל. איצט איז פֿון איר אַוועק אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט: דאָס צוועלף־יאָריקע מיידל, איטעלע, און איר בן־זקונימל, דאָס צוויי־יאָריקע שלמהלע, געפֿינען זיך אין דער סטאַדע, וואָס די דייטשן האָבן פֿאַרטריבן.

זעלדע האָט זיך ניט געריסן די האָר פֿון קאָפּ, זי האָט ניט געשאָלטן, זי האָט ניט געגוואַלדעוועט ווי די אַנדערע, ווען זי האָט געזען ווי די דייטשן פֿאַרטרייבן די קינדער. זי האָט נאָר אַריינגעשריגן אין דער סטאַדע אַריין צו די קינדער:

— איטעלע, איטעלע, דו הערסט מיך?

— יאָ, מאַמע! — האָט זי געקאָנט דערקענען איר קינדס שטימע צווישן די וויינענדיקע קינדערישע קולות.

— דו געדענקסט, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט?

— יאָ, מאַמע!

— זאָלסט אַזוי טאָן...

— איך וועל עס טאָן! — האָט זי געקאָנט הערן איר מיידלס שטימע.

און זעלדע האָט גענומען דעם עק פֿון טוך און איבער־געדעקט דערמיט איר קאָפּ־שיידל ביז צו די אויגן און איז צוריקגעגאַנגען אין שטאָט אַריין.

* *

און איצט אין דער סטאַדע גייט איטעלע און האַלט אויף די הענט דעם צוויי־יאָריקן ברודער שלמה. עס קומט איר גאָר־נישט אָן שווער. קינדער צו טראָגן אויף אירע הענטלעך איז זי געוואוינט זינט זי איז אַלט געווען פֿינף־זעקס יאָר. ווען די מאַמע האָט זיך אויפֿגעהויבן אינדערפֿרי און איז געגאַנגען

אין מאַרק אַרוים האַנדלען אויף איר געשטעל האָט זי אי־בערגעלאָזט דאָס איינגסטע שטענדיק אויף איטלעכס הענט. צוערשט האָט זי אויפגעצויגן דעם עלטערן ברודערל משה־אַהרן. זי האָט אים אויפגעצויגן מיט אַ פּלעשל און אַ סמאָטשיק. נאָר משה־אַהרן איז יונג געשטאָרבן. ער איז קראַנק געוואָרן אויף קאָקליעש, אויף קייך־הוסט. ער האָט זיך נעבעך זייער געפּייניקט אויף אירע הענט צוויי נעכט און איז געשטאָרבן. דאָס איז געווען ווען די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען טראָגנדיק מיט אים, מיט שלמהלען.

באַלד אָבער האָט זי געקראָגן אויף אירע הענט שלמהלען. ווי די מאַמע האָט אים נאָר אַנטוויינט פון דער ברוסט, אַזוי האָט זי אים איבערגעגעבן איטלען און איטלע האָט אים אויפגעצויגן מיטן פּלעשל און סמאָטשיק, ביז די דייטשן זיינען געקומען.

און אַפילו איצט, ווי זי שלעפּט אים אויף אירע דינע הענטלעך, האַלט זי אונטערן אָרעם דאָס פּעקל, וואָס די מאַמע האָט איר מיטגעגעבן. עס געפינט זיך אין דעם פּעקל אַ שטיקל ברויט מיט אַ סלאָיאיקל האָניק, שלמהלעס פּלעשל וואַסער מיט אַ מיש פון מילך, וואָס ווער־ווער ווייס פון וואַנען די מוטער האָט עס אַרויסגעקראָגן און אַ גומענער סמאָטשיק, וואָרים כאָטש שלמהלע איז שוין צוויי יאָר אַלט און קאָן שוין ריידן אַ פּאָר געציילטע ווערטער און האַלט אין איין פרעגן: „פאַרוואָס?" — האָט ער די קינדערשע געוואוינהייט ניט צו קאָנען איינשלאָפן אָן דעם פּלעשל אָדער כאָטש אַ סמאָטשיק אין מויל.

אָרעמע מאַמעס האַלטן די קינדער לענגער ביי דער ברוסט אָדער ביי דעם פּלעשל ווי די רייכע. אָרעמע מאַמעס ווייסן, אַז די איינציקע פרייד, וואָס אַן אָרעם קינד האָט, איז די ברוסט, און אויב ניט די ברוסט, איז כאָטש דאָס פּלעשל. אַזוי ווי זיי וואָלטן זיי געוואָלט מיטגעבן אין דעם לאַנגן און שווערן

גערענגל, וואָס שטייט זיי פֿאַר אין זייער לעבן, אַ ליכטיקן אָנדענק פֿון זייער קינדהייט, האַלטן זיי לענגער די קינדער ביי דער ברוסט, אַ פֿאַרגיטיקונג פֿאַר אַלע נויטן און עוולהס וואָס דאָס אָרעמע קינד שטייט־אויס אין זיין קינדהייט...

און איצט, ווען איטעלע גייט אַזוי און שלעפּט מיט אירע שוואַכע הענט דאָס געוויכט פֿון קינד, האָט זי אין זינען דאָס פּלעשל וואָס געפֿינט זיך אין איר טאָרבע, און זי היט עס, אַז עס זאָל זיך ניט אויסגיסן. ווארים די מאַמע האָט איר עפּעס אָנגעזאָגט, איידער מען האָט זי צוגענומען פֿון דער שטוב אַרויס. די מאַמע האָט איר אָנגעזאָגט עפּעס אַזוינס און אַזעל־כעס וואָס זי וועט עס שטענדיק געדענקען, וואָס זי מוז עס געדענקען, וואָס זי מוז קלערן דערפֿון יעדער מינוט. און אויך איצט, בשעת זי גייט אַזוי צווישן די קינדער און זי קוקט זיך איין אין די שוואַרצע פֿאַרשאָטענע וועלדער, וואָס שטייען אויף ביידע זייטן וועג און פֿאַרטונקלען זיך וואָס־אַמאָל מער, ווי דער אָוונט רוקט זיך צו, קלערט זי וועגן דעם.

איר האַרץ קלאַפּט הינטער איר קאַפּטנדל, זי קאָן הערן איר האַרץ אונטער דער לאַסט פֿון שלמהלעס קערפּערל, וואָס זי האַלט עס צוגעדריקט צו איר יונגער ברוסט. זי קלערט וועגן דעם, וואָס די מוטער האָט אָנגעזאָגט, זי וועט עס אויספֿירן. זי מוז אויספֿירן — די מאַמעשי האָט איר אָנגע־זאָגט, און זי האָט דער מאַמעשי צוגעזאָגט.

ווארים בשעת די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דאָס שטעטל און אָנגעהויבן אַריינרייסן זיך אין די יידישע שטובן און אַוועקגענומען די קינדער, איז זעלדע ניט פֿאַרצווייפֿלט געוואָרן, האָט ניט געשריגן, ניט געגוואַלדעוועט, ניט געריסן זיך די האָר פֿון קאָפּ ווי די אַנדערע. זי האָט נאָר גערופֿן איר טאָכטער איטעלע פֿון דעם באַהעלטעניש אַרויס, פֿון דעם אייז־קעלער פֿון הויז, וואו זי האָט זיך געהאַט פֿאַרשטעקט.

— איטעלע — האָט איר די מוטער געזאָגט — זיי וועלן דיך געפינען דאָרט, זיי וועלן דיך צונעמען, דיך און דיין ברודערל, ווי זיי נעמען צו אַנדערע יידישע קינדער. האָרך מיך אויס, האָרך מיך אויס מיט קאָפּ. דו ביסט שוין אַ דער־וואַקסענע, דו פאַרשטייסט שוין. דו ווייסט וואָס די דייטשן טוען מיט יידישע קינדער, איטעלע.

— יאָ, מאַמע, איך ווייס — האָט איטעלע מער געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ" איידער באַוועגט די ליפּן.

— איטעלע, דו ווייסט, וואָס עס הייסט אַ מצווה?

— יאָ, מאַמע. דער טאַטעשי האָט מיך געלערנט. אַ מצווה הייסט „מודה אני" זאָגן.

— „מודה אני" זאָגן, ראָש־השנה און יום־כּפּור גיין אין שול אַריין, שופר בלאָזן הערן, שבת ליכט אָנצינדן, טאַטע־מאַמע צו האָרכן. דאָס האָט אונדז גאָט געהייסן, און וואָס גאָט הייסט טאָן, איז אַ מצווה. און דו ווייסט, וואָס גאָט הייסט היינט טאָן? גאָט הייסט היינט די יידן לעבן! אַלצדינג צו טאָן, וועלטן אדורכזעצן, אַבי נאָר צו בלייבן ביים לעבן. גנבענען, גזלענען, ליגן זאָגן, אַפילו, חלילה, דעם יידישן גאָט פאַרלייקענען, אַבי צו בלייבן ביים לעבן. איטעלע, פאַרשטייסט מיך? מען פירט דיך מיט דיין ברודער צום אייביקן טויט. זיי שעכטן אויס יידישע קינדער, זיי הרגענען אויס די יידן.

— יאָ, מאַמע! — האָט איטעלע געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— טו אַלצדינג וואָס דו קאָנסט, אַלץ מעג מען טאָן, נאָר דאָס לעבן זיך אָפּצוראַטעווען. אַלע מצוות זיינען אונטערגע־גאַנגען, עס איז ניטאָ קיין שבת, עס איז נישטאָ קיין יום־טוב, ניטאָ קיין ליכט בענטשן. עס איז נאָר איבערגעבליבן איין איינציקע מצווה: צו בלייבן לעבן. גאָט וויל, אַז יידן זאָלן בלייבן לעבן. איטעלע, אין דיינע הענט גיב איך איבער דיין ברודער. ער איז דער איינציקער איבערגעבליבן פון אַלע מאַנס־פאַרשווינען. ראַטעווע אים דאָס לעבן, זיי אים אַ מאַמע.

און די ווערטער: „ראַטעווע אים דאָס לעבן, זיי אים אַ מאַמע" — קלינגען איצט אין איטעלעס אויערן. זיי הערן נישט אויף צו מאָנען ביי איר, אַז זי זאָל עפּעס טאָן. שוין איצט טאָן, באַלד אויפֿן אָרט, אויף אָפּצוראַטעווען דעם ברו־דערלס לעבן. קוקט זי זיך אַרום, האַלט זי אין איין אויסקוקן אויף אַ לאָך, אויף אַ שאָטן, אויף אַ הייזל אין וועלדל, אויף אַ בריקל, וואָס מען קאָן זיך אונטער אים באַהאַלטן.

זי איז אָבער אַ געננג דערפֿאַרן מיידל נישט אונטערצונע־מען קיין פֿאַלשן שריט. זי ווייסט וואויל, אַז יעדער פֿאַלשער שריט קאָן איר און איר ברודערל קאָסטן דאָס לעבן, און אַלץ וועט שוין זיין פֿאַרפֿאַלן, לייגט זי זיך גוט איבער.

הינט האָבן די דייטשן צוויי, אויסשפּירערס, איינער אויף איין זייט, דער אַנדערער אויף דער צווייטער זייט. ווען אַ קינד נויגט־אָפּ פֿון וועג, לויפֿט באַלד צו דער הונט און האַוו־קעט. און דאָך מוז זי עס טאָן דאָ, אין דעם וואַלד, איידער זיי דערגרייכן די סטאַנציע ביי דער ווייסל. דער וואַלד איז נאָך די געגנט פֿון איר שטעטל, ער געהערט צום קאַראַוועצער פּריץ. הינטער דעם וואַלד געפֿינען זיך אַ פּאָר פֿון זיינע „פֿאָלוואַרקעס". זי קאָן אַ פּאָר פּויערים וואָס וואוינען אין דעם פּריצס פֿאָלוואַרק, זי פֿלעגט העלפֿן דער מאַמען אַרויסשלעפּן די פּעק מיט שניט־סחורה אין פֿאָלוואַרק אַריין. דאָרט וואוינט כאַמוינסקי וואָס דער טאַטע פֿלעגט ביי אים שטענדיק נעכ־טיקן, ווען ער איז געבליבן אין דאָרף איבערנאַכט. אין אַ צווייטער אימעניע וואוינט די סטעלמאַכאָווע יאַדוויגע, וועל־כע לאָזט איבער קליינע קינדער ביי דער מאַמען אין שטוב, ווען זי קומט אין שטעטל אַריין אויפֿן יאַריד. זי קאָן נאָך אַ פּויער אָדער אַן אַנדערן וואָס דער טאַטע פֿלעגט אָפּקויפֿן ביי זיי פֿעלעכלעך.

און ביים עק וואַלד, אויף דער צווייטער זייט, געפֿינען זיך די גרויסע קאַראַוועצער סטאַוון, וואָס כאַוון־אויף פֿיש.

די יידן פֿון שטעטל האַנדלען מיט די פֿישערלייט, קויפֿן־אויף ביי זיי די פֿיש און ברענגען זיי אין שטעטל אַריין צו פֿאַר־קויפֿן אויף שבת. אפֿשר וועט זי דאָרט ביי די סטאַוון, קאָנען געפֿינען אַ ביידל, וואו זי וועט קאָנען זיך אויסבאַהאַלטן איבערנאַכט — צומאָרגנס וועט זי זען. זי וועט גיין אַנקלאַפּן אין פּויערשע שטובן.

אַביסל ווייטער פֿון וואַלד, ביים זשאַבלינער וועג, שטייט דער גרויסער קלויסטער פֿון די „שוואַרצע נקבות". „שוואַרצע נקבות" רופֿן די יידן די מאָנאַשקעס פֿון קלויסטער „צום הייליקן האַרץ", וואָס טראָגן שוואַרצע קליידער. די מאָנאַשקעס פֿלעגן אָפֿט קומען אין שטעטל אַריין צו פֿאָרן מיט זייערע אייגענע פֿערד־און־בריטשקעס און איינקויפֿן ביי די יידן. טייל מאָל פֿלעגן זיי אויך קויפֿן ביי דער מאַמען שניט סחורה, לייוונט און ציץ און לאַדזשער טיכער. מען זאָגט, אַז די מאָנאַשקעס זיינען גוט צו יידישע קינדער. זיי נעמען זיי אַריין אין קלויסטער און באַהאַלטן זיי אוים. עס איז ביי די מאָנאַשקעס אויך זיכערער, וויל די דייטשן שטעלן זיך נישט איין אַריינצוגיין אין אַ קלויסטער. נאָר מען זאָגט, אַז זיי שמדן אָפּ יידישע קינדער. זי וועט נישט לאָזן אָפּשמדן איר ברודערל. ניין, בשום־אופֿן נישט, זי וועט נישט לאָזן! זי וועט גאָרנישט אַריינגיין אין קלויסטער, זי וועט זיך בעסער אויסבאַהאַלטן אין וואַלד, זוכן איינצונורען זיך אונטער אַ סטויג היי. זי וועט אַריינגיין צו אַ פּויער. זי וועט שוין זען וואָס זי האָט צו טאָן. זאָל זי זיך נאָר אַריינקריגן אין וואַלד אַריין, אין וואַלד אַריין מוז זי זיך אַריינקריגן איידער זיי דערגרייכן דעם אָפֿענעם וועג פֿון גאַסטעניניער טראַקט.

אַזוי גייט זי, איטעלע, און טראָגט איר יונג ברודערל, און האַלט דאָס זעקל מיט עסנוואַרג און די פּאָר שטיקלעך וועש, וואָס די מאַמע האָט איר מיטגעגעבן אונטערן אָרעם. זי מאַכט זיך פֿלענער און באַמערקט נישט ווי דער וואַלד

ווערט שיטערער, וואָס אַמאָל מער, און די לעצטע פֿאַרנאַכט־לעכע רויטע זון־שטראַלן הויבן אָן אַדורכצובליקן דורך די בלויזן צווישן די בוימער.

„אוי, מאַמעלע־קרוין, דער וואַלד ענדיקט זיך דאָך באַלד!" — רופֿט איטעלע אין זיך אויס ווען זי באַמערקט פּלוצלונג מיט שרעק ווי די בוימער ווערן שיטערער. זי וואַרפֿט אַ בליק אויף איר ברודערל. ער איז איינגעשלאָפֿן אויף אירע הענט, מיט אַ פֿינגער אין מויל, און אויף זיינע ציטערדיקע ליפּן שוועבט נאָך דער זינגעוודיקער ברום „מאַ—מע, מאַ—מע" וואָס ער האָט נישט אויפֿגעהערט צו ברומען די גאַנצע צייט צוזאַמען מיט די אַנדערע קינדער.

גוט, וואָס שלמהלע איז איינגעשלאָפֿן — טראַכט זיך איטעלע. נו, איצט מוז עס געשען, איידער די לעצטע בוימער ענדיקן זיך, אָט באַלד... אָט באַלד... אָבער ווי אַזוי, אַז די צוויי הינט זיינען אויף דער וואַך? זי קאָן פֿילן זייערע צוקנ־דיקע פֿייכטע נאָזדרעס הינטער זיך, זי קאָן הערן זייער האַווקען... נאָר עס מוז געשען, עס מוז געשען. גאָטעניו, מאַך אַזוי, אַז עס זאָל געשען...

און ווי זי רעדט אַזוי אויס די ווערטער פֿאַר זיך, קומט־אָן פֿון דער צווייטער זייט וועג אַ קאָנוואָי דייטשע סאָלדאַטן מיט וועגענער, וואָס הויבן־אויף אַ געדיכטן שטויב פֿון דעם פֿאַרטריקנטן, בלאָטיקן פויערשן וועג, אַז זיי הילן־איין דעם גאַנצן וועג אין אַ כמאַרע פֿון זאַמד און מיסט.

די צוויי דייטשן לויפֿן און טרייבן מיט זייערע בייטשן די קינדער אָפּ אָן אַ זייט פֿון וועג, צום גראָבן צו, כּדי אַדורכצו־לאָזן דעם קאָנוואָי. די הינט לויפֿן מיט אימפּעט אָפּ די גאַנצע ליניע און האַווקען ספּאַזמאַטיש צו האַלטן די קינדער אין דער ליניע.

איטעלע האָט געזען אין דעם אַ צייכן פֿון גאָט — גאָט וויל, אַז יידן זאָלן לעבן.

— קינדער, נאָך מיר אין וואַלד אַריין! — האָט זי אויס־געשריגן און געלאָזט זיך לויפן הענדום־פּענדום מיט וואָס נאָר כּוחות זי האָט געהאַט, אין וואַלד אַריין. די קינדער — נאָך איר.

זי האָט געהערט די הינט האַווקען הינטער זיך, זי האָט געהערט די דייטשן שרייען, רופן, זי האָט געהערט שאָסן פון רעוואָלווערן — זי האָט זיך נישט אומגעקוקט. זי איז געלאָפן אויף צוריק — צו קומען וואָס ווייטער אין געדיכטן וואַלד. כּדי נישט איבערצולאָזן קיין שום שפּור הינטער זיך, האָט זי זיך געהיט אַז זי זאָל גאָרנישט פאַרלירן, געדריקט מיט איין האַנט דאָס דערשראָקענע, אויפגעכאַפּטע יינגל צו איר ברוסט, און מיט דער צווייטער האַנט געהאַלטן דאָס זעקל מיט די זאַכן, געמאַכט זיגזאַגן, געלאָפן פון בוים צו בוים, פאַרשטעלט זיך אין דעם געדיכטן שאָטן, וואָס די בוימער האָבן געוואָרפן, ביז וואַנען זי איז אַריין אין אַ פאַרוועבטער געדיכטקייט פון קשאַקעס. די שטעכלקעס האָבן זיך אַריינגעשטאָכן אין אירע נאַקעטע פיס, זי האָט נישט געפילט קיין ווייטיק. זי האָט זיך פאַרשטעקט אין דער געדיכטקייט פון די קשאַקעס און איז געבליבן אַ וויילע זיצן דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן.

זי האָט מיט איין האַנט פאַרשטעלט דעם קינדס מיילכל, אַז זיין געוויין, וואָס האָט איצט אויסגעבראָכן מיט דער גאַנצער פוריע פון קינדס שרעק, זאָל זי נישט פאַרראַטן. מיט דער צווייטער האַנט האָט זי אַרויסגענומען דאָס פלעשל מיט דער וואַסערדיקער מילך, וואָס די מוטער האָט איר מיטגעגעבן פאַר אַ שעה פון נויט און זי האָט אַריינגעשטעקט דאָס פלעשל אין קינדס מיילכל, כּדי עס איינשטילן.

דאָס קינד האָט געזוכט און געפונען שוץ און רעטונג אין דער פליסיקייט, וואָס האָט זיך געגאָסן אין זיין מיילכל. ער האָט איינגעגעוּרעט זיין פּנימל אין זיין שוועסטערס ברוסט און מיט ביידע הענטלעך געהאַלטן אַרומגענומען דאָס פלעשל. אָפּקרעכצנדיק פון צייט־צו־צייט, האָט ער געפונען נחמה אין זויגן.

קוים האָט זיך דאָס קינד געהאַט איינגעשטילט, איז איטעלע אַרויסגעקראָכן אויף אַלע פיר פון די שטעכעדיקע קשאַקעס. דאָס אָרט האָט איר אויסגעוויזן צו זיין צו נאָענט פון וועג. זי האָט געהערט די הינט בילן, אַרומנאָרנדיק צווישן די בוימער און איינזאַמלענדיק די צעלאָפּענע קינדער. טייל־מאָל האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי הערט די געשרייען פון די דייטשן אָט־באַלד הינטער דעם קשאַק, און זי איז אַרום אויף אַלע פיר, אַרומגעקוקט זיך, צי קיינער איז נישט אויף איר שפור. דאָס קינד גענומען אויף איין האַנט, דאָס זעקל — אין דער צווייטער, האָט זי זיך געלאָזט לויפן מיט וואָס נאָר כוחות זי האָט געהאַט צו דער זייט פון די סטאַוון, וואו די נאַכט וואָס האָט געהאַלטן אין אַראָפּפאַלן אין וואַלד אַריין און וועבן זיך פון איין בוים צום אַנדערן, האָט זי פאַרשטעלט הינטער איר חסדיקן פאָרהאַנג.

ווען אָבער זי איז אַרויסגעקומען פון די בוימער צו די סטאַוון צו, איז די לבנה אַרויסגעקומען אויפן הימל. עס איז געווען אַ נאַכט אין שפּעטן אלול, ווען די לבנה שיינט רויטלעך ווי אַ גרוים פול אויג, וואָס עס דאַכט זיך, אַז עס זעט אַלץ, קיין זאַך איז פון אים נישט פאַרהוילן.

איטעלע האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם נאַקעטן אָפּ־באַדעקנס, אין וועלכן זי האָט זיך געפונען. די סטאַוון זיינען געלעגן גרוים און ברייט איינגעפאַסט אין רייען בוימער, וואו די לבנה איז געשטאַנען איבער זיי אין איר פולער ליכטיקייט און באַשיינט דעם גאַנצן אַרום. זי האָט מורא געהאַט צו בלייבן ביי די סטאַוון. עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז די לבנה ווייזט־אָן אויף איר, וואו זי געפינט זיך; עס האָט זיך איר אַלץ אויסגעוויזן, אַז זי הערט הינט בילן און קינדער וויינען. איז זי צוריקגעקראָכן צווישן די בוימער, געזוכט אַ טרוקן שטיקל אָרט וואו זיך אַוועקזעצן. נאָר קוים האָט זי זיך אַוועקגעזעצט, האָט זי די שרעק געהויבן פון אָרט. עס האָט

זיך איר אַלץ אויסגעוויזן, אַז די דייטשן מיט די הינט זיינען הינטער איר. האָט זי זיך אויפֿגעריסן פֿון אָרט און איז ווייטער געגאַנגען אין וואַלד אַריין. אירע קני האָבן זיך איצט שוין געשניטן אונטער איר. די באָרוועסע פֿיס האָבן זיך אָנגעהאַקט אָן בוימער-וואָרצלען. דאָס קינד אויף אירע הענט איז וואָס אַמאָל שווערער געוואָרן. פֿאַר שרעק און מידקייט איז איר קערפּער באַגאָסן געוואָרן מיט אַנגסטן, אירע הענט זיינען שלאַבערדיק געוואָרן, די פֿיס האָבן זיך איר געבראָכן. זי האָט געוואָלט אַוועקזעצן זיך אויף אַ פּלאַץ אָפּצורוען זיך האָט זיך עס אָבער איר אַלץ אויסגעוויזן, אַז די דייטשן זיינען הינ-טער איר, האָט זי זיך אויפֿגעכאַפּט און געמוזט גיין, גיין און גיין.

ענדלעך, האָט זי באַמערקט אַ ליכטל אַרויסשיינען פֿון צווישן די בוימער. דאָס ליכטל האָט זי געשראָקן, אָבער אויך צוגעגעבן האָפֿנונג. זי האָט זיך געגנבעט צווישן די בוימער, נעענטער צום ליכטל, און געזען, אַז זי איז צוגעקומען צו אַ פּויערש הויז, פֿון וואַנען דאָס ליכטל האָט אַרויסגעשיינט. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָט זי זיך צוגעשלייכט צום טויערל אין פּלויט און אָנגעהויבן גראַבלען ביי דער קליאַמקע, ווי זי איז פֿאַרצאַפּלט געוואָרן אין אַנגסטן פֿון אַ הונטס בילן אין הויף.

זי האָט זיך באַהאַלטן הינטערן פּלויט אויף אָפּצואוואַרטן.

דער הונט האָט זיך נישט געוואָלט איינשטילן — און געהאַווקעט, געהאַווקעט.

ענדלעך, האָט די טיר פֿון דער כאַלופּקע זיך אויפֿגעעפֿנט. זי האָט געזען ווי עס קומט ווער אַרויס פֿון שטוב. דאָס ליכט האָט זיך אינווייניק אויסגעלאָשן. אַ שאָטן האָט זיך דערנע-ענטערט צום פּלויט.

— דו גיי בעסער אַוועק פֿון דאַנען. די דייטשן זיינען דאָ געוועזן, זיך נאָכגעפֿרעגט אויף יידישע קינדער. זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם גאַנצן וואַלד מיט שפּיר-הינט.

— גוטער מענטש, האָב רחמנות, לאָז מיך אריין. איך וועל זיך אין שטאָל באַהאַלטן. גאָט וועט באַצאָלן.

— וואָס האָסטו דאָרט אויף דער האַנט?

— אַ קינד, מיין יונג ברודערל.

— דאָס קינד וועט דיך אַרויסגעבן. ער וועט זיך צעוויינען און אונדז אַלעמען פֿאַרשיטן. גיי אַוועק פֿון דאַנען, די דייטשן זיינען אויף דיין שפּור.

— גוטער מענטש, דערבאַרעם זיך! — האָט איטעלע אויסגעשטרעקט די הענט.

— אָן דעם קינד וואָלט איך דיך אפֿשר אַריינגעלאָזט. אַזוי גיי אַוועק. זיי וועלן קומען אויף דיין שפּור.

— וואוהין זאָל איך גיין?

— וואַרף אַוועק דאָס קינד און ראַטעווע זיך. לויף צום קלויסטער. עס איז אָנדערהאַלבן מייל פֿון דאַנען, אויף יענער זייט סטאַוו. זיי וועלן דיך אַריינלאָזן.

— אַוועקוואַרפֿן דאָס קינד? עס איז מיין ברודערל. די מאַמע האָט אים מיר אָנגעטרויט.

— אַנטלויף, יידישקע. דאָ האָסטו אַ שטיק ברויט — און דער שאָטן האָט איר אַריבערגעוואָרפֿן איבערן פּלויט אַ שטיק ברויט.

איטעלע האָט געלאָזט ליגן דאָס שטיק ברויט און איז אַוועק מיטן קינד.

זי האָט זיך ווייטער געשלעפּט צווישן די בוימער, פֿון איין בוים צום אַנדערן. די פֿיס זיינען איר וואָס אַמאָל שוואַכער געוואָרן, די הענט האָבן זיך געבראָכן אונטער שלמהלעס געוויכט. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען, וואָס דאָס קינד, אויפֿגעוועקט פֿון דעם בילן פֿון הונט, האָט זיך צעוויינט הויך אויפֿן קול: „מאַ־מע, מאַ־מע!״

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אונטער דעם ערשטן בוים, גענומען דאָס קינד באַרויקן. דאָס פֿלעשל איז געווען אַרויס־

געפֿאַלן פֿון דעם קינדס הענטלעך, ווען זי איז געלאָפֿן פֿון איין בוים צום אַנדערן. זי האָט געזוכט אין דער טאָרבע, געפֿונען אַ ליידיקן סמאָטשיק און געפּרואווט אים אַריינשטעקן דעם קינד אין מיילכל אַריין. דאָס קינד האָט אַ צי געגעבן, האָט אויסגעשפּיגן דעם גומענעם סמאָטשיק און איז אַרויס מיט אַ העכערן געשריי.

איטעלע האָט געפּרואווט פֿאַרשטעלן דעם קינדס מיילכל מיט דער האַנט, אָבער דאָס קינד האָט זיך געקרעקט און עס האָט דערפֿון אָנגעהויבן נאָך העכער צו וויינען. ביי איטעלען האָבן זיך די האָר אויפֿגעשטעלט אויפֿן קאָפּ. פּיטש-נאַס פֿון אַנגסטן, האָט זי נישט געוואוסט זיך קיין עצה צו געבן.

„דאָ בין איך פֿאַרפֿאַלן" — האָט זיך איטעלע געטראַכט, דערמאָנענדיק זיך אָן דעם גוים ווערטער: „דאָס קינד וועט דיך אַרויסגעבן". עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָס קינד רופֿט אַהער די דייטשן, וועלכע ליגן מיט זייערע שפּיר-הינט אונטער די ביימער. זי קאָן שוין הערן די טריט פֿון די הינט, זייער האַווקען פֿון דער ווייטנס. זי מוז איינשטילן דאָס קינד, זי מוז...

— שלמהלע, איך בעט דיך שוויג, שוויג. זיי וועלן אונדז דערהערן, שלמהלע — האַלט זי אין איין איבערחזרן, כאָטש זי ווייס אַז אירע ווערטער וועלן ווייניק פּעולה האָבן, און זי האַלט אין איין קלערן עצות וואָס צו טאָן דאָס קינד איינצושטילן.

פּלוצלונג בליצט-אויף אין איר מוח אַ געדאַנק. זי דערמאָנט זיך, וואָס די מאַמע פֿלעגט טאָן אין אַזעלכע פֿאַלן, ווען דאָס קינד האָט זיך צעוויינט און נישט געוואָלט בשום-אופֿן זיך איינשטילן. עס העלפֿט נישט מער קיין פֿלעשל, קיין סמאָטשיק, און איטעלע גיט אַ רייס-אויף איר קאָפֿטנדל און נעמט אַרויס איר קליינע קיילעכדיקע ברוסט, וועלכע האָט זיך ערשט אָנ-

געהויבן פֿאַרמירן, ווי אַן אומרייפֿער עפּל אויפֿן בוים, און אַ שטעק אַריין די ברוסט אין דעם קינדס מיילכל.

— נאַ דיר און שווייג! — האָט זי נאָכגעזאָגט איר מוטערס ווערטער, און דאָס קינד האָט געשוויגן. איבעררעשט פֿון דער וואַרעמקייט, וואָס האָט ווייך אַרומגענומען זיין קליין פּנימל, האָט דאָס קינד זיך איינגעגנורעט מיטן פּנימל אין איר וואַרעם לייב און געפּונען די מוטערלעכע טרייסט, וואָס באַרואיקט און באַזאָנפֿט אַלע וויינענדיקע קינדער.

דאָס קינד, מיטן פּנימל איינגעגנורעט אַזוי אין איר ברוסט איז איינגעשלאָפֿן אין אַ רואיקן שלאָף. נאָר נישט דאָס קינד אַליין איז רואיק געוואָרן. נישט צו וויסן און נישט אָפּצוגעבן קיין חשבון איבער דעם, האָט איטעלע אַליין דערפֿילט די חסדיקע רואיקייט, וואָס איז אַזוי פּלוצלונג געקומען איבער איר. עס זיינען פֿאַרשוואונדן מיט אַמאָל די בייזע מחשבות און די שלעכטע פֿאַרשטעלונגען, וואָס זי האָט געהאַט. עס האָט זי שוין קיינער נישט מער געיאָגט, זי האָט נישט געהערט מער די הינט בילן און נישט פֿאַרנומען מער קיין קינדער־געוויין. עס איז געווען שטיל אַרום, נאָר וואָס די גרילן האָבן געשליפֿן און געזעגט צווישן די צווייגן און בלעטער אומגע־זעענע קלעצער און אייזנס און געבויט גאַנצע בנינים אין אַ פֿאַנטאַסטישער וועלט. דאָס געררויש פֿון די גרילן איז געווען ווי אַ וויג־ליד, און איטעלע איז געפֿאַלן מיטן קאָפּ אויפֿן טוי־באַדעקטן גראָז, און האַלטנדיק פֿעסט און וואַרעם איר ברודערל צו איר ברוסט, איז זי איינגעשלאָפֿן אָן מורא און אָן אימה...

אַז זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, איז זי דערשראָקן געוואָרן מיט נייער שרעק. עס איז שוין געווען גרויסער ליכטיקער טאָג, און דאָ זיצט זי מיטן ברודערל ביי אַ וועג. זי האָט נישט באַמערקט ווי זי איז אינסטינקטיוו געקראָכן ביי־נאַכט אין דער ריכטונג, וואָס דער פויער האָט איר אָנגעוויזן אויף דער צווייטער זייט פֿון סטאַו, צום גאַסטעניצער טראַקט

צו. פֿאַר אירע אויגן האָט זיך אָוועקגעשטעלט די גאַנצע אַכזריותדיקע געפֿאַר פֿון איר לאַגע. יעדע רגע קאָן אַ דייטש פֿאַרבייקומען דעם וועג, אַ זעלנער אָדער אַ זשאַנדאַרם אָדער אַן אַנדער דייטש, און זי צונעמען. צו גיין צוריק אין וואַלד אַריין האָט זי נישט געהאַט קיין מוט. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דער וואַלד איז אין אַבלאַווע, אַרומגערינגלט מיט דייטשן, און אויסשפּיר־הינט שלייכן זיך צווישן די ביימער.

אין דער ריכטונג צום וועג צו ליגט דער קלויסטער. זי האָט אים אַזוי אָפֿט געזען, ווען זי איז געפֿאָרן מיט דער מאַמען צום גאַסטעניניער מאַרק. דער קלויסטער איז אַרומגע־רינגלט מיט אַ פּלויט און צוויי צלמים שטאַרצן אַרויס צווישן די גרינע ביימער אַריבערן הויכן פּלויט. זי ווייסט זי באַדאַרף נאָר גיין אַ פּאָר שריט אַרויס פֿון די ביימער צום וועג צו, וועט זי זען די צלמים. זאָל זי גיין צו די צלמים אָדער זאָל זי גיין אין וואַלד אַריין?

אין וואַלד זיינען דאָ די דייטשן מיט די הינט — און ביי די צלמים קאָן זי זיך ראַטעווען מיט איר ברודערל. נאָר ביי די צלמים איז דאָ שמד, וועט זי מוזן ווערן אויס ייד און ווערן אַ גויע. און איר ברודערל וועט אויך ווערן אויס ייד און ווערן אַ גוי. ניין, זי וועט נישט גיין צו די צלמים, זי וועט שוין גיכער גיין אין וואַלד אַריין. זי וועט קיינמאָל נישט ווערן קיין גויע, און שלמהלע וועט קיינמאָל נישט ווערן קיין גוי. נאָר אין וואַלד איז דאָ דער וואָלף דער דייטש.

דערווייל זיצט זי אויף איר אָרט און האַלט שלמהלען אויף דער האַנט. ער שלאָפֿט נאָך. זיין פּנימל איז אויסגע־מוטשעט, ער קרעכצט מיט קינדערשע קרעכצן. די דייטשן וועלן נעמען שלמהלען און אים וואַרפֿן אין פֿייער אַריין, אים אָפּפּרעגלען אין קאַלך־אויוון; די מאַנאַשקעס וועלן נעמען שלמהלען און אים אָפּשמדן. וואָס זאָל זי בעסער טאָן?

מיט אַמאָל דערמאָנט זי זיך, וואָס די מוטער האָט איר אָנגעזאָגט: „איטעלע, לעב און זע, אַז שלמהלע זאָל לעבן. עס איז אַ גרויסע מצווה צו לעבן.״

יאָ, זי וויל לעבן און זי וויל, אַז איר ברודערל זאָל לעבן. זיי מוזן לעבן! אַזוי פֿיל יידישע קינדער שטאַרבן, אַלע יידן הרגענען זיי אויס. מוז דאָך ווער בלייבן לעבן. נאָר שמדן וועט זי זיך נישט. זי וועט שוין טאָן עפּעס אַזעלכעס, אַז זיי זאָלן בלייבן יידן. זיי וועלן קיינמאָל, קיינמאָל נישט ווערן קיין גוים!

„אל מלך נאמן״ — דערמאָנט זי זיך אָן דער תּפֿילה, וואָס די מוטער האָט זי געלערנט צו זאָגן יעדן פֿרימאָרגן. — „אל מלך נאמן, אַ ברכה און אַ הצלחה אויף מיין קעפּעלע.״

און גלייך ווי זי וואָלט זיך אָנגעכאַפּט אָן די ווערטער ווי אָן אַ לעצטער רעטונג, האָט זי געהאַלטן אין איין איבערחזרן:
„אל מלך נאמן, אַ ברכה און אַ הצלחה אויף מיין קעפּעלע.״

זי וועט יעדן פֿרימאָרגן זאָגן די ברכה — און זי וועט זאָגן די ברכה מיט איר ברודערל. זי וועט אים אויסלערנען די ברכה, וועלן זיי בלייבן יידן.

זי האָט געקוקט אויף איר ברודערל. דאָס קינד האָט איצט געהאַט די אויגן ברייט אָפֿן און געקוקט אַרום זיך מיט פֿאַרוואונדערונג.

— זאָג, שלמהלע, זאָג שלמהלע, זאָג נאָך מיר.

דאָס קינד האָט זי אָנגעקוקט און געמאַכט אַ מינע אַזוי ווי צו וויינען.

— ניין, וויין נישט, זאָג מיר נאָך אָט אַזוי: איל, זאָג — איל, איל.

— איל — האָט דאָס קינד נאָכגעפּלאַפּלט.

— מעלעך, מעלעך, מעלעך, זאָג — מעלעך.

— מילך, מעלעך, מעקעט, מע.

— מעלעך, מעלעך...

— מעלעך, מעלעך.

באוואָפּנט מיט דער ברכה, וואָס דאָס קינד האָט איר נאָכגעפּלאַפּלט, האָט זי זיך געגעבן אַ כאַפּ־אויף פון איר אָרט, גענומען שלמהלען אויף דער האַנט און אַרויסגעלאָזט זיך פון וואַלד אויפן וועג אַרויס.

זי האָט געקאָנט זען פון דער ווייטנס די צוויי צלמים, אַרויסשיינענדיק פון הויכן גרינעם פּלויט, וואָס רינגלט־אַרום דעם קלויסטער. די צלמים האָבן שוין איר נישט געשטאָכן די אויגן ווי תמיד, ווען זי האָט זיי געזען.

ווען מען האָט איטעלען, מיט איר ברודערל אויף דער האַנט, געשטעלט פאַר דער עלטסטער פון די שוועסטער, האָט זיך איטעלע אָנגערופן:

— די מאַמעשי האָט אונדז געהייסן ראַטעווען דאָס לעבן. זי זאָגט, אַז גאָט האָט געבאָטן, אַז מיר זאָלן לעבן. מיר זיינען אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין — און מיר זיינען געקומען דאָ אַהער, ווייל מען האָט אונדז געזאָגט, אַז איר זענט גוטע מענטשן און באַהאַלט־אויס יידישע קינדער פון טויט. נאָר מיר האָבן מורא פאַר אייך — צוליב איין זאַך.

די אַלט גרייז־גרויע אויפזעערין האָט אָנגעקוקט די קליינע מאַמע מיט דעם קינד אויף די הענט, אירע דינע נאַקעטע פיס צעקרעלט און צעשניטן פון שטעכלקעס און קשאַקעס, די האָר צעשאָטן און צעלאָזט, צעוואָרפן איבער איר דינעם נאַקן — האָט זי אָנגעקוקט ווי זי שטייט און שאָקלט זיך אַזוי ווי אַ יונג דורכגעווינטיקט צווייגל. דאָס בתולהדיקע, פאַרוועלקט־ווייסע פּנים פון דער אויפזעערין האָט זיך צו־זאַמענגענומען אין דינע קנייטשעלעך. אירע בלוי־קלאָרע אויגן, איינגעפאַסט, ווי שטילע, זאַנפטע טייכלעך אין אַ שטורעם פון קנייטשן, האָבן זיך פאַרוואָלקנט ביים אָנבליק פון דער קליינער מאַמעלע, וואָס האָט געקעמפט און אָפּגעראַטעוועט

איר ברודערל פֿון דעם מויל פֿון דער דייטשער חיה. זי האָט אָנגענומען איטעלן ביי דער האַנט, זי צוגעבראַכט נעענטער צו זיך און געפֿרעגט זי מיט רחמנות:

— פֿאַרוואָס האָסטו מורא פֿאַר אונדז?

— מיר האָבן מורא, אַז איר זאָלט אונדז ניט מאַכן פֿאַר קאַטאָליקן. מען זאָגט, אַז איר נויט יידישע קינדער צו ווערן קאַטאָליקן.

— מיר נויטן קיינעם נישט צו ווערן קאַטאָליקן — האָט די אויפֿזעערין געזאָגט — ווער עס וויל נישט, נויטן מיר קיינעם נישט. נאָר פֿאַרוואָס האָסטו מורא צו ווערן אַ קאַטוי־לישע? אָט זיינען מיר אַלע קאַטאָליטשקעס, און מיר טויטן נישט קיין קינדער, נאָר מיר ראַטעווען זיי.

— ווייל מיר זיינען יידן און ווילן בלייבן יידן.

— דאָס איז זייער שיין, מיין קינד, פֿון דיר. דו קאָנסט בלייבן אַ יידישקע און דיין ברודערל קאָן בלייבן אַ ייד. קיינער וועט דיך נישט נויטן צו גאָרנישט.

— יאָ? — רופֿט אויס איטעלע מיט באַגייסטערונג. — און מיר וועלן דאָ קאָנען בלייבן ביי אייך? און איר וועט אונדז נישט אַרויסגעבן צו די דייטשן, כאָטש אַפֿילו מיר וועלן בלייבן יידן?

— איר קאָנט דאָ בלייבן מיט אונדז. קיינער וועט אייך נישט אַרויסגעבן צו די דייטשן — און איר קאָנט בלייבן יידן.

— אוי, איז דאָס גוט! — פֿרייט זיך דאָס מיידל. — נאָר איך וואָלט געוואָלט בעטן די פּאַניע אויפֿזעערין נאָך איין זאַך.

— וואָס איז, מיין קינד?

— איך וויל יעדן פֿרימאָרגן און אָוונט זאָגן מיט מיין ברודערל דעם יידישן „פּאַטשערש". מעג איך?

— געוויס מעגסטו, מיין קינד. מיר ווילן אַז דו זאָלסט זאָגן מיט דיין ברודערל דעם יידשן „פּאַטשערש" יעדן טאָג. קאָן ער שוין די יידישע מאָדלידווע אַזוי יונג?

— איך לערן אים. איך האָב אים היינט אָנגעהויבן צו לערנען אין וואַלד, ווען איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן פֿון די דייטשן. ער זאָגט מיר נאָך יעדן וואָרט. די פּאַניע אויפֿזעערין וויל הערן ווי ער זאָגט מיר נאָך? זאָג נאָך, שלמהלע: אייל...

— אייל...

— מע־לעך...

— מיליך — מעל — מעקעם...

— מעלעך — מעלעך — מעלעך...

— מע־מע־לעך...

— די פּאַניטשקע האָט געהערט, די פּאַניטשקע האָט געהערט, ער קאָן מיר נאָכזאָגן. אוי, ווען זיך די מאַמעשי פֿרייען!

— קומט, שוועסטער, קומט אַהער און זעט דעם כּוח פֿון אַלט ישראל. זייער גאָט וואַרפֿט זייערע קינדער צו די פּיס פֿון די הינט — און פֿון דעם מויל פֿון לייב פּרייזן זייערע קינדער דעם גאָט פֿון ישראל! — האָט געזאָגט די אַלטע אויפֿזעערין.

און דער וואָלקן פֿון אירע קלאָרע בלויע אויגן האָט זיך אויפֿגעלייזט אין טרערן.

*

מאַמע, מיר לעבן!

אוודאי איז אין מאָנאַסטיר געווען גוט. מען האָט שלמהלען געגעבן צו טרינקען וואַרעמע מילך. איטעלען האָט מען אַריינגענומען צווישן די גרויסע, די דערוואַקסענע. זי האָט געוואַשן געפֿעס. פּאַדלאָגעס, האָט געהאָלפֿן דרויסן אין פֿעלד — און יעדן טאָג האָט מען געלערנט מיט איר דעם גויאישן „פּאַטשערש" צו זאָגן, און מען האָט זי געלערנט אַז יעזוס אין הימל איז זיס און האָט רחמנות אויף קליינע קינדער, און ער

האָט געהייסן ראַטעווען קליינע יידישע קינדער, און אַז מען האָט אים ליב ראַטעוועט ער אַפּ פֿון די דייטשן, וואָס הרגענען קליינע יידישע קינדער, און דערפֿאַר באַדאַרף מען אים ליב האָבן און געהאָרכן אַלצדינג וואָס ער הייסט טאָן.

נאָר וואָס קומט אַרויס דערפֿון, אַז די שוועסטער יעקאַ־טערינאַ זאָגט, אַז מען האָט ליב יעזוסן און מען וויל טאָן זיין ווילן, באַדאַרף מען ניט זאָגן דאָס יידישע געבעט, נאָר דעם פּוילישן „פּאַטשערש, און מען באַדאַרף ווערן אַ קריסט, אַ קאַטאָליק. און ווי אַזוי קען זי דאָס טאָן? זי איז אַ יידיש קינד, און איר ברודערל איז אַ יידיש קינד, און די מאַמע האָט איר אָנגעזאָגט, ווען זי האָט אין אירע הענט איבערגעגעבן־פֿערט שלמהלען — „ראַטעווע אים דאָס לעבן!" — האָט זי דאָך געמיינט, אַז ער זאָל פֿאַרבלייבן אַ ייד... ווי דען אַנדערש!

און איטעלע האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז זי וועט אַלצדינג טאָן צו ראַטעווען איר ברודערס לעבן און צו זען, אַז ער זאָל בלייבן אַ ייד.

איז אָבער דאָס ערגסטע, וואָס זי קאָן ניט צוקומען צו אים. נאָר איינמאָל אַ וואָך לאָזט מען זי צו צו אים — זונטיק.

ווי נאָר זיי זיינען אַריינגעקומען אין מאָנאַסטיר, האָט מען זי אָפּגעטיילט פֿון איר ברודערל. זי איז געקומען אין דער קיך אַריין, וואו די שוועסטער יעקאַטערינע האָט געהאַט צו זאָגן, און איר ברודערל האָט מען צוגענומען און אַריינגעגעבן צווישן די קליינע קינדער, וואָס זי האָט ניט געוואוסט, וואו מען האַלט זיי, און קיינער האָט ניט געוואוסט, ווייל מען האָט מורא געהאַט אַז די דייטשן זאָלן זיך ניט דערוויסן, אַז דער מאָנאַסטיר באַהאַלט־אויס יידישע קינדער.

פֿאַר די מיידלעך האָט מען ניט אַזוי מורא געהאַט ווי פֿאַר די יינגלעך. צווישן די מיידלעך זיינען געווען פֿיל קריסט־לעכע און נאָר אַ פּאָר יידישע, און אַלע יידישע האָבן געגאַלטן

פּאַר קריסטלעכע. אַלע האָבן זיי געטראָגן הייליקע בילדלעך אויפֿן האַלדז, און איטעלע האָט אויך געטראָגן אַ הייליק בילדל אויפֿן האַלדז, ווייל מען האָט איר געזאָגט, אַז עס איז פֿון איר טובה וועגן, כּדי דייטשן זאָלן זי ניט דערקענען פֿאַר אַ יידישער ווען זיי וועלן מאַכן אַן אַבלאַווע, אויב זיי וועלן ניט געפֿינען דאָס הייליקע בילד אויף איר. די מאַמעשי האָט דאָך איר אָנגעזאָגט, אַז מען מעג אַלצדינג טאָן, כּדי זיך צו ראַטעווען דאָס לעבן, האָט זי דערפֿאַר געטראָגן דאָס הייליקע בילדל. ניין, ניט אויפֿן האַלדז, נאָר אין דער טאַש פֿון קליידל. און ווען די שוועסטער יעקאַטערינע האָט באַמערקט, אַז זי טראָגט ניט דאָס הייליקע בילדל אויפֿן האַלדז, נאָר אין טאַש, האָט זי זיך געבייזערט אויף איר.

— די דייטשן זיינען דאָך נאָך ניטאָ — האָט איטעלע אָפּ־געענטפֿערט דער שוועסטער יעקאַטערינע. — אַז די דייטשן וועלן קומען, וועל איך אָנהענגען דאָס הייליקע בילדל אויפֿן האַלדז, כּדי זיי זאָלן מיר ניט דערקענען.

האָט די שוועסטער זי אָנגעקוקט מיט פֿאַרשנירטע ליפּן און קאַלטע אויגן, האָט געשאָקלט אויף איר שטום מיטן קאָפּ און מער קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

נאָר דאָס, וואָס זי האָט ניט געקאָנט זען איר ברודערל אַ גאַנצע וואָך, האָט איטעלען זייער וויי געטאָן. זי האָט אָבער געוואוסט, אַז עס איז פֿאַר זיין טובה וועגן. אַזוי האָבן איר די שוועסטער געזאָגט יעדן מאָל, ווען זי האָט זיך געבעטן, אַז מען זאָל זי צולאָזן צו איר ברודערל. און זי האָט דאָך פֿאַרשטאַנען, וואָרום זי איז דאָך שוין אַ דערוואַקסענע. האָט איטעלע גע־שוויגן און געוואַרט אויף זונטיק.

זונטיק, נאָכן עסן, האָט מען זי אַוועקגעפֿירט אין אַ טונקעלן קאָרידאָר — דאָרט זיינען געשטאַנען בענק אין די ווינקלען — און מען האָט פֿון ערגעץ־וואו אַרויסגעפֿירט קליינע קינדער.

עס זיינען געווען איינציקע אַזעלכע יידישע קינדער ווי איטעלע, וואָס האָבן געהאַט קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך אין מאַנאַסטיר. האָט מען די ברידערלעך און שוועסטערלעך צו־זאַמענגעפירט יעדן זונטיק אויף אַ האַלבער שעה. אַ שוועסטער איז געשטאַנען אויף דער וואַך אין קאָרידאָר און אַן אַנדער שוועסטער איז געשטאַנען אין דרויסן.

קוים האָט מען שלמהלען געבראַכט צו איר, האָט זי אים גענומען אויף די הענט און זיך אַוועקגעזעצט מיט אים. שלמהלע האָט שוין אויך געטראָגן אַ הייליק בילדל אויפֿן האַלדז, האָט עס איר געקרענקט, נאָר זי האָט גאָרניט געקאָנט זאָגן, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז עס איז פֿון זיין טובה וועגן.

האָט זי געהאַלטן איר ברודערל אויף די קני און זיך מיט אים געפֿרייט און געפֿרעגט אים: „עס איז דיר גוט?״ — און אויסגעפֿרעגט אים, וואָס מען גיט אים עסן. נאָר קוים האָט די שוועסטער ביי דער טיר אַוועקגענומען איר פּנים פֿון איר און געקוקט אויף די אַנדערע קינדער, האָט איטעלע צוגעלייגט אירע ליפּן צו שלמהלעס אויער און אים איינגערוימט:

— דו ביסט אַ ייד, שלמהלע, דו ביסט אַ ייד. זאָג נאָך: ייד.

— ייד — האָט שלמהלע געשטאַמלט.

— שטילער...

— ייד — האָט שלמהלע געפּישטשעט.

— איצט, זאָג מיר נאָך וואָס איך האָב דיך געלערנט: אל...

— אייל...

— מלך...

— מילך, מילך...

— נאמן...

— נע־מען... נע־מען...

ווי אַ גוטער סטראַטעג, האָט איטעלע אויסגערעכנט, אַז

דערווייל איז די בעסטע זאַך אויסצובאַהאַלטן זיך אין מאַנאַסטיר. דער ווינטער האָט זיך אויך אָנגעהויבן צורוקן: אין דרויסן האָבן אָנגעהויבן פֿאַלן די ערשטע נעפּלען, באַלד וועט קומען דער שניי, און אין שניי איז ניט גוט אויסצובאַהאַלטן זיך אין וואַלד. זי האָט באַשלאָסן איבערצואווינטערן אין מאַנאַסטיר. און זיך געלאָזט באַנוגענען מיט דעם וואָס זי האָט געזען איר ברו־דערל יעדן זונטיק אויף אַ האַלבער שעה — צו לערנען מיט אים דעם „אל מלך נאמן" הינטער דער שוועסטערס פּלייצע. זי האָט זיך געמיט צו זיין געהאָרכגיביק, האָט געטאָן אַלצדינג, וואָס מען האָט איר געהייסן, אין שטוב און אין פֿעלד. נאָר וואָס איז שלעכט געווען, איז דאָס לערנען דעם „פּאַטשערש". די שוועסטער יעקאַטערינע האָט זי גערן געהאַט ווי דאָס לעבן און איז געווען גוט צו איר ווי האָניק. יעדן מאָל ווען די שוועסטער האָט זי געזען אַרבעטנדיק אין קיך אָדער אין דער וועשעריי, האָט זי איטעלען איבערגעצלמט און איר געזאָגט, אַז יעזוס קריסטוס האָט זי זייער ליב, און דערפֿאַר האָט ער איר אָפּגע־ראַטעוועט פֿון די דייטשן, זי און איר ברודערל. און די שוועסטער האָט געפֿרעגט ביי איטעלען צי פֿילט זי ניט קיין דאַנקבאַרקייט און קיין ליבשאַפֿט צום הייליקן יעזוס פֿאַר דעם אַלעם, וואָס גאָט האָט געטאָן פֿאַר איר און פֿאַר איר ברודערל. אוודאַי פֿילט זי אַ ליבשאַפֿט צום הייליקן יעזוס, וואָס האָט ליב קליינע קינדער, און זי איז די שוועסטער אין מאַנאַסטיר זייער דאַנקבאַר, וואָס זיי האָבן איר אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן, און עס איז איר גוט און וואויל אין מאַנאַסטיר און איר ברודערל קריגט גוט עסן און זעט אויס זייער געזונט, ווי זי זעט אים יעדן זונטיק. ער אַנטוויקלט זיך און וואַקסט, קיין עין־הרע, זייער שיין. נאָר וואָס קומט אַרויס דערפֿון, אַז זי האָט מורא, אַז איר ברודערל זאָל ניט ווערן קיין גוי. פֿאַר זיך האָט זי ניט קיין מורא. זי וועט זיך שוין קאָנען אַן עצה געבן. נאָר פֿאַר איר ברודערל האָט זי זייער מורא. יעדן זונטיק ווען זי וויל לערנען מיט איר

ברודערל דעם יידישן „אל מלך נאמן”, פּלאַפּלט איר ברודערל דעם „פּאַטשערש”, וואָס די שוועסטער לערנען אים: „יעזוס מאַריע” — און קושט דאָס צלמל וואָס הענגט ביי אים אויפן האַלדז, ווי די שוועסטער לערנען אים.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג צווישן דעם יידיש מיידל און די שוועסטער פון מאָנאַסטיר איבער שלמהלעס נשמה.

— ניין, שלמהלע, זאָג ניט דאָס — האָט זי געשושקעט איר ברודערל אין אויער אַריין. — דאָס איז אַ גויאישער פּאַטשערש. מיר זיינען יידן. זאָג מיר נאָך: „אל מלך נאמן”. און זאָג: „אַ ברכה און אַ הצלחה אויף מיין קעפּעלע.” זאָג, וועט דיך די מאַמעשי ליב האָבן.

עס איז וואָס אַמאָל ערגער געוואָרן. וואָס עלטער שלמהלע איז געוואָרן, וואָס בעסער ער האָט געקאָנט ריידן, האָט ער אַלץ בעסער געקאָנט זאָגן דעם גויאישן „פּאַטשערש”. די יידישע תּפילה האָט ער פאַרגעסן. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען, וואָס וואָס-אַמאָל מער איז יעדן זונטיק געשטאַנען די שוועסטער וואַך איבער איר, ווען זי איז געזעסן מיט איר ברודערל, און האָט זי געהיט. און איין מאָל ווען די שוועסטער האָט געהערט ווי אי־טעלע לערנט מיט איר ברודערל דאָס יידישע געבעט, האָט זי צוגענומען דאָס קינד פון איר און אים אוועקגעפירט — און איטעלע האָט אים מער ניט געזען פאַר אַ פּאָר וואָכן.

איטעלע האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו פאַרלאָזן דעם מאָ־נאַסטיר.

דערווייל האָט זי גאָרניט געקאָנט טאָן. דער שניי איז געלעגן געדיכט אויף פעלד און וואַלד, און אַרויסגיין אין אַזאַ שניי אין דרויסן הייסט פאַרטרונקען צו ווערן. און ווידער, האָט זי ניט געקאָנט צוקומען צום ברודערל. אַליין האָט זי ניט געוואָלט אַוועקגיין.

אין אַ פּאָר וואָכן נאָך דעם ווי מען האָט צוגענומען שלמהלען פון איר, האָט די שוועסטער יעקאַטערינע געזאָגט, אַז מען וועט

זי צולאָזן צום ברודערל, נאָר זי מוז צוזאָגן, אַז זי וועט ניט לער־נען מיט אים דאָס יידישע געבעט, ווייל דער זיסער יעזוס האָט רחמנות געקראָגן אויף איר ברודערל און צוגענייגט זיין הערצל אַזוי יונג ווי ער איז צו דערקענען אים. איר ברודערל האָט ליב דעם זיסן יעזוס און קושט דאָס צלמל און זאָגט דעם קריסטלעכן „פּאַטשערש". און זי מוז אויך בעטן, אַז יעזוס זאָל זיך דערבאַ־רעמען אויף איר און אַריינגעבן אין איר האַרץ אַ באַגער נאָך אים. איטעלע האָט אַלצדינג צוגעזאָגט, און מען האָט זי צוגע־לאָזט צו איר ברודערל.

זי האָט ניט געלערנט מיט אים מער דאָס יידישע געבעט. זי האָט אויסגעהערט די קריסטלעכע ווערטער, וואָס שלמהלע האָט געשטאַמלט, און האָט גאָרניט געזאָגט נאָר אין קאָפּ האָט זי אויסגעאַרבעט אַ גאַנצן פּלאַן.

דערווייל איז אָנגעקומען דער פרילינג. פּויערשע פורן זיינען אַריינגעקומען דורך דעם טויער פון מאָנאַסטיר, פירנדיק מיסט צו באַמיסטיקן די פעלדער פון מאָנאַסטיר; פּויערשע פורן זיינען אַרויסגעפאָרן. איטעלע האָט געאַרבעט אין פעלד און האָט גע־קענט די פורן, און זי האָט געוואוסט, ווען די פורן פאָרן אַריין און ווען זיי פאָרן אַרויס.

זי האָט נאָר געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו האָבן איר ברודערל ביי דער האַנט.

אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך באַלד געמאַכט.

איטעלע האָט מיט איר אויפפירן זיך אַזוי געוואונען דעם צוטרוי פון דער שוועסטער יעקאַטערינע, אַז מען האָט זי איצט וואָס אָפטער צוגעלאָזט צום ברודערל. וואָרום די שוועסטער אויף דער וואַך אין קאָרידאָר האָט באַמערקט, אַז אויפן אָרט פון יידישן געבעט, לערנט איטעלע מיט איר ברודערל דעם פּוילישן „פּאַטשערש". די שוועסטער יעקאַטערינע האָט זי זייער גע־רימט דערפאַר. מען האָט איטעלען געגעבן אַ מתנה אַ קאָלירט

בילדל פֿון דער הייליקער מאַמע. מען האָט איר איצט אַפֿילו פֿאַרטרויט שלמהלען אויף אַרויסצונעמען אים פֿון די ווענט פֿון מאַנאַסטיר אין גאָרטן אַרוים. די שרעק פֿאַר די אַבלאַוועס פֿון די דייטשן איז ווינציקער געוואָרן, וואָרום נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן אָפּגעראַמט אַלע יידישע קינדער פֿון דער געגנט, האָבן זיי זיך בארואיקט. האָט מען שלמהלען טיילמאָל איבער־געגעבן איטעלען, אַז זי זאָל אים האַלטן לעבן זיך, ווען זי האָט געאַרבעט אין גאָרטן אַז זי זאָל אים לערנען זאָגן דאָס פּוילישע געבעט.

איטעלע האָט אָבער גאַנץ גוט געוואוסט ווען די פּוילישע פֿורן פֿאָרן אַרוים פֿון מאַנאַסטיר־הויף. זי האָט זיך גענומען יאָגן אין שפּיל מיט שלמהלען, ביז זי האָט אים פֿאַריאָגט אין פֿעלד אַרוים צו די פֿורן, וואו די פּויערים אַרבעטן. דאָרט האָט זי באַמערקט כאַמוינסקים פֿור. כאַמוינסקי איז געווען פֿון איר געגנט. זי האָט אים געקענט. דער טאַטע האָט שטענדיק געגעבטיק ביי אים ווען עס איז אים אויסגעקומען צו בלייבן אין דאָרף איבער נאַכט. ווען די כאַמוינסקים זיינען געקומען אין שטעטל אַריין אויפֿן מאַרק, האָט זי, די פּויערטע, איבער־געלאָזט אירע קינדער ביי דער מאַמען אין דער היים איבערן טאָג. ווען די מאַמע האָט געזויגן שלמהלען, פֿלעגט זי אויך געבן די ברוסט דעם כאַמוינסקים „בחורעץ”, דעם קליינעם סטעפּאַק, וואָס האָט שטענדיק געהאַלטן אין איין וויינען. אי־טעלע האָט געוואוסט, אַז כאַמוינסקי קומט אין מאַנאַסטיר־הויף אויף אַרויסצופֿירן פֿון דאָרט שטרוי און היי, וואָס ער פֿירט דאָס ערגעץ־וואו אַוועק.

און אָט שטייט כאַמוינסקים וואָגן אָנגעלאָדן מיט בינטלעך שטרוי, אַזוי ווי גאָט האָט עס איר צוגעשיקט. האָט זי מיט איין האַנט געכאַפּט דעם קליינעם שלמהלען, מיט דער צווייטער האַנט פֿונאַנדערגענומען זיך אַ באַהעלטעניש צווישן די בינטלעך שטרוי, גענורעט אַהין דעם קאָפּ, דאָס לייב, געשלעפּט דאָס

דערשראָקענע וויינענדיקע קינד נאָך זיך, געוואָרפֿן אים אויף זיך און באַדעקט זיך און אים מיט בינטלעך שטרוי און געבעטן זיך, שושקענדיק אַן אָטעם אין שלמהלעס אויערן:

— שטיל דיך איין, שלמהלע. מיר פֿאָרן דאָך צו דער מאַמען אַהיים! דו ווילסט דאָך פֿאָרן צו דער מאַמען, נישט?

— יאָ — וויינט דאָס קינד.

— איז שטיל דיך איין, וואָרום זיי וועלן דיך אַראָפּנעמען.

מיט דער האַנט פֿאַרדעקט דעם קינדס מײַלעכל און אויסגענוצט איר גאַנצע מוטערלעכע געשיקטקייט, אויף איינצורײַדן שלמהלען, אַז זיי שפּילן זיך אין אַ באַהעלטעניש און טאָמער וועט ער וויינען, וועט מען זיי אויסגעפֿינען און אַראָפּנעמען — איז איר געלונגען דאָס קינד איינצושטילן, ביז כאַמוינסקי האָט גערירט פֿון אָרט מיט זיין וואָגן.

אַז דער פּויער איז פֿאַרפֿאָרן מיט זיין וואָגן שטרוי אַהיים, איז שוין געווען אָוונט און טונקל. איז איטעלע אַרויסגעקראָכן פֿון אונטער דעם שטרוי, האָט מיטגעשלעפּט איר ברודערל און אַריינגעשעפּטשעט אים אין אויער אַריין:

— טו אַלצדינג, וואָס איך טו, דו הערסט? קום, מיר וועלן זיך וואַרפֿן איצט פֿאַר כאַמוינסקים פֿיס.

— פּאַניע כאַמוינסקי, האָב רחמנות!

— אַלאָ באָגאַ! ווער איז דאָרט? — האָט דער פּויער אויפֿגעציטערט אין דער פֿינצטער.

— דאָס זיינען מיר, די קינדער פֿון דער חיימאָוואַ פֿון ברייטן מאַרק. דערקענסטו אונדז נים?

— ווי קומסטו אַהער? פֿון וואַנען האָסטו זיך גענומען, טייוול? — זאָגט דער גוי און צלמט זיך איבער.

— די דייטשן האָבן אונדז געיאָגט, האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז מיר זאָלן גיין צו דיר, פּאַניע,

און צו פֿאַני כאַמוינסקי. די פֿאַני כאַמוינסקי איז אַ גוטע, זי האָט געקענט גוט די מאַמע, מיר בעטן דיך, לאָז אונדז אַריין צו דיר.

— צו מיר? אַז די דייטשן זאָלן מיך שיסן? וואו ביסטו געווען ביז איצט?

— אין מאָנאַסטיר, מיט מיין ברודערל.

— פֿאַרוואָס ביסטו אַנטלאָפֿן?

— זיי האָבן מיך אָפּגעטיילט פֿון מיין ברודערל. איך האָב אים ניט געקאָנט זען.

— גיי צוריק אין מאָנאַסטיר, דאָרט איז דער זיכערסטער אָרט פֿאַר אַזאַ ווי דו.

— פֿאַני כאַמוינסקי, איך קאָן אַרבעטן, איך בין שוין אַ דערוואַקסענע. איך האָב געאַרבעט אין מאָנאַסטיר. איך וועל אַרבעטן פֿאַר דיר אין פֿעלד. איך קאָן, איך בין אַ שטאַרקע.

די פֿויערטע איז אַרויסגעקומען פֿון הויף.

— וואָס איז דאָס?

— דאָס זיינען דער חיימאָוואָס קינדער. איר עלטער מיידל. זי האָט אַרויסגעגנבעט איר ברודער פֿון מאָנאַסטיר און באַהאַלטן זיך אין מיין וואָגן.

— די יידישע יוכע... — איז די גויע אַרוים.

נאָר איידער זי האָט נאָך פֿאַרענדיקט, וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן איז שוין איטעלע געלעגן פֿאַר אירע פֿיס און געבעטן זיך:

— פֿאַני כאַמוינסקי, איך קאָן אַרבעטן. איך קאָן שאַרן, וואַשן, אַרבעטן אין פֿעלד. איך קאָן די גאַנצע שטוב באַזאָרגן און דעם אַקער פֿירן. איך בין אַ שטאַרקע מיידל, איך האָב געאַרבעט אין מאָנאַסטיר. לאָז מיך דאָ זיין ביי דיר. איך וועל פֿאַר דיר אַלצדינג טאָן. נאָר פֿאַרן שטיקל ברויט. איך וועל שלאָפֿן אין שטאָל מיט די חזירים.

דער פויער האָט אָנגעקוקט די פויערטע, און די פויערטע האָט זיך אָנגערופן:

— וואָס וועסטו טאָן מיט דיין ברודערל?

— אָ, מיין ברודערל איז שוין אַ דערוואַקסן אינגל. ער קאָן פּאַשען די חזירים, ער קאָן היטן די גענדז. איך וועל אויפפּאַסן אויף אים.

— יאָ, ער וועט זיך צעשרייען ביינאַכט און ברענגען מיר די דייטשן אויף דיין שפּור.

— ניין, ער וויינט נישט, ער איז שוין אַ דערוואַקסן אינגל, ער פאַרשטייט שוין. נישט אמת, שלמהלע, וועסט נישט וויינען?

— ניין.

— פּאַני כאַמוינסקי, האָט רחמנות, איר זענט דאָך געווען מיין מאַמעס אַ גוטער פריינט. און די מאַמעשי האָט מיר געזאָגט: „דו גיי צו פּאַני כאַמוינסקי און וואַרף דיך צו אירע פיס, און קוש די הענט, וועט זי דיך אַריינגעמען צו זיך און אויסבאַהאַלטן ביז דער דייטש וועט פאַרשווינדן. עס וועט דאָך נישט אייביק דויערן. דער פּאָליאַק וועט צוריקקומען, וועט זיין אַן אַנדער וועלט." פּאַני כאַמוינסקי, האָט רחמנות!

— ווייסטו וואָס, איך וועל זיי האַלטן אַ פּאָר טעג. איבעראַכטאָג פאַר איך ווידער אין מאָנאַסטיר קויפן שטרוי, וועל איך זיי מיטנעמען. גיי קריך אין שטאַל אַריין. נורע דיך אין שטרוי איין מען זאָל נישט הערן און ניט זען פון דיר.

אין די טעג ביז דער אַנדערער וואָך האָט איטעלע זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזאַ געהילף אינם פויערסווירטשאַפט, אַז די כאַמוינסקים האָבן זיך גוט איבערגעלייגט צי זאָלן זיי אַרויסלאָזן אַזאַ העלפערין פון דער שטוב. איטעלע האָט אויפגעפּאַסט אויף די חזירים, געגעבן זיי עסן. איטעלע האָט געמאָלקן די קי. איטעלע האָט גערייניקט די מיסט פון פערדן־שטאַל. איטעלע האָט אַפילו געפירט די וועגענער מיסט אויפן פעלד אַרויס און עס באַ־

מיסטיקט. אַ חוץ נאָך וואָס איטעלע האָט געוואַשן די וועש פֿאַר דער פֿויערטע אין טייכל, געררימט די כּאַלופּע און אויפֿגעפּאַסט אויף דער פּויערטעס קינדער ווען די באַלעבאַטים זיינען גע־פֿאָרן אין שטאָט אַריין — און אומעטום האָט זי מיט־געהאַט מיט זיך איר ברודערל שלמהלע, אים נישט אַרויסגעלאָזט פֿון אויג און נישט אָפּגעטאָן פֿון דער האַנט.

די כּאַמוינסקים האָבן זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט וועגן דעם מאַנאַסטיר און געלאָזט די קינדער ביי זיך. דערצו נאָך ווען אין מאַנאַסטיר האָט מען זיך נישט געפֿרעגט אויף זיי. עס איז געווען אין דער העכסטער אַרבעט־צייט אויפֿן פֿעלד, צו טאָן איז געווען אַ סך, אַרבעט־הענט ווייניק, איז איטעלע פֿאַר די כּאַמוינסקים געווען אַן אַנגעלייגטער ביסן. דער קליינער יידישער „בחורעץ״ האָט אויך נישט געשטערט.

איטעלען האָט מען איצט גערופֿן זאָשאַ באַרקאַווא, אויפֿן נאָמען פֿון דער כּאַמוינסקי־משפּחה, כּדי צו זאָגן, אַז זי איז אַ שוועסטער־קינד פֿון די פּאַני־כּאַמוינסקים, אַ יתומה, וואָס איז געקומען פֿון אַ דאָרף הינטער קיטנאַ; און שלמהלען האָט מען גערופֿן סטאַשעק באַרקאַוו.ביידע האָבן אויסגעזען ווי פּויערשע פֿאַרלאָזענע קינדער, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, בלויז נאָר אין היילע שמוציקע העמדלעך, אַלטע קאַפּטאַנס, באָרוועס, מיט ריטער אין די הענט. אַזוי האָט שלמהלע שוין געהאָלפֿן אַהיים ברענגען, אַניאָגן די חזירים אין זייער נאָרע אַריין אָדער די גענדז פֿון טייכל. ער האָט געהאָלפֿן ביי דער אַרבעט אין פֿעלד אָדער ביי דער אַרבעט אין שטוב.

אַלע זיינען געווען שטיף־מוטערלעך צו די קינדער, אַ חוץ נאָר דער גאָלדענער זון און דער גוטער ערד. די זון האָט זיי געוואַרעמט, אויסגעבריט און שטאַרק געמאַכט אונטער אירע שטראַלן. פֿון דער ערד האָבן זיי געגנבֿעט מייערן, ריבן, ווען זיי זיינען הונגעריק געווען. איטעלע איז שטאַרק געוואָרן, גע־

האַרטעוועט און אויסגעהאַמערט פֿון איר מזל און איר אַרבעט. און באַלד איז שלמהלע געוואָרן אַזאַ דערוואַקסן אינגל, אַז ער האָט שוין געקאָנט אַליין די גענדז פּאַשען און פֿאַרדינען זיך זיין שטיקל ברויט פֿאַר זיך.

צווישן די חזירים, אָדער אין מיסט אין פֿערד־שטאַלן, האָט איטעלע ניט אויפֿגעהערט צו לערנען איר ברודערל, אים צו דערציילן, אַז חוץ דער וועלט פֿון אַנגסטיקן געראַנגל אויף אָפּ־צוראַטעווען זיך פֿון די נעגל פֿון שווארצן טויט, איז נאָך דאָ אַן אַנדער וועלט, וואָס שלמהלע האָט קיינמאָל ניט געהאַט די זכיה צו זען אָדער צו געדענקען. איטעלע האָט אויפֿן געלעגער אין שטרוי אין חזיר־שטאַל, געלערנט מיט אים זאָגן אויף אויס־ווייניק די פּאָר תּפֿילות, וואָס זי האָט אַליין געדענקט מיט אי־בערהאַקעכץ און איבערהיפּעכץ, אַ שטיקל פֿון מודה־אַני: „אל מלך נאמן, אַ ברכה און אַ הצלחה אויף מיין קעפּעלע"; גע־לערנט אים אַ ברכה צו מאַכן:

— שלמהלע, דו געדענקסט, ווען דער טאַטע האָט אונדז גע־טיילט המוציא מיט האָניק אין ראש־השנה?

— ניין, איך געדענק ניט.

— אַז עס איז געקומען ראש־השנה — דערציילט איטעלע איר יונגן ברודערל — האָט די מאַמע אָנגעגרייט אַ סלאַיאיקל מיט האָניק און אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש, און דער טאַטע האָט געשניטן המוציא־חלות און באַשמירט און אונדז געגעבן. אוי, איז דאָס זיס געווען! מיר האָבן געמאַכט „המוציא". ווייסט ווי מען זאָגט „המוציא"? זאָג מיר נאָך: „ברוך אתּה ה' אלהינו."

— איטעלע, וואו איז דער טאַטע?

— דער טאַטע איז ניטאָ.

— און די מאַמעשי?

— די מאַמעשי איז אויך ניטאָ.

— וואו זיינען זיי?

— זיי זיינען ערגעץ־וואו אוועק.

— פֿאַרוואָס?

— ווייל גאָט וויל אזוי.

— מיר וועלן זיי קיין מאָל ניט זען?

— יאָ, אפשר לעבן זיי, אזוי ווי מיר. זיי מיינען דאָך אוודאי אז מיר זיינען טויט, שלמהלע, און מיר לעבן. אזוי מיינען מיר אויך, אז זיי זיינען טויט, נאָר זיי לעבן, שלמהלע, זיי לעבן. מיר וועלן זיי נאָך זען.

— איך וויל זיי זען. איך וויל צו דער מאַמעשי — האָט דאָס קינד אָנגעהויבן קאַפּריזעווען.

— שווייג, שלמהלע, שווייג. אָט וועל איך דיר זינגען א שיין לידל.

קראָ, קראָ, קראָ,
די מאַמע איז ניטאָ.
וואו אַהין איז זי געגאַן
שוין אַ לאַנגע שעה?
וואָס וועט זי ברענגען?
אַ טינטל מיט ביר.
ווער וועט טרינקען?
איך מיט דיר.

— שיין שלמהלע! און איצט זאָג מיר נאָך:

איין מלאך פֿון דער רעכטער זייט,
איין מלאך פֿון דער לינקער זייט
זאָלן היטן מיין קעפּעלע
אַ גאַנצע נאַכט
ביז די ליכטיקע זון וועט אַרויס.

— און איצט קום שלאָפֿן.

און שוועסטערל און ברודערל זיינען געפֿאַלן אויפֿן שטרוי און איינגעשנורעט די קעפּלעך איינס אין אנדערנס לייב. און צוויי מלאכים, איינער פֿון רעכטס און איינער פֿון לינקס האָבן געהאַלטן וואַך איבער די צוויי קינדער אין חזיר־שטאַל פֿאַר די מענטשלעכע חיות, וואָס האָבן געלויערט אויף די קינדער אין דרויסן.

באַלד איז אָבער געקומען אַ סוף צו דעם שלווהדיקן שוץ, וואָס די קינדער האָבן געפֿונען איבערן זומער ביי די פּויערים.

אַז דער הערבסט האָט זיך אָנגערוקט, נאָך דעם ווי איטעלע האָט געהאָלפֿן דעם פּויער איינזאַמלען דעם שניט פֿון פֿעלד אין די שייערן אַריין, ווען דאָס לעצטע ביסל קאָנישינע איז אַריינגענומען געוואָרן אונטערן שטאָל־דאַך און די קאַרטאָפֿליעס זיינען געווען אויסגעגראָבן און אַריינגעלייגט אין ערד־גראָבנס, האָט דער פּויער זיך אָנגערופֿן צו איטעלען:

— הער, זשידאָווקע, איך וואָלט דיך געהאַלטן איבערן ווינטער, דו ביסט מיר געווען אַ גוטע הילף, נאָר עס זיינען דאָ פֿיל זשעדנע אויגן אויף דיר. דו מיט דיין ברודערל זיינען ניט מער זיכער. דו גיי בעסער צוריק אין מאָנאַסטיר אַריין, אויב זיי וועלן דיך צוריקנעמען.

— פֿאַרוואָס? — האָט איטעלע געפֿרעגט מיט אירע גרויסע אויגן.

— די דייטשן האָבן אויסגעקלעפּט אַ באַקאַנטמאַכונג אין די דערפֿער, אַז זיי וועלן געבן דריי קילאָ צוקער פֿאַר יעדן יידישן קינד, וואָס עס וועט ווער אָנווייזן, וואו עס האַלט זיך אויף אין דאָרף. דו מיט דיין ברודערל באַטרעפֿן זעקס קילאָ צוקער. זעקס קילאָ צוקער איז ניט קיין קלייניקייט, עס וועלן זיך געפֿינען אַ סך בעלנים דערויף. איך אַליין וועל ניט שווערן פֿאַר מיינע לייט אַפֿילו. ווער איז ניט זשעדנע צו באַקומען זעקס קילאָ צוקער? דו אַנטלויף איידער עס ווערט שפּעט, וואָ־

רום עס קאָנען אייך צופּיל אַז איר זייט דער חיימאָוואָס קינדער. דאָ האָסטו אַ טאָרבע מיט ברויט אויף אַ פּאָר טעג — און גיי אין וואַלד אַריין. פאַרשידענע לייט דרייען זיך היינט אַרום אין די וועלדער... מאַכן אָן דעם דייטש אַ סך קלאַפּאָט. ניט איינער פון דיינע לייט געפינט זיך מיט זיי. גיי צו זיי. אפשר קאָנען זיי דיך געברויכן, אויב דו ווילסט ניט צוריקגיין אין מאָנאַסטיר.

איטעלע איז געשטאַנען אַ ווײַלע און געקלערט.

— אונדזערע לייט, זאָגסטו, פּאַניטשי? וואָס פאַרא לייט זיינען דאָס?

— דו ווייסט — זאָגט דער פּויער מיט אַ וואונק — אַזעלכע, וואָס האַלטן פאַרשידענע שפּייערס, רייסן אויף בריקן. איך באַדאַרף דיר נישט אַ סך דערציילן, דו ווייסט.

— און צווישן זיי געפינען זיך אונדזערע, זאָגסטו?

— יאָ, נישט איין יידישע יוכע. מען רעדט דערפון אין די דערפער. די יידעלעך באַוואָפענען זיך.

— און זיי וועלן מיך, מיינסטו, צונעמען מיט מיין ברודערל?

— ווער ווייסט? אפשר יאָ. דו ביסט אַ יידישקע ווי זיי. נאָר קיין לעקעך וועסטו נישט עסן ביי זיי. דער דייטש איז אויף זייער שפּור. מען זאָגט, אַז ער האָט דעם גאַנצן וואַלד אַרומגערינגלט. דו גיי בעסער אין מאָנאַסטיר אַריין, דאָרט איז זיכערער פאַר דיר, אויב זיי וועלן דיך צוריקנעמען.

— וואו האַלטן זיי זיך אויף, די לייט?

— ווער ווייסט זיי? זיי זיינען ווי אַ רוח, ווי דער ווינט — דאָ באַווייזט ער זיך, דאָ רייסט ער זיך אוים. מען זאָגט, אין טשאַרנע־ליאַסעס, דו ווייסט, נאָך די סטאַוון וואו די פּריצים פלעגן גיין אויף פּאַלאָוואַניע. דאָרט זאָגט מען איז זייער באַ־העלטעניש. נאָר איך האָב דיר גאָר נישט געזאָגט, דו הערסט זשידאָווקע? מען וועט דיך כאַפּן, זאָלסטו נישט אַרויסגעבן ריין

בעל-טובה. ווארט ביז עס וועט טונקל ווערן, אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן, אַז דו פֿאַרלאָזט מיין כאַלופּע. פֿאַרשטאַנען?

— פֿאַרשטאַנען.

אַ וואָך צייט האָט עס גענומען איטעלען מיט שלמהלען צו דערשלאָגן זיך צו די טשאַרנע-ליאַסעס, וואָס זיינען געלעגן נאָענט צו זייער שטעטל, צווישן זשאַבלין און גאָמבין. ביי־טאָג אויס־באַהאַלטן זיך אין די לעכער, צווישן קשאַקעס, אין ביידלעך ביי די סטאַוון; ביינאַכט געקראָכן דורך געדיכטקייטן, דורך אָפּ־געלייגטע פּוילישע וועגן, געשפּרונגען פֿון איין בוים צום אַנדערן; אויסגעמיטן ישובים, אָנגעקלאַפּט אין פּויערשע טירן, געשנאָרעט ברויט און וואַסער.

דאָס מאָל האָט איטעלע שוין נישט באַדאַרפֿט שלעפּן שלמהלען אויף דער האַנט, נישט באַדאַרפֿט מורא האָבן אַז שלמהלע וועט זי פֿאַרראַטן דורך געוויין. שלמהלע איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער, אַ דערוואַקסענער אין אַלע געפֿאַרן ווי זיין שוועסטער. ער איז שוין געגאַנגען אויפֿן אויסשפּיר, געגראָבן דורך קשאַקעס און בלעטער און אויסגעשפּירט, צי אַ וועג איז קלאָר צו אַ פּויערס אַ כאַלופּע. ער האָט זיך אַפֿילו אויסגעלערנט אונטערצושיידן צווישן דעם בילן פֿון אַן אויס־שפּיר-הונט, וואָס די דייטשן פֿירן מיט זיך, און דעם בילן פֿון אַ פּויערשן הונט אין אַ פּויערשן הויף.

עס איז שוין געווען שפּעט אין האַרבסט. ביינאַכט זיינען די וועלדער פֿייכט געווען פֿון אַ געדיכטער ראָסע, וואָס איז געפֿאַלן פֿון די בוימער. די נעכט זיינען זייער קאַלט געווען. אַ פֿייערל אָנצוצינדן האָט מען מורא געהאַט, האָט מען זיך נאָר געקאָנט אָנוואַרעמען דורך דעם, וואָס מען האָט צוזאַמענגע־שאַרט טרוקענע בלעטער און מיט זיי זיך צוגעדעקט ביי־טאָג, אָדער טיילמאָל אַריינגעגנבעט זיך אין אַ פּויערשער שטאַל און איבערגעטאָגט אין שטרוי און היי אָן דעם באַלעבאָס וויסן. די קינדער האָבן זיך גענערט פֿון דעם וואָס זיי האָבן געקראָגן,

געמעלקט מילך פֿון בהמות בגנבה אין די שטעלער אָדער אין פֿעלד, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפֿן.

אזוי האָבן זיי זיך גערוקט, זיך גערוקט נעענטער צו זייער שטעטל, ביז וואַנען זיי האָבן דערגרייכט די „טשאַרנע ליאַסעס".

די „טשאַרנע ליאַסעס" זיינען באַשטאַנען פֿון אַ געדיכטן פּאַרצייטיקן וואַלד פֿון לויטער דעמבעס, וואָס פֿיל פֿון זיי זיינען איינגעטונקען געווען אין טאָרף־פֿעלדער, באַדעקט מיט אויסגעטריקנטע זומפּן, באַצויגן מיט אַרויסגעזועצטע, צוזאַמענגעוועבטע דיקע וואָרצלען, און עס איז געווען אַ גרויס מאַטערניש אַדורכצוגיין. קיין וועג, קיין שטעג, נאָר איין פֿאַרוועבטע געדיכטקייט פֿון צווייגן, דעמבענע שטאַמען, זומפּן און טאָרף־גראָבנס. קיין ישוב, קיין הייזל, קיין הונט־בילן ביי טאָג, קיין ליכטל־שיינען ביינאַכט, נאָר איין גרויסע וואַלד־ווילדערניש. ביינאַכט איז געווען אוממעגלעך צו וואַנדלען אין דעם וואַלד, אַז מען זאָל נישט אַריינפֿאַלן אין אַ זומפּ און פֿאַרטרונקען ווערן אין דער בלאָטע, האָבן די קינדער ביינאַכט זיך אויסבאַהאַלטן אונטער בוימער... זיי האָבן געהערט חיהלעך ברומען, אַמאָל איז אַ טכוירל אַדורכגעלאָפֿן; די ווילדע ווילדעך זיינען געווען לעבן זיי, זיי האָבן זיי געפֿילט אויף זייער לייב. טייל־מאָל האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אַז וועלפֿישע אויגן קוקן אַרויס פֿון צווישן בוימער־שטאַמען אויף זיי. די קינדער האָבן זיך אָנגעהאַלטן ביי די הענט — זיי האָבן ווינציקער מורא געהאַט פֿאַר דעם וואָלף אין וואַלד ווי פֿאַר דעם וואָלף אין שטאָט. ניין, זיי האָבן נישט מורא געהאַט, זיי זיינען שוין צו אַלץ געוואוינט געוואָרן.

איין מאָל, פֿאַרטאָג, ווען זיי זיינען געלעגן צוזאַמען, די לייבער באַדעקט מיט בלעטער און צווייגן, זיינען זיי אויפֿגעוועקט געוואָרן פֿון אַ גרופּע מענטשן, מענטשן מיט בערד, געדיכטע באַוואַקסענע, מיט ביקסן אויף די פּלייצעס. מען האָט נישט געקאָנט וויסן, צי זיי זיינען יידן, צי זיי זיינען גויים. זיי האָבן

אויסגעפֿרעגט די קינדער פֿון וואַנען זיי קומען דאָ אַהער, פֿון וואַנען זיי נעמען זיך, און ווער עס האָט זיי דאָ אַהער געשיקט.

איטעלע איז געווען אַזוי דערשראָקן, אַז כאָטש די לייט האָבן גערעדט צו איר פּויליש, איז דאָס לשון ביי איר געוואָרן אָפּגענומען. זי האָט געוויס געמיינט, אַז איצט האָט זיך אַלץ געענדיקט, אַז איצט איז זי שוין אַריינגעפֿאַלן אין די ריכטיקע הענט צו די דייטשן — און זיי וועלן מאַכן מיט איר און מיט איר ברודערל אַן עק. זי האָט געשטאַמלט, אַז זי זוכט אייגענע, אַז מען האָט איר געזאָגט, אַז אין די „טשאַרנע־ליאַסעס” האַלטן זיך אויף אייגענע. ווער האָט איר געזאָגט? דערויף האָט זי גאָרנישט געענטפֿערט.

די לייט האָבן די קינדער מיטגענומען מיט זיך און זיי געבראַכט טיפֿער אין וואַלד אַריין. דאָרטן זיינען זיי אָנגעקומען אין אַ לאַגער וואו עס זיינען געשטאַנען וועגענער און אויס־געשפּאַנטע פֿערד, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט צווישן די בוימער. פֿון אַ קעלער איז אַרויסגעגאַנגען אַ רויך. און די מענטשן זיינען געווען אַלע מיט בערד, מיט ביקסן אויף די אַקסלען, און אויך פֿרויען זיינען געווען צווישן זיי.

מען האָט איטעלען מיט שלמהלען אַרומגערינגלט, אָנגעהויבן אויספֿרעגן. און איטעלע איז אַזוי דערשראָקן געווען, אַז זי האָט אַזש אָנגעשטעקט איר ברודערל מיט שרעק, און שלמהלע איז צום ערשטן מאָל זינט אַ לאַנגער צייט, אַרויס מיט געוויין.

— זאָג מיר מיידעלע, ווי הייסטו? — האָט איטעלע פּלוצלונג דערהערט דאָס יידישע לשון פֿון אַן עלטער מיידל, וואָס איז געווען איינע פֿון זיי, אין אַ פּויערשן שעפּסן־פּעלץ איינגעהילט, מיט אַ ביקס אויף דער פּלייצע.

איטעלע האָט זיך אַזוי דערפֿרייט מיטן יידישן לשון, וואָס זי האָט דערהערט צום ערשטן מאָל, זינט זי האָט פֿאַרלאָזט די מאַמעשי, אַז זי האָט באַלד צוריקגעקראָגן איר לשון, און

נישט נאָר איר לשון, נאָר איר גאַנצן קוראַזש און איר זי־כערקייט.

— הייסן הייסט איך גיטעלע, נאָר די מאַמעשי פֿלעגט מיך רופֿן איטעלע, האָבן מיר אויך אַנדערע גערופֿן איטעלע.

— פֿון וואַנען קומסטו?

איטעלע האָט איר דערציילט פֿון אַלץ, וואָס עס האָט גע־טראָפֿן מיט איר, זינט מען האָט זי אַרויסגענומען מיט איר ברודערל פֿון דער היים ביז זי איז געקומען אין וואַלד אַריין.

— אַזוי האָט דיר די מאַמעשי אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט לעבן, אַז עס איז אַ מצווה צו לעבן, און דו זאָלסט זען, אַז דיין ברודערל זאָל לעבן? — האָט זי געפֿרעגט דער פּאַרשוין, וואָס האָט גערעדט יידיש צו איר.

— יאָ.

— און דו ווייסט, איטעלע, אַז די מאַמע האָט דיך געשיקט לעבן צווישן חיות?

— יאָ, די דייטשן זיינען חיות, און אַזוי זיינען אויך אַנדערע מענטשן — האָט איטעלע צום ערשטן מאָל זיך דערלויבט אויפֿצולייזן איר ביטערקייט אין אַ טרער.

— און דו ווייסט, ווי אַזוי מען קאָן לעבן צווישן חיות?

— ניין.

— אָט מיט דעם — האָט דער פּאַרשוין אָנגעוויזן אויף דער ביקס, וואָס זי האָט געטראָגן אויפֿן אָרעם.

— איך ווייס דאָך נישט מיט דעם אומצוגיין...

— מען וועט דיך אויסלערנען. זעסט איטעלע, די מאַמעשי האָט דיר אָנגעזאָגט אַז דו זאָלסט באַשיצן שלמהלען. ווייסטו ווי אַזוי? מיט איין האַנט זאָלסטו אים פֿירן, אין דער צווייטער האַנט זאָלסטו האַלטן אַ ביקס. נאָר דענסטמאָל קענסטו אים באַשיצן.

ווען דבורה שאַבאַסניק פֿון לוּוויטש האָט איבערגעגעבן דעם באַרימטן פּאַרטיזאַנען־אָפּטייל פֿון די „טשאַרנע ליאַסעס",

וואָס זי איז געווען אין דעם אָן אָנגעזעענער מיטגליד, וועגן איר שמועס מיט די קינדער, האָבן אייניקע פֿון דער גרופּע זיך געקווענקלט, צי זאָלן זיי האַלטן די קינדער: וואָס וועלן מיר טאָן מיט זיי? וואָלט זי נאָך געווען אַליין — זי זעט אויס צו זיין אַ כוואַטסקע מיידל — אָבער מיט אַ קינד, וואָס וויינט?

— דאָס קינד וועט זיין אַ גרויסע הילף אויף דורכצופֿירן אונדזערע פּלענער. ווער וועט חושד־זיין, אַז מיר פֿירן איבער אַמוניציע, ווען אויפֿן וואָגן, צווישן די זעק ציבעלעס, וועלן מיר אַוועקזעצן אַ מאַמע מיט אַ קינד אויף דער האַנט? וואַרט נאָר, עס איז מיר עפּעס איינגעפֿאַלן. מיר ווילן דאָך אויפֿרייסן די אייזנבאַן־בריק צווישן זשאַכלין און לוווויטש פֿון דער בערלין־וואַרשע־ליניע. דאָס מיידל וועט זיך צום בעסטן איינגעבן. זי זעט אויס ווי אַ פּויעריש שיקסעלע, וואָס אַרבעט אין פֿעלד. גיט זי מיר איבער אין מיינע הענט, איך וועל איר געבן אינסטרוקציעס...

*

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט אַ וואָגן אָנגעלייגט מיט צעבראָכענע פּויערשע בעבעכעס, בעט־געוואַנט, הייליקע בילדער און אַ פּאָר זעק קאַרטאָפֿל, געשלעפּט זיך איבערן גאַס־טענינער טראַקט קיין זשאַכלין צו. אויפֿן וואָגן איז געזעסן אַ פּויערשע פֿאַמיליע — אַ פּויערטע מיט אַ קינד, איינגעהילט אין אַ זאַק; אַ פּויעריש שיקסל איינגעהילט אין אַ צעריסענעם טוך, אַ באָרוועסע, האָט אָנגעטריבן דאָס אָרעמע פֿערדל. איין מאָל, אַ צווייט מאָל איז דער פּויערשער וואָגן אָפּגעשטעלט געוואָרן פֿון אַ דייטשישן זשאַנדאַרם:

— ווער פֿאָרט?

— אוי, פּאַניטשע, די כאַלופּע האָט אָפּגעברענט, די קו געפּגרט. אָרעמע מענטשן, שלעפּן מיר זיך צו קרובים, קיין גאַסטינין. מיר פֿירן אונדזערע אָרעמע בעבעכעס.

— און וואָס געפֿינט זיך אין די זעק?

— אַ פּאָר פֿאַרפֿוילטע קאַרטאָפֿל צו פֿאַרזייען איידער דער שניי פֿאַלט אַרונטער.

דער זשאַנדאַרם האָט אַפֿילו געוואָלט אַריינקוקן אין די זעק, נאָר אויף די זעק איז געזעסן אַן אָרעמע פּויערטע און האָט איר גרויסע ברוסט געשטעקט אין מויל אַריין פֿון אַ דערוואַקסן יינגל וואָס האָט געהאַלטן אין איין וויינען.

— נעבעך. קראַנק אויף מאָזלען און אפֿשר טיפֿוס, וויינט ער. נו, גיב איך אים די ברוסט, אַז ער זאָל זיך איינשטילן.

דערהערט דאָס וואָרט „טיפֿוס", איז דער זשאַנדאַרם אָפּגעשפּרונגען ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן:

— פֿאָר!

שטייט אַ טאָג אָדער צוויי אַ פּויעריש מיידל, פֿאַרזייט קאַרטאָפֿל אויף אַ פֿעלד, אויף אַ פֿעלד וואָס גייט צו אַ טייכל, איבער וועלכן עס ליגט דאָס באַן-בריקל. עס איז אַ רעגנדיקער טאָג. אַן אָסיענדיקער רעגן טריפֿט, דאָס מיידל איז באָרוועס, די פּלייצע מיטן זאַק באַדעקט, און זי דראַפּטשעט אין די בלאָטעס, מאַכט לעכער מיט אַ שפּאַדל אין דער ערד, וואַרפֿט אַריין אַ האַלבע קאַרטאָפֿל פֿון דער ברייטער שירץ, וואָס זי טראָגט. אויפֿן פֿעלד שטייט אַ ליידיקער וואָגן, אויף וועלכן עס זיצט אַ דריי יאָריק קינד, איינגעדעקט מיט זעק. אַז דאָס פּויערשע מיידל קומט צו צום בריקל, פֿאַרזייט זי אַרום די צאַמען די לעצטע קאַרטאָפֿליעס פֿון איר שירץ אַרויס.

נאָר עס זיינען נישט געווען קיין קאַרטאָפֿליעס, עס זיינען געווען פּאַרטיזאַנישע „ציבעלעס".

אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט לויפֿט איטעלע צו צום וואָגן, שפּאַנט-איין דאָס פֿערדל אין געאייל און זאָגט צו שלמהלען:

— איצט, שלמהלע, וועלן מיר אַהיים פֿאָרן, איידער דער רעגן פֿאַלט אַראָפּ.

א גאַנצע נאַכט האָבן די זשאַנדאַרמען, געשטאַפּאָ־לייט און אַנדערע שוואַרצע יאָר געמאַכט אַן אַבלאַווע אויפן שטעטל זשאַכלין, געזוכט פון שטוב־צו־שטוב, געזוכט אַ פּויעריש מיידל מיט אַ יינגל פון אַ דריי יאָר, וואָס האָבן געהאַט פאַרזייט קאַרטאָפליעס אויפן פעלד ביי דער אייזנבאַן־בריק. די בריק איז אויפגעריסן געוואָרן, ווען דער ערשטער מיליטער־צוג איז אַדורך דורך איר. צוויי וואַגאָנען, פול מיט מיליטער־לייט, זיינען אַריין אין טייכל — און די קאָמוניקאַציע צווישן בערלין און וואַרשע אויף דער וויכטיקער ליניע איז איבערגעריסן געוואָרן אויף צוועלף שעה צייט, דאַן ווען זי איז אַזוי נויטיק געווען פאַרן רוסישן פראָנט.

*

צוויי יאָר צייט האָט איטעלע מיט שלמהלען זיך אויפגעהאַלטן ביי די פּאַרטיזאַנען פון די „טשאַרנע ליאַסעס". נישט נאָר איטעלע, נאָר אַפילו שלמהלע האָט אַנטיילגענומען אין זייער געפערלעכע אָפּעראַציעס, וואָס ער האָט געשפּילט אין זיי זיין באַשטימטע ראָליע, טיילמאָל ווי אַ וויינענדיק קינד, וואָס איז כלומרשט קראַנק אויף טיפוס, אַן אַנדער מאָל ווי אַן אויסשפּירער, אַדורכשלייכנדיק זיך דורך געדיכטע קשאַקעס, אָדער אויסליגנדיק אין אַ גראָבן אויפן וועג אויף אויסצוגעפינען צי אַ קאָנוואָי גייט נישט פאַרביי.

איטעלע איז מיט דער צייט געוואָרן אַ זייער אָנגעזעענער מיטגליד אין דעם באַרימטן פּאַרטיזאַנען־אָפּטייל, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבּ אויפצורייסן בריקן און אונטערצולייגן מינעס אונטער באַן־רעלסן. צום סוף, נאָך צוויי יאָר, האָט די רויטע אַרמיי פאָרסירט די ווייסל, געמאַכט אַ גרויסן קרייז אַרום וואַרשע, אָפּגענייגט צו די סקווערניצער וועלדער. ווען די רויט־אַרמייער זיינען אָנגעקומען אויף דער צווייטער זייט ווייסל, ביי לוויוויטש און גאַמבין, זיינען זיי אַנטקעגן געקומען די באַרימטע פּאַרטיזאַנען אָפּטיילן פון „טשאַרנע ליאַסעס".

ביי גאמבין האָט די רויטע אַרמיי, צוזאַמען מיט די פּוילישע אָפּטיילן איבערגעגעבן דעם כּבוד די פּאַרטיזאַנען פֿון „טשאַרנע ליאַסעס" אַריינצומאַרשירן די ערשטע און אָקופּירן דאָס שטעטל. צווישן די פּאַרטיזאַנען איז געגאַנגען אַ מיידל פֿון אַ יאָר פֿערצן, וואָס האָט אויסגעזען פֿיל עלטער, מיט אַ מאַשין־ביקס פֿאַר־וואָרפֿן איבערן אָרעם; זייט־ביי־זייט מיט איר איז געגאַנגען אַ יינגל. דאָס יינגל האָט אויך געהאַלטן אַ ביקסל אין האַנט. די ערשטע זאַך, וואָס איטעלע האָט געטאָן, ווען זי איז געקומען אין שטעטל אַריין, איז געווען — צו לויפֿן אויפֿן בריייטן מאַרק, צום הייזל געגנאיבער דעם פּלומפּ, וואו זיי האָבן געוואוינט און די מאַמע האָט געהאַלטן דאָס געשטעל פֿון שניט־סחורה.

דאָס הייזל ביים עק־גאַס, געגנאיבער דעם פּלומפּ, וואו זיי האָבן געוואוינט, איז געווען האַלב חרוב, דער דאַך איינגעפֿאַלן, און די פֿענצטער און די טיר פֿון זייער געוועלבל פֿאַרשלאָגן מיט ברעטער. נאָר איטעלע האָט סיי־ווי־סיי אַריינגעשריגן אין די פֿאַרהאַקטע פֿענצטער אַריין גלייך ווי עס וואָלט זיך דאָרט ווער געפֿונען:

— מאַמעשי, מיר לעבן! דו זעסט?

אַ בריוו פֿון אַ פֿאָטער צו אַ זון

טייערער יוחנן!

זינט דו ביסט אַוועק פֿון דער היים צו דינען אונדזער באַליבט לאַנד, וואָס דו האָסט עס אַזוי שטאַרק געוואָלט, האָב איך זיך געקליבן צו דיר צו שרייבן. מיין ניט-געזונט זיין אין די לעצטע צוויי-דריי וואָכן און אַנדערע שוועריקייטן האָבן מיר געשטערט צו שרייבן.

די מאַמע און איך האָבן זיך אַוודאי געפֿילט דערשלאָגן, ווען דו ביסט געקומען אַהיים פֿון ניו-הייווען און האָסט אַ גליקלעכער מיט שיינענדיקע אויגן, אונדז אָנגעזאָגט די בשורה, אַז מען האָט דיך אָנגענומען אין דער אַרמיי. און דאָך בין איך צוגלייך אויך זייער גליקלעך און זייער שטאָלץ, וואָס איך האָב איצט צוויי זין אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

איך קאָן דיר ניט דערקלערן, פֿאַרוואָס דאָס האָט מיר גראָד דערמאָנט אָן יענער צייט, ווען דו ביסט, אַ קינד פֿון פֿינף יאָר, אָנגעקומען קיין אַמעריקע. איך געדענק, ווי איך האָב דיך אָנגענומען פֿאַרן הענטל, ווען איך בין געקומען באַ-געגענען דיך אויף דער שיף. דיינע קליינע טונקעלע אויגן האָבן געשיינט אַזוי ליכטיק, ווען דו האָסט אין מורא און אין וואונדער, געקוקט אויף די הימל-קראַצערס און אויף דער פֿרייהייט-סטאַטוע, וואָס דיין עלטערער ברודער, נתן, האָט דיר דערציילט דערפֿון.

איך געדענק, ווי דו האָסט מיך געפֿרעגט, צי אַנדערע לענדער האָבן אויך סטאַטועס פֿון פֿרייהייט. איך האָב דיר

דערויף געענטפערט, אז אפשר האבן זיי, אבער פאר אונדז איז דאס די איינציקע סטאטוע פון פרייהייט.

עס איז שוין א לאנגע צייט זינט דאס האט פאסירט. אמעריקע האט פאר דער צייט דיר געגעבן אלץ, וואס דו פארמאגסט איצט. זי האט ניט נאר אויסגעבילדעט דיין שכל, נאר האט דיך אויך אריבערגעפלאנצט אין א נייעם באדן, אין וועלכן דו ביסט איצט געווארן אזוי טיף פארוואָרצלט.

פון דיינע פריע קינדער־יארן אן האסטו זיך גענערט אויף די גרויסע גייסטיקע ווערטן, וואס אמעריקע האט געוואונען פאר זיך מיטן טייערן פרייז פון דעם בלוט און דעם ליידן פון אירע באליבטע קינדער. זי האט גארנישט געשפארט פאר דיר. זי האט דיך געמאכט פאר א געזעצלעכן יורש פון איר פאר־מעגן. זי האט דיר געגעבן געשיכטע און עלטער־זיידעס, חכמים און הייליקע. דיין ליבע פאר יושר, דיין איבערגעגעבנקייט צו דעם וואס איז רעכט, דיין פארשטיין אנדערע מענטשן, דיין ליבע פאר שיינקייט, דיין צוגעבונדנקייט צו דער נאטור — אלץ וואס דו פארמאגסט, האט עס אמעריקע דיר באוויליקט.

דיין ליבע פאר אגריקולטור האט זיך אנטוויקלט אויף דעם באדן פון אמעריקע. נאך מער: דו ביסט געווארן א טייל פון דעם גורל פון אונדזער לאנד. דו, וואס דו ביסט, אין דעם עלטער פון פינף יאר, געקומען אהער פון א פרעמד, פינצטערן לאנד, וואו דיינע עלטער־זיידעס זיינען פארפאלגט געווארן, ביסט געווארן א מיטגליד פון דער העכסטער אריסטאקראטיע פון דער מענטשהייט — אן אמעריקאנער.

אמעריקע איז ניט אזוי אלט אין יארן, זי איז אבער טיף פארוואָרצלט אין די נביאישע וואונטשן און אין די משי־חישע בענקשאפטן פון די נביאים, ווי דאס ווערט מאניפעסטירט דורך אונדזערע אינסטיטוציעס. אמעריקע איז דער נאענטסטער צוגאנג צו גאט און זיינע געבאטן, וואס די מענטשהייט האט דערגרייכט אין דעם לויף פון אלע יארהונדערטער פון דעם

מענטשנס גאָט-זוכעניש. וואָס פֿאַר אַ לאַנד צו ראַטעווען! וואָס פֿאַראַ אינסטיטוציעס צו באַשיצן! וואָס פֿאַראַ אידעאַלן צו שטאַרבן פֿאַר זיי!

אין דער איצטיקער מלחמה נעמען מיר, יידן, אַ טייל, ניט נאָר מחמת אונדזער שנאה צום פֿיינט, וואָס איז אויפֿגעשטאַנען אונדז צו פֿאַרטיליקן, נאָר פֿון ליבע צו אונדזער אַמעריקע און פֿאַר אַלץ, וואָס איז אַמעריקאַניש. אָט דערפֿאַר פֿאַרלאַנג איך פֿון דיר, אַז דו זאָלסט, ווען דו וועסט זיך אויסלערנען הרגענען, געדענקען אויך ליב צו האָבן; אין דיין שנאה צום פֿיינט, האָב ליב מענטשלעכקייט, האָב ליב דיין ברודער-סאָלדאַט אָן חילוק פֿון ראַסע אָדער רעליגע.

איך ווייס ניט, וואָס דיין אַרבעט וועט זיין אין אָט דער מלחמה, אָבער וואָס דיינע עלטסטע זאָלן ניט אַרויפֿלייגן אויף דיר צו טאָן, באַטראַכט דאָס ווי די העכסטע עבודה פֿאַר גאָט און מיט געבעט און איבערגעבנקייט זאָלסטו אויספֿירן די קאָ-מאַנדע פֿון דיינע עלטסטע, גלייך זי וואָלט געווען דאָס העכסטע געבאָט פֿון גאָט. און אויב דו וועסט האָבן די זכיה צו דינען אונדזער לאַנד אויף דעם ערן-פֿעלד, ווען דו וועסט דאָרט באַ-געגענען דעם שונא, געדענק, אַז אין דיינע הענט זיינען אַנגע-טרויט געוואָרן די העכסטע ווערטן, וואָס די מענטשהייט האָט געוואונען — אונדזער אַמעריקאַנער עקזיסטענץ, וואָס דער גייסט פֿון אונדזערע עלטער-זיידעס האָט אונדז איבערגעגעבן צו באַשיצן; שלאָג דעם שונא, טויט אים אין דעם נאָמען פֿון גאָט און פֿון אַלץ, וואָס גאָט האָט געבאָטן.

„ביסט ניט אַליין, מיין זון"

זינט איך בין געקומען קיין אַמעריקע האָב איך געזוכט אַ געלעגנהייט אויסצודריקן מיין דאַנק און מיין ליבע פֿאַר אַלץ, וואָס איך זע אין אַמעריקע. איך האָב ניט געהאַט די זכיה צו באַצאָלן מיין חוב דורך דינען דעם לאַנד פֿיזיש. איך גלויב, אַז

איך האָב געמאַכט מיין בייטראַג צום אַמעריקאַנער אידעאַל, מיט דעם, וואָס איך האָב זיך געמיט צו ברענגען פֿאַרשטענ־דיקונג צווישן ייד און קריסט דורך זייער געמיינשאַפֿטלעכער רעליגיעזער ירושה. עס איז ליב צו פֿאַרטראַגן צער און דער־נידעריקונג פֿאַר אַט דער זאַך. איך גלויב, אַז מיט מיין דינען דער מענטשהייט, דין איך אַמעריקע. און דאָך באַדויער איך וואָס די געלעגנהייט צו קעמפֿן פֿיזיש פֿאַר אַמעריקע איז מיר אָפּגעזאָגט געוואָרן. איך האַלט, אַז דורך דיר, דורך דיין מי דין איך אַליין אַמעריקע. אָבער דו, מיין זון, ביסט ניט אַליין אין דיין דינסט, ווייל דיינע עלטערן, וואָס האָבן דיך ליב, זיינען מיט דיר, ניט נאָר די אורעלטערן פֿון פֿאַרצייטן, פֿון דיינע ביבלישע אָבות אָן און ווייטער, נאָר אויך די עלטער־זיידעס וואָס דו האָסט זיי אָנגענומען אין איינעם מיט אַט דעם לאַנד — די נייע פּאַטריאַרכן וואַשינגטאָן, דזשעפֿערסאָן און לינקאָלן, און די פֿאָר־עלטערן, וואָס האָבן געליטן אין וואַלי פֿאָרדזש, די פֿאָר־עלטערן, וואָס רוען אין געטיסבורג און אין דעם וואַלד פֿון אַרגאָן. זיי מונטער און זיי גליקלעך, דו דינסט אַמעריקע.

דיין פֿאָטער

שלום אש

פיר ברידער זיינען מיר געווען

ניין, נישט די לעצטע, נאָר די ערשטע שלאַכט האָבן די ייִדן געגעבן די דייטשע פאַשיסטישע באַנדיטן-האָרדעס אין דער וואַרשעווער געטאָ.

אין דער שלאַכט האָבן די איטשע-מאירס, די מנחם-מענדלס געוואונען אויף דער גאַנצער ליניע קעגן די קאַניבאַלישע „גבורים“, וואָס עס שטעלן פאַר מיט זיך די היינטיקע דייטשע „אַריער“. באַדענקט זיך, וואָס פאַר אַ שלאַכט דאָס איז געווען: פאַרגלייכט די כּוחות פון די קעמפנדיקע צדדים — איינס אַנט-קעגן אַנדערן.

פון איין זייט, אַן אויסגעמוטשעטע, אין אַלע יסורים גע-מאַטערטע מאַסע, וועלכע מען האָט דריי יאָר געהאַלטן אָפּגע-שלאָסן אין אַ געטאָ; לעבנס, פרייגעגעבן אויף הפקר פאַר יעדן סאַדיסטישן פאַרברעכער, וואָס האָט זיין מאָרד-לוסט געזעטיקט מיט אמתער ווילד-קאַניבאַלישער תּאווה; אַ מאַסע אויסגעהונ-גערט ביזן ביין, אויף צוואַנגס-אַרבעט געשלעפּט, אין גאַז-קאַמערן געפּרעגלט, קינדער געשאָסן פאַר די אויגן פון די מוטערס, מו-טערס געשאָסן פאַר די אויגן פון די קינדער, אַלע צונויפגעטריבן אין מיסט-קאַסטנס, באַרויבט פון יעדן מענטשלעכן איינזען, גע-האַלטן ערגער ווי בהמות — אָ, גאָט, ווער קאָן עס אַלץ אויס-מאָלן, ווער קען עס באַשרייבן, וואָס די סאַדיסטישע לוסט איז ביכולת אויסצוטראַכטן?

(מיט כּאָרכלדיקע קולות האָבן די דייטשע גובערנאַטאָרן אין פּוילן געשריגן אויף די ייִדן: „פאַרוואָס באַגייט איר נישט

קיין זעלבסטמאָרד? איר האָט קיין ערע נישט!" נאָר שוואַכ־לינגען און מענטשן וואָס האָבן עפּעס אויפֿן געוויסן, באַגייען זעלבסטמאָרד; דער מאָראַלישער מענטש ווערט געשטאַרקט אין די יסורים, ווי אײדעלער שטאָל, וואָס איז אויסגעגליט אין פֿייער. אַלץ האָבן זיי אויסגעהאַלטן די יידן, און ביז דער לעצטער מינוט זיינען די רבנים געווען קעגן אַ מאַסן־אויפֿשטאַנד, ווייל טאָמער וועט מען אַפֿילו נאָר איין מענטש אָפּראַטעווען.)

פֿון דער צווייטער זייט: די מעכטיקע דייטשע מאָרד־מאַ־שין, וואָס האָט גאַנץ אייראָפּע צעטראָטן און זי געוואָרפֿן, ווי אַ פֿאַרגוואַלטיקטע פֿרוי, צו אירע שמוציקע פֿיס.

די דייטשע „גבורים", וועלכע האָבן פֿראַנקרייך אומגע־בראַכט אין דריי וואָכן צייט, זיינען געשטאַנען, פּנים־אל־פּנים איבער דריי וואָכן אַנטקעגן די איטשע־מאירס און די מנחם־מענדלס אין וואַרשע. און וואָס זיינען געווען זייערע כּלי־זיין? זיינען זיי אַרויסגעקומען אַנטקעגן די איטשע־מאירס מיט נאַ־קעטע הענט, מיט יידישע חלפֿים, מיט ווייבערשע האַק־מעסערס, מיט שטוביקע העק, מיט דרענגער און שטעקנס, ווי די יידישע אמתע גבורים, וואָס האָבן קיין אַנדער כּלי־זיין מיט וואָס צו קעמפֿן נישט געהאַט?

ניין, די דייטשלעך האָבן געמוזט רופֿן צוהילף די דייטשע „ווערמאַכט", די דייטשע טרופּן מיט אַלע מלאכי־חבלהשע אינס־טרומענטן, מיט וועלכע זיי האָבן איינגענומען אייראָפּע, מיט מאַשין־ביקסן און טאַנקען און עראָפּלאַנען און קוילן־וואַרפֿער און צינד־באָמבעס און דער שוואַרץ־יאָר ווייסט זיי נאָך וואָס.

דריי וואָכן, פֿיר וואָכן, פֿינף וואָכן — און דער אויפֿשטאַנד אין דער געטאָ איז נישט געווען איינגעשטילט. אויפֿשטאַנד! אַ העלדישע שלאַכט האָט געפֿלאַקערט. עס האָט גענומען דער דייטשער מלחמה־מאַשין אַזוי פֿיל צייט איינצונעמען די געטאָ אין וואַרשע, ווי עס האָט איר גענומען צו באַזיגן די שטאָלצע און גרויסע פֿראַנקרייך. און דאָס האָבן די דייטשן אויך נישט

געקאַנט באַווייזן מיט אַנגענומענעם מיליטערישן געווער, נאָר — הערט! — זיי האָבן געמוזט זיך באַנוצן מיט פּחדנישע, ני־דערטרעכטיקע מיטלען. זיי האָבן נישט איינגענומען די געטאָ מיטן שטורעם פון געווער, נאָר דורך אָפּשניידן פון דער באַפעל־קערונג די וואַסער־לייטונג. און ווי די יידן אַמאָל, ווען זיי האָבן געקעמפט קעגן די רוימישע האָרדעס פון טיטוס הרשע, האָבן זיך נישט פריער אונטערגעגעבן ביז די לעצטע זיינען אויסגע־גאַנגען פון דאָרשט, אַזוי האָבן עס אויך געטאָן די יידן אין דער וואַרשעווער געטאָ.

וואָס פאַר אַ שלאַכטן מיר האָבן נישט פאַרלוירן אין אונדזער לאַנגער בלוטיקער געשיכטע, די שלאַכט פון די וואַרשעווער יידן אין דער געטאָ האָבן מיר געוואונען! עס איז מיין פעסטע איבערצייגונג, אַז ווען די געמיטער וועלן זיך באַרואיקן נאָך דער מלחמה און היסטאָריקער מיט אויסגעלייטערטער ער־לעכקייט, אויסגעלאָשן פון יעדער שנאה און טענדענץ, וועלן וועגן און מעסטן די געוואַלדיקע מענטשלעכע אָנשטרענגונג אין דער מלחמה, די גרויסע העלדישקייטן, וואָס עס האָבן אַרויס־געוויזן אַלע נאַציעס, פעלקער, גרופן אין דעם קאַמף פאַר דער דערהאַלטונג פון דער מענטשלעכער ווערדע, וועלן זיי, די היס־טאָריקער, דעם קאַמף פון די יידן אין דער וואַרשעווער געטאָ קעגן די דייטשע האָרדעס געבן איינס פון די שענסטע זייטלעך אין דער געשיכטע פון דער טאָטאַלער מלחמה.

דער קאַמף אין דער וואַרשעווער געטאָ וועט מיט זיין טראַגישער הערלעכקייט דינען פאַר דור־דורות ווי אַ מוסטער פון דער מענטשלעכער פעאיקייט צו קעמפן אַ קאַמף אָן האָפענונג פאַר דער מענטשן־ווערדע; ווי אַ ווירדיקער צושטייער פון די יידישע מאַרטירער צו דער מענטשלעכער באַפרייאונג. און פאַר אונדז, יידן, וועט עס זיין אַ נייער קוואַל צו שעפּן פון אים מוט, בטחון, אויסדויער, אַזוי ווי עס איז די יידישע העלדישקייט אין דעם חשמונאים־קאַמף און אין דעם קאַמף קעגן די רוימער.

ווען מיר וועלן זיך פרעגן, ווי אזוי איז דער נס פון שלאכט אין דער ווארשעווער געטא געשען און וואס איז דער מוסר־השכל פאר אונדז דערפון זיך אפצולערנען, קאן איך נאר זען, הערן, פארשטיין און ענטפערן: דער נס פון דער ווארשעווער געטא איז געשען נאר דורך איין סיבה — דורך דער אמתער אחדות, דורך דעם ברודער־בונד, וואס איז געשאפן געווארן צווישן די יידן אין ווארשע, וועלכע זיינען צוזאמענגעגליט געווארן אין איין קערפער דורך דעם פייער פון די יסורים. דאס אחריות־געפיל, וואס איינער האט געטראגן פארן אנדערן, מער פון אלץ די ליבע, וואס האט זיך אנגעהויבן וועבן פון איין מענטשן צום אנדערן, דער יידישער גורל, וואס האט אנגעהויבן רעדן מיט דער זעלבער שפראך אין די אדערן, אין די בלוט־געפעסן, אין די הערצער פון די אלע וואס באקערן זיך צו יידן — דאס אלץ האט אין דעם גרויזאמען מאמענט באשאפן דעם העראאישן אקט פון דער ווארשעווער געטא. מיט זייער העלדן־טויט האבן די יידישע גבורים אונדז געלאזן א צוואה:

„פארקוקט זיך אויף אונדז, זעט אונדז — און טוט אונדז נאך!"

איך קאן זיי זען — מיט מיינע גייסטיקע אויגן — די יידן פון די ווארשעווער גאסן, אין די לעצטע טעג פון גרויסן נסיון.

איך זע די שאטנס איבער די ווארשעווער גאסן, וועלכע קומען ארויסצושלייכן זיך פון אלע געסלעך און עקן. איך זע זיי, די יידישע אינטעליגענטן, מיט די בלייכע פנימער, דאס בינטל ביינער נאר איינגעהאלטן, אין א צעריבענעם רעקל, טייל אין אן אלטן אפגעשויבערטן פרינץ־אלבערט. די לערער, די בוכ־האלטער, די משכילים פון נאוואליפיע און לעשנא; די רעשטן זייערע, וועלכע האבן אויסגעהאלטן די יארן פון הונגער און נויט, געבארגט איינער דעם אנדערן די לעצטע בלעטלעך פון א דערהאלטענעם בוך אין העברעאיש, יידיש, אדער אן אנדער שפראך; די מענער און די פרויען, וועלכע האבן צונויפגענומען

די קינדער פֿון די וואַרשעווער הויפֿן, פֿאַרוואַנדלט אין די ערשטע יאָרן פֿון דער געטאָ דעם מיסטקאַסטן פֿון אַ וואַרשעווער הויף אין אַ בלומען־גאָרטן, וואָס זיי האָבן פֿאַרפֿלאַנצט מיט די קינדער, און בגנבה געלערנט די קינדער אַלף־בית און אַ ביסל אַריטמע־טיק און געלייענט פֿון אַ כרעסטאָמאַטיע...

און דערביי האָט אַ יידישער רבי צונויפֿגענומען זיין חדר, געלערנט די קינדער קדיש זאָגן נאָך די טויטע און אַ פּרשה חומש מיט רש״י פֿאַרטייטשט.

ווינטער אויף דער נאַכט, אין דער פֿינצטער, אָן ליכט און אָן באַהייצונג, איז אַזאַ אינטעליגענט געזעסן אין דער יידישער שטוב און געלייענט אַ לעקציע, אין דער פֿינצטער, איבער פֿיזיק, איבער דער דערלייזונג פֿון דער וועלט וואָס וועט קומען, ווען דער סאָציאַליזם וועט ווערן איינגעפֿירט. ער האָט גערעדט פֿאַר אַ גרופּע מענער, ווייבער, וואָס מען האָט אין דער פֿינצטער ניט געקענט אונטערשיידן צי זיי געהערן צום אַרבעטער, צום פּראָלעטאַריאַט, אָדער צום קליינבורזשואַ, אָדער גלאַט אַזוי מענטשן.

און איצט שטייען זיי, די אינטעליגענטן פֿון דער נאַוואָ־ליפּיע, נאַוואָליפּקי און לעשנאָ מיט די אַרבעטער, מיט דעם „איינ־ציקן פֿאַרטרעטער" פֿון פּראָלעטאַריאַט — „בונד" פֿון דער געגנט פֿון די נאַלעווקעס און פֿון דזשיקע און פֿון גענשאַ — דאָרט, וואו אין די לאַבירינטן־הויפֿן זיינען געזעסן ביי די טריקאָטאַזש־מאַשינען און געוועבט סוועטערס — אין די גוטע צייטן — פֿאַר אַ בולקע מיט אַ ציבעלע און אַ האָפֿענונג אויף בעסערע צייטן, ווען דער „בונד" וועט געווינען די וואַלן אין דער יידישער גמינע.

זיי שטייען צוזאַמען ביי דעם איינגאַנג פֿון דעם געטאָ־מויער, ביים אייזערנעם טויער, און פֿאַרטיידיקן די באַריקאַדע פֿון שטיינער, ציגל און שטיקער ווענט, וועלכע די קינדער האָבן געהאָלפֿן צונויפֿטראָגן פֿון די איינגעפֿאַלענע הייזער אַרום.

שעטנז האָט זיך אויסגעמישט — בונדיסטן מיט ציון-טרווי־מער, געגנשע און נאָוואָליפיע, וואָס זיינען געווען ווייט איינס פֿון דאָס אַנדערע, ווי צוויי פּלאַנעטן, און אַ קאָמוניסט איז דאָ צווישן זיי. ביז דער מלחמה איז ער אין פּאַוויאַק געזעסן.

נאָר דאָס איז נישט אַלץ. עס זיינען געקומען צו לויפֿן די אַגודהניקעס פֿון פֿראַנציסקאַנער און שווענטאָ-יערסקאַ און אַפֿילו די פֿון גערער און וואַרשעווער שטיבל, וואָס אַפֿילו די אַגודהני־קעס זיינען טריפֿה ביי זיי, און ווער רעדט נאָך פֿון „די אַפּיקור־סים, די מזרחיסטן".

טייל פֿון זיי האָבן געבראַכט חלפֿים אונטער די קאַפּאָטעס, שבת-מעסערס, און דער עיקר — דעם פֿלאַם פֿון דער קדושה...

איצט קומען אָן די ריכטיקע חברה — פֿון קראָכמאַלנע, יאַטן איינס און איינס, וועמען קיין כאָלערע, וואָס דער דייטש האָט נישט אָנגעשיקט אויף זיי, האָט זיי נישט געקאָנט נעמען — מיט צעהאַקטע נעז און שניטן אויפֿן פּנים פֿון מעסער-שטעך, אין נאַכט-געפֿעכט מיט די דייטשע וועכטער-הינט ביים שמוגלען קאַרטאָפֿל אין דער געטאָ אַריין. האָבן זיי געבראַכט דרענגער און דישלס פֿון די וועגענער, פּרענטן אייזן און ווער אַ האַק־מעסער, און ווער אַ האַק, און רעוואָלווערן וואָס מען האָט באַ־האַלטן פֿון דעם דייטש-גנב, געהאַט איינגעגראָבן אין הויף ביים פּלומפּ.

קדושים זיינען זיי. אַלע זינד זייערע פֿאַרגעבן, אַלדאָס שלעכטס איז אָפּגעווישט. עס רינט אין זייערע אָדערן הייליק העלדן-בלוט פֿון די חשמונאים, פֿון בר-כּוכבאס לייב.

אָ, געליבט זייט און באַליבט זייט, ברידער פֿון קראָכמאַלנע גאַס, יאַטן איינס און איינס! ווי וואָלט איך אויסגעקושט איצט דעם שמוץ פֿון אייער לייב!

און איצט, שווייגט — ווער זיינען דאָס יענע, וואָס קומען אָן אין אַ קופּקע צוגיין? טרעגער פֿון גזשיבאָווסקי-פּלאַץ, ברוי־

דער, יונגען — שמשונס איינס און איינס, מיסט געגעסן, וואָס דער דייטש האָט גערופן ברויט, פּאַר אַ טאָג אַרבעט ווי אַן אייזל, ביים שלעפּן אַ וואָגן אָן אַ כאָמעט און אָן געשפּאַן, נאָר מיט נאַקעטע הענט געצויגן די האָלאָבליעס. ביינאַכט — קאַר־טאָפּל געגנבעט פון אַ דייטשן מאַגאַזין, דעם דייטשן כלאָפּ אין פּיסק געגעבן, אַ קויל אין קאָפּ. אַזוי וואָר ווי דער טאָג: איינער איז געפאַלן — דער צווייטער האָט געוואַגט, נויט ברעכט אייזן און הונגער — געפֿאַר. אַ טיר אין מאַגאַזין אויפגעבראָכן, איצט שלעפּט מען זעק קאַרטאָפל איבער דעם געטאָ מויער. די זעק פּלאַצן, די קאַרטאָפל צעפּאַלן. קלייבט, קינדערלעך, ווער עס קאָן! איבער וואַרשעווער גאַסן, אונטער אַ האָגל פון קוילן, ליגן ווייבער און קינדער אויסגעצויגן אויף דער גאַס און קלייבן קאַר־טאָפּלעס פון ברוק. מיט קאַרטאָפל אין די הענט, אין די קעשע־נעס, ליגן בר־מיננס אויסגעצויגן מיט די שטייפע פיס. די, וועמען עס איז געלונגען צו אַנטלויפן, האָבן זיך צונויפגעקליבן אין יידישע שטיבער און מיט קאַרטאָפל זיך געטיילט...

און דאָס איז געווען דער חברהס שטיק. איצט שטייען זיי דאָ, הינטער דער באַריקאַדע פון שטיין און געמויער, איינער, מיט אַ בלינד אויג, האָט פון ערגעץ וואו אַ ביקס באַקומען, פון דייטשן סאָלדאַט, „באַגראַנדע" צוגענומען. געטראָפן אים אין אַ טונקל געסל מיט אַ קאַמעראַד אויף פּאַטראָל. פיר יאַטן זיינען זיי געווען פון גזשיבאָווסקי־פּלאַץ: חיים שטיוול, חנן ביק, משה מנטן לאַק און אַריה דראַנג! פיר יאַטן איינס און איינס. „לאָמיר זיי נעמען אויף זיכער", זאָגט משה מיטן לאַק. און חיים שטיוול האַלט שוין איינעם פאַרשטאָפּט דאָס מויל מיט דער האַנט און חנן ביק האָט זיך מיט זיין שווערער לאַסט געוואָרפן אויפן צווייטן און מיט די שטיוול אים אַ טראַך אין ביין געגעבן, גע־שווינד געכאַפּט די ביקס פון די הענט און נאָך צייט געהאַט די פּאַסקעס מיט די קוילן אויסצוטאָן. און פאַרזיכטיק מיט די גראַנאַטן! נעמט עס צו, עס קאָן צונוץ קומען!

און איצט ליגן זיי, די פיר ברידערלעך, חיים שטיוול, חנן ביק, משה מיטן לאָק און אריה דראַנג, הינטער דער באַריקאַדע ביים אייזערנעם טויער פון דער געטאָ, וואָס ביים זאַקסישן גאָרטן.

דער זאַקסישער גאָרטן איז אויף „יענער זייט". אין שערע־שעווסקי דעם באַנקירס הויז, וואָס די פענצטער גייען אַרויס אין גאָרטן, איז געווען, ווי ס'איז יעדן באַקאַנט, דאָס חסידישע שטיבל פאַר דער וואַרשעווער סוחרישער וועלט. עס האָט זיך געררוישט דאָרט: יידעלעך מיט וועקסלען און דיסקאָנטעס אויף אויסלאַנד, אין דאָלאַרן און זלאָטעס, צו טוישן אויף אַהין און צוריק. היינט איז דאָ די הויפּט־קוואַרטיר פון דער דייטשער ווערמאַכט, אין שלאַכט מיט דער „יודען־באַנע" אויף דעם „געטאָ־פראָנט".

דאָרט שטייט איצט אויפן טראָטואַר אַ דייטשער אָפיציר, אַ „פאָן" צי אַן אַנדער רוח, מיט אַ מאָנאָקל אין אויג און אַ רעוואָלווער אין דער האַנט און שרייט מיט אַ כאָרכלדיק הייזעריקער שטימע אויף די געשטאַפּאָ־לייט און אויף דעם רייכס־ווער, וואָס געפינען זיך דאָ מיט ביקסן, מאַשין־ביקסן און לייכטע טאַנקען. זיי גייען פאַרזיכטיק צום אייזערנעם טויער צו און שפּרינגען באַלד צוריק. אַ מבול פון שטיינער באַפאַלט זיי, ווי אַ האָגל פון הימל. עס שרייט דער אויבער־אָפיציר: וואָס, פאַר דער „יודען־באַנע" אָפּטרעטן? ! לאָזט מיך צו, איך וועל פירן דעם וועג! און מיט דעם רעוואָלווער אין האַנט שרייט ער אויס: נאָך מיר!

עס דערזעט אים חנן ביק און „נעמט אים" אויפן זעענדיקן אויג. „ער באַלאַנגט צו מיר". — „ניין, ער איז מיין, ווי אַ זעמל פאַר אַ גראָשן", — זאָגט אריה דראַנג.

מען ווייסט ניט ווער פריער, צי חנן ביק מיטן בלינדן אויג, צי אריה דראַנג — אַ קויל פון זייער ביקס האָט גלייך געטראָפן אין מאָנאָקל אַריין! זאָגט חנן ביק: „ער איז מיין", זאגט אריה

דראַנג: „ניין, ער איז מיין". זאָגט משה מלמד, וואָס ליגט דער־
ביי: „וואָס איז דער חילוק, ער איז אונדזער אַלעמענס."

דער בונדיסט

דער אָנפֿירער פֿון דער באַריקאַדע, איז דווקא — אייך צו להכעיס, קאָמוניסטן און פּועלי־ציון — בערל דער בונדיסט. אַ קליינער, מיט אַ הויקערל, גאָרנישט קיין שלאַכטמאַן. ער ווייסט אָבער פֿון סטראַטעגיע. פֿרעגט נישט קיין קשיות, בערל שטייט אין פֿאַרבינדונג מיט די פּוילישע סאָציאַליסטן און מיט אַלע גרויסע לייט פֿון יענער זייט. קיינער ווייסט ניט ווי אַזוי בערל ברענגט יעדן טאָג אין דער געטאָ אַריין קוילן, ביקסן און רע־וואָלווערן. אָבער די כּלי־זיין פֿון דער מלחמה זיינען גאָרנישט קעגן דער מאָראַלישער אַמוניציע, וואָס בערל ברענגט צו די קעמפֿער: צייטונגען, פֿריש פֿון דרוק, מיטן טינט נאָך אויף זיי, געדרוקט אונטערערדיש, אויף פּויליש און יידיש, וועלכע זאָגן צו אַלדאָס גוטס, בלויז ישועות ונחמות. אָט באַלד, אָט באַלד, נעמט עס אַ סוף! מען הערט שוין די האַרמאַטן פֿון די רוסן אויף יענער זייט ווייסל. און אַפֿריקע איז שוין אין אונדזערע הענט. און פּרעזידענט רוזוועלט, לאַנג לעבן זאָל ער, האָט גע־שריבן שוואַרץ אויף ווייס אין אַן אייגנהאַנטיקן בריוו צו אַ פֿאָרשטייער פֿון קאָמיטעט, אַז דער טשאַרטער פֿון אַטלאַנטיק, וואָס נעמט אַרום אַלע פֿיר פֿרייהייטן, איז פֿאַר יידן אַזוי געמיינט ווי פֿאַר אַלע אַנדערע לייט. מער קאָן מען נישט זאָגן אין דער היינטיקער שווערער צייט. נאָר דער פֿאָרשטייער פֿון קאָמיטעט, וועלכער איז ליידער אַ ציוניסט, האָט שלעכט אויסגעטייטשט, אַז דאָס הייסט, אַז ס׳נעמט ארץ־ישראל אויך אַריין.

בערל דער בונדיסט ברענגט נישט נאָר די מאָראַלישע שפּייז אין דער געטאָ — קאַרטאָפֿל און ברויט, און אַפֿילו אַ זעקל זאַלץ, און וואַטע און באַנדאַזשן און מעדיצינען. קיינער ווייס נישט ווי אַזוי בערל קריגט די זאַכן אַריין. אויף בערלען איז ניטאָ קיין

קשיות. בערל איז אַ יונג אַ „כוואַט", אַ „יאַט", ווי קיין מאָל ניט געווען אַזעלכער. אַ פּיצל, מיט קורצע פֿיס און הענט, און אַ קאַליקע נעבעך אויך דערצו, אַ כראָנישן הוסט געירשנט פֿון אַ מאַמע מיט שוואַכע בריסט. און, זייט מיר מוחל, מיט אַ שנאָפּלדיקער נאָז פֿון נאָסע ווענט אין קעלער־שטובן, אין וועלכע מען האָט זיך אויפֿגעצויגן. די גאַנצע יידישע אָרעמקייט פֿון וואַרשעווער „מקום" איז אין זיינע ביינער געלעגן. יעדע יידישע נויט האָט אַן אייביקן צייכן אויף זיין גוף אָנגעצייכנט. און איצט קאָנט איר די גאַנצע מגילה פֿון יידישן פּיין, פֿון נויט און הונגער, לייענען פֿון בערלס לייב אַראָפּ — אַזוי ווי ער שטייט און גייט.

בערל איז אַן אָפֿן בוך: מאָזלען און פּאָקן און אַלע אַנדערע קינדער־קרענק, וועלכע קומען פֿון שלעכט־פּאַרדייעטע „סמאַטשקעס", וואָס די מאַמע האָט געשטעקט דעם קינד אין מויל צו פֿאַרשטיקן זיין שרייען, האָבן זייערע סמנים איבערגעלאָזט אויף אים, ווי אַ שאַרף־געשניטענע חתימה אויף קלאָר פּאַפּיר. היינט הונגעריקע טעג און קאַלטע נעכט, און פֿון אַכט יאָר אָן פֿאַרדינט אויף זיין אייגן שטיקל ברויט — מיט מאָזאָליעס אויף די הענט פֿון דרייען אַ מאַנגל ביים ערשטן פֿאַרדינסט, מיט געשוואָלענע פֿיס פֿון טרעטן שפּעטער אויף אַ טריקאָטמאַשין. באַצאָלט צען גילדן דעם מייסטער צו לערנען דעם פֿאַך, מיט אַ האַלב יאָר אומזיסטער אַרבעט, פֿאַר קאַליע־געמאַכטער סחורה, וואָס גייט לאיבוד אין דער לערן צייט.

צוזאַמען מיטן פֿאַך אין „בונד" אַריינגעטראָטן, צוערשט אַ יוגנטלעכער, דערנאָך אַ פֿולער פּאַרטיי־מאַן. מיט דעם גאַנצן אַחריותדיקן באַוואוסטזיין אַלס „איינציקער פֿאָרשטייער פֿונם יידישן פּראָלעטאַריאַט", פֿאַר דעם גורל פֿון סאָציאַליזם און פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון דער וועלט. אין די ווינטער־אָוונטן געלערנט אין אַ קרייזל קאַרל מאַרקס און אַנדערע סאָציאַליסטישע גדולים, אָבער דערביי אויסגעהאַלטן די ליניע, געהיט זיך מיט ציטערדיקער מורא ווי זיין זיידע, דער קאָצקער חסיד, בשעת

ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין די פֿאַרבאָרגענע שטעגן פֿון קבלה, נישט אָפּצוגיין אַ טריט חלילה לינקס אָדער אויף רעכטס, נאָר אויסצוהאַלטן די ליניע, אַזוי ווי זי ווערט אָנגעצייכנט אויף די שפּאַלטן פֿון דער „פֿאָלקס־צייטונג".

מען איז געשטאַנען אויף דער וואַך אָפּצוהיטן די „איינ־ציקייט" פֿון דער פּאַרטיי, ווי דער „אחד" ביים פֿרומען יידן, פֿון פּראָלעטאַרישער פּאַרטרעטערשאַפֿט אויף דער יידישער גאַס. האָט מען דעם קאַמף געמוזט פֿירן אויף צוויי פֿראָנטן — קעגן לינקס און קעגן רעכטס, אַ חוץ מיט דעם קלעריקאַל אין אַלגע־מיין, און, ווער רעדט נאָך, מיט יענע עלעמענטן, וועלכע פֿאַר־טונקלען דעם קלאַסן־קאַמף, די „נאָכשלעפּער פֿון כלל־ישראל וואָגן", די פּועלי־ציון פֿון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען, וועלכע נוצן אויס די יידישע צרות און שפּייזן מיט זיי די פֿאַנטאַזיע פֿון אַלע שוואַכע מוחות פֿון דער „קליין־בורזשואַזיע", מיט שלום אַשן אין שפּיץ.

הכלל, אַרבעט איז געווען פֿיל פֿאַר בערל דעם בונדיסט. דאָס לייב איז וואָס אַמאָל מער איינגעשרומפּן געוואָרן פֿון אַרבעט און ווייניק שפּייז, נאָר מען איז געוואַקסן אין דער פּאַרטיי. ווען די מלחמה איז געקומען און דער מבול־פֿייער האָט אָנגעהויבן גיסן פֿון הימל, זיינען אין דער לעצטער מינוט די פֿירער זיך צעפֿאָרן אויף אַלע פֿיר עקן וועלט — מען האָט זיי אַליין אַרויס־געשיקט, טייל מיט געוואַלד — איז די גאַנצע אַחריות פֿאַר דעם גורלדיקן מאָמענט געפֿאַלן אויף בערלס פּלייצעס. האָט מען נישט געקאָנט אויף דער פֿריי, איז מען געקראָכן אונטער דער ערד, ווי אין די צאַרישע צייטן, פֿון וועלכע מען האָט געהאַט היפּש דערפֿאַרונג.

אַזוי קליין ווי דאָס איז געווען, האָט בערל וואונדער אויפֿ־געטאָן. אַזוי ווי אַ ווינט און אַזוי ווי אַ שטראַל פֿון דער זון, דורך פֿאַרשלאָסענע טירן אַריינגעשלייכט זיך וואו מען האָט אים

נישט פֿאַרזייט, דאָרט איז ער אויסגעוואַקסן. ווי אַ שאָטן פֿון אַ גוטן אָדער שלעכטן רוח אַנטפּלעקט זיך מיט אַ מאָל אויף דער וואַנט, אַזוי האָט ער זיך באַוויזן אין אַ פֿאַרמאַכטער שטוב, איז פּלוצלונג אויפֿגעשטיגן ווי פֿון דער ערד אַרויס אָדער פֿון הימל אַראָפּגעפֿאַלן — מיט אַ בשורה פֿון גוטס, מיט אַ באַפֿעל וואָס צו טאָן.

און טייל מאָל — ווי אַ גוטער ייד, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, מיט אַ טלית-זעקל אונטערן אָרעם: שלעפּט זיך איבער די וואַרשעווער געטאָ-גאַסן אַ קראַנקער ייד מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, לאָם אויף איין פֿוס; אין דעם של־ראש, אין איינעם מיטן „שמע״, ליגט די פּראָקלאַמאַציע; איינגעקנייטשט, געשריבן אין יידישן כּתב, גייט זי היינט ביינאַכט אַריין אין דער אומ־לעגאַלער שריפֿט. הייליק זיינען זיי ביידע, דער „שמע״ און די פּראָקלאַמאַציע, פֿאַר ביידן איז פֿאַרגאָסן געוואָרן הייליק מאַר־טירער-בלוט.

עס מישן זיך צונויף די צוויי הייליקייטן אין דעם לעדער־נעם קעסטל, די הייליקייט פֿון יונג, וואָס ביידע באַשטייען זיי אויף איינס, אויף דער ברודערשאַפֿט פֿון מענטשן, און ביידע זאָגן זיי אָן איין בשורה. עס איז נישטאָ קיין חילוק — אַלט צי יונג; די ליבע צו גאָט און די ליבע צום מענטשן זיינען איינס.

אָט אַזוי גייט דער אַלטער ייד איבער סמאָטשע גאַס, צו דער אָקאָפּאָווע צו. דאָרט פֿאַר אַ שול טרעפֿט ער אַ צווייטן אַלטן יידן.

„באָרגט מיר דעם טלית און תּפֿילין, ר׳ ייד. מיינער איז פֿאַרלוירן געגאַנגען אין דער בהלה, בשעת מיר זיינען געלאָפֿן פֿון גוורבין.״

„אַ ייד וויל דאַוונען, מהיכי־תּיתי. אַלע יידן אין איין טלית, זאָגט דאָס ווערטל. נאָר היט מיר דעם טלית און תּפֿילין, באַ־

זונדער דעם של־ראש, מיין זיידנס ירושה. עס איז ס׳איינציקע, וואָס איך האָב.״

עס טראָגט שוין דער צווייטער ייד דאָס פּעקל. ער גייט נאָך אַ לוויה נאָך פֿון מתים, וואָס מען האָט פֿון גאַס אויפֿגעקליבן; פֿון מתים, וואָס קרובים האָבן זיי, אין זייער גסיסה נאָך, פֿון די שטובן געהאַט אַרויסגעטראָגן.

די פּאָליציי האָט באַפֿוילן די מתים אויפֿצוקלויבן יעדן פֿרימאָרגן און אין אַ שוואַרצן וואָגן צו וואַרפֿן. דאָס איינציקע פֿערד פֿון דעם רייכן וואַרשעווער דאָזאָר־שטיבל שלעפּט דעם וואָגן מיט מתים. עס גייען אַ פּאָר קרובים נאָך, די, וואָס האָבן נאָך כּוח; ווייבער וויינען — די, וואָס פֿאַרמאָגן נאָך טרערן. עס מישט זיך דער ייד מיט אבלים אוים, טראָגט דעם טלית־זאַק אונטערן אָרעם. ער טרייסט די אבלים מיט אַ וואָרט און אַ קרעכץ: „וואָס איז דער חילוק, דאָ אָדער דאָרט?״

אויפֿן בית־עולם ביים רבין זיסעלעס אוהל, וואָס שטייט פֿאַרוואָרפֿן און פֿאַרלאָזט טוליעט זיך אַ יידענע מיט אַ באַדעקטן קאָפּ, ברעכט די הענט און קלאָגט מיט אַ תּחינה־לשון הויך אויפֿן קול, אַז אַלע זאָלן זי הערן: „אוי, רבי, איר זאָלט אַ גוטער מליץ־יושר זיין!״

עס קומט אָן דער ייד מיטן תּפֿילין־זאַק.

„פֿאַר אונדז און פֿאַר אַלע יידן!״ — לייגט צו דער ייד מיטן תּפֿילין־זאַק. „זיך אָפּגעריסן פֿון דער לוויה ביים רבינס אוהל קדיש צו זאָגן.״

אַ וואונק, אַ באַוועג — און דער ייד האַלט שוין אָן אַנדער טלית־זאַק אין האַנט, וואָס די יידענע האָט פֿון אונטער אַ טוך אַרויסגעבראַכט, בעת דעם יידנס טלית איז צו איר אין די הענט אַריבער.

גייט דער פֿרומער ייד מיט זיין טלית־זעקל צו די אבלים

צוריק. אָנגעפּאַקט איז דאָס טלית-זעקל שוין מיט בשורות פֿיל, וואָס ברענגען אַ טרייסט די פֿאַרשמאַכטע:

„בערלין באָמבאַרדירט טאָג און נאַכט; פּרעזידענט רוזוועלט האָט זיך מיט טשוירטשילען געזען; דער צווייטער פֿראָנט קומט באַלד; די דייטשע משחית-מאַשין ברעכט זיך ווי שפּינוועבס אונטערן פֿויסט פֿון די רוסישע העלדן."

„פּאַראַליזירט די דייטשע קאָמוניקאַציע-ליניעס! יידן, שליסט זיך אָן אָן די פּאַרטיזאַנען! האַלט אויס, די ישועה איז נאָענט, די ישועה קומט באַלד!"

עס גייט דער ייד מיטן טלית-זעקל, וואָס איז פֿול מיט בשורות, ווי אליהו-הנביא, דורכן בית-עולם, פֿאַרביי דער וואַך.

„וואָס האָט איר דאָ אונטערן אָרעם, ר' ייד?" — פֿרעגט דער יידישער וואַכמאַן.

„מיין טלית- און תּפֿילין-זעקל. איר האָט עס געזען, בשעת איך בין מיט דער לוויה געקומען, האָב קדיש געזאָגט."

„אַלט קלאַפּער-געצייג" — זאָגט דער יידישער פּאָליציי-מאַן אין שפּאָט. — „אַ סך וועט עס אים העלפֿן אין אונדזער צייט."

און ביים אוהל שטייט די יידענע, דער קאָפּ נאָך אַלץ פֿאַר-דעקט מיטן טוך, ברעכט זיך די הענט און שרייט אין אוהל אַריין מיט אַן איכה-לשון און אַ תּחינה-געוויין:

„אוי-ווי, עס געפֿינט זיך אין דעם של-ראש. לויפֿט זיך מיען פֿאַר אונדז, אַז מיר זאָלן שוין אויסגעלייזט ווערן. אוי, די ישועה קומט דאָך שוין טאַקע באַלד. דער שונא צעברעכט דאָך האַלדז-און-נאַקן. צען דיוויזיעס פֿאַרניכטעט געוואָרן פֿון די רויט-אַר-מייער, זאָגט די ראַדיאָ אָן. האַמבורג און ברעמען ליגן אין אַש און שטויב. און נעכטן האָבן זיי ווידער באָמבאַרדירט דעם רור-געביט. קעלן איז חרוב געוואָרן, ניט געבליבן אַ שטיין אויף אַ שטיין. אוי, מאַמע, מען זעט דאָך שוין, אַז די מפּלה קומט. די צוויי גדולים האָבן צוגעזאָגט: דער צווייטער פֿראָנט קומט!"

אינעווייניק, אין דעם אוהל, מיט טיר און טויער פארהאַקט, די ווענט מיט שפינוועבס פאַרוועבט פון אַלטע צייטן, זיצן אויפן רבינס קבר צוויי יונגעלייט. איינער האַלט אַ קליינע זעץ-מאַשין. ביים קליינעם שפּראָץ-ליכט, וואָס רייסט זיך דורך אַ געהיימער לאָך אַריין, זעצט ער אויף וואָס דער צווייטער דיקטירט. דער צווייטער נעמט איצט אויף אין אַ געהיימער שיפר-שפּראַך די ידיעות, וואָס די יידענע האָט געבראַכט פון דער געהיימער ראַדיאָ. ווען זי ווערט פאַרטיק מיטן איבערגעבן די נייעס שרייט די יידענע אין קבר אַריין:

„הייליקער רבי, איצט גיי איך אַהיים." און מיט אַ תחינה-לשון לייגט זי צו: „דאָס בינטל עסן וועט איר געפינען אין טלית-זעקל, מיט דער פאַרב און דעם עלעקטרישן ליכט. איך לאָז עס איבער אין גרוב ווי תמיד. אוי, בעט אויס פאַר אונדז אַלדאָס גוטס. מאָרגן אין דער פרי, אַכט אַזייגער, וועט חיים קומען משהן איבערבייטן. ער מוז, נעבעך, זיין שוין שוואַך. ער זאָל ביים לוויה-שטיבל זיין. אוי, אַז מען זאָל שוין אָפּגעהיט ווערן פון אַלדאָס שלעכטס" — פאַרענדיקט זי מיט אַ הויכן ווייבערשן קוויטש.

דער קאָמוניסט

און איצט דערלויבט מיר אייך פאַרצושטעלן דעם צווייטן העלד. יעמוד ביגלמאַן, דער קאָמוניסט! ביגלמאַן, העַנריק ביגל-מאַן, איז דווקא געווען אַ „טאַטנס אַ קינד". דער פאָטער — אַ מהיכא-תיתי-ציוניסט מיט אַ נייגונג צו מזרחי. אַ הורטאָוונע שניט-קראָם אויף נאַלעווקי, מיט אַ שטאָט אין טלאָמאַצקער שול, אַ פאַרערער פון נחום סאָקאָלאָוו, אַ קורא-נכבד פון „הצפירה", ווען זי איז נאָך געגאַנגען אין העברעאיש. זיין זון האָט ער, פאַר-שטייט זיך, אָפּגעגעבן אין דער יידישער גימנאַזיע אויף וואָ-לינקי, וואָס האָט געהאַט רעכט פון אַ קאַזיאָנער גימנאַזיע. דער-פאַר זיינען די לערער-פּאַליאַקן געווען דאָרט מיט אַ שטאַרקן

אנטיסעמיטישן אונטערשלאַק. אַ פֿינגערהוט העברעאיש, פּויליש — אַ קוואַרט; תּנך, פֿאַרשטייט זיך, אַ ביסל, נאָר דער עיקר — עברית בהברת ספֿרדית.

דערוואַרט האָט מען, אַז פֿון הענריקן זאָל אַרויסקומען אַ רעוויזיאָניסט, אָבער אויסגעפּיקעט האָט זיך דווקא — אַ קאָמו־ניסט. צו 16 יאָר אין אַכטן קלאַס. קורץ פֿאַרן ענדיקן האָט מען אים אויף אַ פֿאַרזאַמלונג געפּאַקט, וואָס אַ פּראָוואָקאַטאָר האָט געהאַט „פֿאַרשאַטן".

אין וואַרשע־שטאָט, אויף דער נאָוואָליפּקער, שטייט אַ הויז, אַ שוואַרץ הויז מיט אַ גרויסן מויער אַרומגעצאַמט. אַ לעבעדיקער קבר איז דער פּאַוויאַק, נאָך פֿון די צאַריסטישע צייטן. דערנאָך האָבן עס די פּאָליאַקן איבערגענומען.

איינגעמויערט אין אַ קאַמער, פֿיר אויף זעקס איילן אין שטח, האָט מען יאָרן לאַנג געהאַלטן הענריקן אין איזאָלאַציע. פֿון צייט צו צייט אַרויסגענומען אים אויף אַ פֿאַרהער. געבראַכט צו שלעפּן אים צוריק האָבן צוויי באַוואָפֿנטע. קלעפּ האָט מען דאָרט אונ־טער די באַקעס אויסגעטיילט, אין די לונגען, אין בויך אַריין, נישט אין פּנים, אַז עס זאָל זיך נישט אָנזען. עס איז נישט שיין פֿאַר לייט, אַז דאָס באַפֿרייטע פּוילן זאָל טאָן אַזאַ זאַך, ווי דאָס צאַריסטי־שע רוסלאַנד פֿון אַמאָל. מיר זיינען פּאַנעס, שלאַכטעס, פֿון דער געשיכטע אויסדערוויילט, אַז מיר זאָלן דער לעצטער פּאָסטן פֿון ציוויליזאַציע אין מזרח זיין, אַ שוץ־וואַנט קעגן דעם באָלשע־וויזם, וואָס דראָט די גאַנצע וועלט צו פֿאַרפֿלייצן. דערפֿאַר מוזן מיר אויף דער וואַך זיין קעגן דער געפֿאַר — נישט נאָר פֿאַר אונדז אַליין, נאָר פֿאַר דער גאַנצער קאַטוילישער קולטור.

עס האָבן נישט געהאָלפֿן קיין קלעפּ און קיין אָפּשרעק, עס האָט נישט געהאָלפֿן די איזאָלירטקייט אין פֿינצטערע קאַמערן, וואָס מען האָט אַהין אין די ווינטערדיקע פֿרעסט וואַסער פֿון אַ פּאָמפּע אַריינגעלאָזט. אָן אַ לעפֿל געקעכטס, אויף ברויט און וואַסער

פֿאַרמשפּט אויף וואַכנלאַנג איז ער געווען, פֿון ביכער און פּאַפּי־ראָסן באַרויבט, דער יונג האָט געשוויגן, קיין חבר ניט אַרויס־געגעבן.

מען האָט אים געשטעלט אין נסיון, מיט הבטחות און גוטע רייד. שטום פֿאַרגליווערט איז געשטאַנען דער יונג, די ליפּן מיט אַ שאָטן פֿון וואָנצעלעך יונגע, פֿאַרשנירט, נאָר מיט די אויגן אויפֿגעבליצט, פֿון טונקעלע רעדער אַרויס און אַ ביטערקייט אויפֿן מויל געקוקט ביטולדיק אויף זיינע פּייניקער און געשוויגן ווי אַ מויער.

יאָ, איך ווייס, אַז אַלע טוען דאָס. אַנדערע טוען דאָס נאָך מער. זיי שיקן אין טויט אַריין, מיט אַ שוואַרצן פּאַס צוגעלייגט, פֿאַר דער געשיכטע אַ דאָקומענט, אַז דער פֿאַרמשפּטער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר געווען. דערפֿאַר איז אַזאַ שוואַרצע פֿינצטערע וועלט — און אַ בראָך נאָך אונדזערע יאָר. דו שטייסט איינער אַליין אין אַ פֿינצטערן וואַלד, צווישן חיות־רעות.

פּוילן האָט געשווינד געלערנט אַ גרויסע מאַכט צו זיין — מיט אַ מיסיע אין דער וועלט. און פֿאַר אָט דער מיסיע איז אַלץ דערלויבט, אַלץ כּשר. אַריינגעכאַפּט האָט מען אַ יונג קינד, מיט דער מוטערס מילך נאָך אויפֿן מויל, און נקמה גענומען אין אים. אַ ייד און אַ קאָמוניסט — דאָס איז איינס. היטלער האָט עס שוין לאַנג געזאָגט: אַלדאָס בייז קומט פֿון זיי. די וועלט וואָלט אַ גן־עדן געווען, ווען ניט די צוויי. דער שונא פֿון פּוילן און פֿון דער גאַנצער מענטשהייט איז דער ייד־קאָמוניסט, ווי מען האָט עס אַמאָל אויף די ערשטע קריסטן געזאָגט, בשעת נעראָ האָט זיי צו די חיות אין דער אַרענע געוואָרפֿן. מען האָט געשמידט צוזאַמען ייד און קאָמוניסט אין איין קייט פֿון שנאה — און אַלצדינג איז דערלויבט צו טאָן קעגן זיי.

אַ יינגל האָבן זיי אין פּאַוויאַק גענומען. אַן אַלטן צעבראָ־כענעם מאַן קורץ פֿאַר דער אינוואַזיע פֿון פּוילן אַרויסגעלאָזט.

אַן אַלטן מאַן, מיט אַ האַרץ אָנגעלאָדן מיט ביטערקייט, מיט אויגן, וואָס האָבן געזען דעם טויט, מיט גלידער, וואָס האָבן שוין אַלץ אַריבערגעטראָגן; אַ מענטש, וואָס איז שוין אויף אַלץ גרייט געווען. אויסגעגליט אין די יסורים איז דער ווילן, היילִיק איז דער אידעאַל געוואָרן, זיס דער פּיין. ניין, ער איז נישט געגאַנגען מער צום טאַטן אַהיים. אין אַ קעלער־שטוב אַריינגעצויגן זיך, צווישן פּאַרטיי־חברים אויסבאַהאַלטן, האָט ער זיך אויפּסניי אין דער אַרבעט געוואָרפֿן — מיט מער ברען און מיט מער מסירת־נפש. וואָס גרעסער די געפֿאַר, אַלץ היילִיקער דער אידעאַל.

האלט אויס!

אַ סאַפּענדיקער, ווי ער וואָלט געווען פֿאַרכאַפּט פֿון אַן אַסט־מאַ־אַטאַקע, האָט דער לאָקאָמאָטיוו זיך אַריינגערוקט אין דער סטאַנציע. אָכצענדיק און יאָכצענדיק אונטער דער משא פֿון דער לאַנגער שורה פֿראַכט־וואַגאָנען, איז ער אָנגעקומען פֿון דעם גרויסן, ברייטן, מיט קאַלטער האַרבסט־זון באַגאָסענעם דרויסן, אַ צעשוויצטער און אַ צעהיצטער. ער האָט זיך גערוקט מיט פֿויל־פֿאַמעלעכדיקע טריט, ווי ער, דער לאָקאָמאָטיוו, וואָלט גע־נייט געווען אויסצופֿירן זיין אַרבעט, אונטער דעם אָפֿענעם מויל פֿון שונאס ביקס, אַקוראַט ווי די סאָלדאַטן, וואָס ער האָט געפֿירט אין געפֿאַנגענשאַפֿט, מיט אַ גרילצעדיקן געשריי פֿון אייזן גע־ריבן אויף אייזן, מיט אַ כריפּען, ווי ער וואָלט ערשט איצט דעם אָטעם אָפּגעכאַפּט, און מיט אַ שטויס, אין פּראָטעסט, אויף צוריק און אַ צוזאַמענקלאַפּן פֿון דער ריי וואַגאָנען הינטער זיך, האָט דער לאָקאָמאָטיוו סוף־כּל־סוף זיך אָפּגעשטעלט.

די סטאַנציע איז געשטאַנען אויף אַ פֿעלד, פֿון וועלכן מען האָט שוין געהאַט אַראָפּגענומען די תּבֿואה. אַ נאַקעט פֿעלד, מיט איינציקע אַרויסשטאַרצנדיקע שטרויען; אַ קאַלטער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן פֿון דער אַרומיקער ברייטער, גרויסער אָפֿע־נער סטעפּ; אַ מילכיקער הימל, באַליינגט מיט בלויע וואָלקנד־לעך, ווי סטאַדעס וואָלענע שאָף וואָלטן זיך געפֿיטערט איבער דער אומענדלעכקייט, וואָס האָט זיך היימיש אויסגעשפּרייט איבער דעם סטעפּישן האָריזאָנט. אַ מנין וויים־קאָרעדיקע בע־רעזע־ביימלעך, וואָס האָבן שוין פֿאַרלוירן זייערע בלעטער, זייערע

יתומדיק געפֿרווירענע געשטאַנען אין דער גרויסער ברייטקייט. פֿון צווישן די האַלב-נאַקעטע צווייגן האָבן ווי דורך אַן איידעלן שפּיצן-געוועב אַרויסגעקוקט די רויטע דעכער פֿון אַ קופּע הייז־לעך, וואָס העכער פֿון אַלע האָבן זיך אויפֿגעהויבן די צוויי גרינע שפּיצן פֿון אַ צערקווע און דער ווייס-געקאַלעכטער טורעם פֿון דער נייער מיל, וואָס דער קאַלכאָז האָט געהאַט אויפֿגעבויט.

אין די גרינע שפּיצן און אין דעם ווייסן טורעם האָט דער געפֿאַנגענער שמואל חיימאָוויטש צאַצקין דערקענט זיין געבוירן־שטעטל בראַדאָווקע. ער איינער אַליין פֿון אַ גאַנצן פֿראַכט־וואַגאָן געפֿאַנגענע, וואָס מען האָט געפֿירט פֿון דעם קאַווקאַזישן פֿראָנט, איז געשטאַנען ביי דער פֿאַרריגלטער טיר. ער האָט זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף אַ לייסטל און אַרויסגעקוקט, פֿון פֿרימאָרגן אָן, דורך דעם פֿאַרגראַטעוועטן פֿענצטערל אַרויס.

די איבעריקע חברים אין וואַגאָן זיינען געלעגן איינגענו־רעטע, איינגעקנאַטעטע, לייב-אין-לייב. ווי איין מענטשלעכע צו־זאַמענגעווירענע מאַסע, זיינען זיי געלעגן און געשלאָפֿן. אַ מאַן אַכציק ביז הונדערט זיינען זיי, ווי הערינג, אָנגעשטאָפּט געווען אין אַ וואַגאָן, וואָס איז געווען באַשטימט פֿאַר „אַכט פֿערד אָדער פֿערציק מענטשן".

זינט מען האָט זיי פֿאַרכאַפּט אין אַ טאָל-שטעטל, איזאַ־לירטע און אָפּגעשניטענע פֿון זייער באַזע, און געפֿירט זיי פֿינף־זעקס טעג, הונגעריקע און געפֿרווירענע, איבער אָפּגעברענטע דערפֿער צו אַ באַן סטאַנציע, זיינען זיי געווען אַזוי אויסגע־מוטשעט, אַז ווי נאָר מען האָט זיי אין די וואַגאָנען אַריינגע־לאָזט, האָבן זיי זיך געוואַליעט אויף דער פּאָדלאָגע און געוואָלט אויסשלאָפֿן די אַלע נעכט, וואָס זיי האָבן אויסגעפֿעלט צו שלאָפֿן. זיי האָבן ניט געאַכט אויף קיין עסן-און-טרינקען, אויף אויספֿירן די נאַטירלעכע פֿונקציעס, נאָר געוואָלט שלאָפֿן, שלאָפֿן און שלאָפֿן.

שמואל צאַצקין האָט אָבער אָפּגעהיט די געגנט. ער האָט געוואוסט, אַז די באַן שלעפּט זיך איצט איבער זיין היימישער אוקראַינישער ערד, און ער האָט געוואָלט געבן אַ בליק נאָכאַמאָל אויף די דעכער פון זיין שטעטל, אויף די פעלדער אַרום, וואו ער איז געבוירן, אויפגעצויגן און גרויס געוואָרן; וואו ער האָט איבערגעלאָזט טאַטע-מאַמע, אַ שוועגערין מיט קינדער און אַ כלה; וואו ער האָט איבערגעלאָזט אַזוי פיל היימישע און נאָענטע. ער האָט געוואָלט אַ בליק טאָן נאָכאַמאָל אויף די פעלדער, וואָס ער האָט געהאָלפן אַקערן און זייען, אויף די הימלען, וואָס זיינען אים אַזוי באַקאַנט געווען, אויף דעם גאַנצן לייב-און-לעבן זיינעם נאָכאַמאָל אַ קוק געבן און אַ שטילן גרוס שיקן, איידער מען פאַרשיקט אים פון זיין ראָדינע צום שונא אַהיים אים דאָרט צו דינען.

ווי שמואל הענגט אַזוי אויף דער טיר און קוקט דורך דעם אייזן-פאַרגראַטעוועטן פענצטערל אַרויף צו דער גרין-אָפּגעפאַרבטער הילצערנער סטאַנציע, וואָס ער קאָן זי אַזוי גוט, וואָס ער פלעגט אין אַ יום-טוב אַרויסקומען אַהין שפּאַצירן פון שטעטל מיט חברה, זען דעם צוג, וואָס לויפט אַדורך פון כאַרקאָוו קיין סעוואַסטאָפּאָל, אַ הוליע טאָן דאָרט אין בופעט; ווי ער הענגט אַזוי און קוקט אַרום אויף דער היימישקייט, וואָס שרייט-אַראָפּ פון דעם סטאַנציע-גערטנדל, פון די דעכער פון די הייזלעך, וואָס קרעכצן אַרום פון זייער געפאַנגענשאַפט; ווי ער קוקט אַזוי צו דערזען אפשר אַ היימיש פנים, דערהערט ער מיט אַמאָל אַן אָנגעלאָף, אַ שרייען, אַ ליאַרעמען. ער זעט, ווי די באַוואָפנטע היטער אין זיין וואַגאָן לויפן מיט נייגעריקייט צום געזעמל מענטשן, וואָס שווארצן זיך ביי דער סטאַנציע.

ער קוקט זיך אַרום און דערזעט זיי, ער דערקענט זיי. עס זיינען די יידן פון זיין שטעטל.

„וואָס טוט זיך דאָרט אַזעלכעס?" מורמלט שמואל צאַצקין פאַר זיך.

ער שטרענגט אָן אַלע זיינע כּוחות אויפֿצוהויבן זיך אויף די שפּיץ פֿינגער, אַז זיין האַלדז זאָל לענגער ווערן און זיין פּנים זאָל דערלאַנגען צום פֿענצטערל. ער בייגט-אוים דעם קאָפּ, די אויגן גיסן זיך אים אָן מיט בלוט פֿון אָנשטרענגונג און אויפֿרעגונג, ער פֿאַרכאַפּט אָן אייזערנעם שטאַנג פֿון פֿענצטערל מיט זיינע ציין און בלייבט הענגען דערויף. ער שניידט אַריין דאָס פּנים אין אַ שאַרפֿן קאַנט פֿון אַ שטאַכעט, אַבי זיינע אויגן זאָלן קענען זען וואָס עס טוט זיך אין דרויסן.

ער האָט עס דערזען.

אַ געזעמל יידן, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, מיט היטלען אָן דאַשקעס און פּים אָן שיך, זיינען צונויפֿגעטריבן אין אַ רעדל. צווישן זיי געפֿינען זיך ווייבער, מיידלעך און קינדער, אַ טייל מיט צעריסענע טיכער אויף די קעפּ, אַנדערע מיט צעשויבערטע, צעפֿלאָשעטע האָר. באַוואָפֿנטע נאַצים, אין שוואַרצע אוניפֿאָרמען פֿון דער געשטאַפּאָ און אין ציווילע קליידער, שטייען אַרום. זיי יאָגן די יידן, ווי מען יאָגט אַ מחנה הינט, טרייבן זיי געדיכט צונויף, ווי אַ סטאַדע שאָף, רינגלען זיי אַרום.

„אוודאי פֿאַרשיקן זיי אויף שוואַרצער אַרבעט", טראַכט זיך שמואל.

איצט דערזעט ער, ווי אָן אַנדער מחנה ווערט צוגעפֿירט צו די יידן. ווער זיינען זיי? ער שטרענגט זיך אָן זיי צו דערקענען. ער דערקענט זיי. דאָס איז די אָרטיקע פּויערשע און אַרבעטער באַפֿעלקערונג פֿון די קריסטן. אָט דערקענט ער דעם אַלטן סטעפֿאַן סאַבורא, וואָס זיין ווייסע אויסגעקעמטע באָרד שיינט אַרוים פֿון דער גרויסער כּמאַרע. ער דערקענט אויך דעם יונגן מעכאַניקער קאָזלענקאָ. וואָס טוען זיי דאָ? ער שטרענגט זיך אָן צו דערקענען נאָך פּנימער. עס איז שווערלעך. אַזוי פֿיל נייע פּנימער, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געזען.

אָט דערזעט ער ערשט ווי אייניקע האַלטן אין די הענט שטעקנס, גראָבאייזנס, ווידלעס. אַ גרויסע באַוועגונג גייט אָן

צווישן די מענטשן. אימיצער רעדט צו זיי, ווייזט אָן מיט דער האַנט אויף די יידן, אַ שטעקן ווערט געפּאַכעט אין דער לופט, אַ שפּיץ־רוט לאָזט זיך אַראָפּ איבער די קעפּ פון די יידן. אימיצער שרייט, שרייט.

„וואָס טוט זיך דאָרט אַזעלכעס?" — טראַכט שמואל צאַצקין מיט אַ בלוטנדיק האַרץ — „וואָס טוט זיך אַזעלכעס?"

ער גיט אַ רוף צו דער שלאָפנדיקער מחנה חברים:

— חברים, כאַפּט זיך נאָר אויף! גיט נאָר אַ קוק, וואָס דאָרט טוט זיך! — שרייט צאַצקין און שאַרט־אויף אַ שלאָפנדיקן רויט־אַרמייער מיט די הענט.

קערפּערס האָבן זיך אויפגעכאַפּט, זיך אָנגעהאַנגען אויף דער טיר, געדרענגט זיך צו די שפּאַלטן, זיך געשטופּט צו די פענצטער.

— דער טייוול ווייס זיי, וואָס זיי טוען דאָרט. עס זעט אויס, זיי ווילן שלאָגן די הימישע לייט.

— ווער וויל שלאָגן? — פרעגט צאַצקין — ווער? פרעמדע אָדער אייגענע? — און קאַלטע אַנגסטן באַגיסן אים פון דער מאַטערנדיקער פראַגע.

באַלד ווערט עס אים קלאָר. איינער פון די באַוואָפנטע נאַצים, וואָס איז געווען צוגעלאָפן צו דעם געדרענג מענטשן גע־וואויר־צו־ווערן וואָס עס קומט דאָרט פאָר, קומט צוריק און זאָגט די נאַצישע עלטסטע אין דעם צוג פון די געפאַנגענע, וואָס האָבן, נייגעריקע, אויסגעשטרעקט די קעפּ פון די פענצטער פון זייער פאַסאַזשיר־וואַגאָן:

— עס איז גאָרנישט. דאָס האָבן די געשטאַפּאָ־לייט צוזאַ־מענגעבראַכט די אָרטיקע באַפעלקערונג, אַז זי זאָל זיך אָפּרע־כענען מיט די יידישע קאָמיסאַרן — האָט דער סאָלדאַט אָפּגע־געבן דעם רעפּאָרט פון זיין אויספאָרשונג.

— עס איז אַ גוטע אויפֿקלערונג־אַרבעט, וואָס אונדזערע לייט טוען — האָט זיך אָנגערופֿן אַ קול פֿון אַ דייטשן עלטסטן, וואָס צאַצקין האָט דאָס פֿאַרשטאַנען דורך זיין יידיש־קענען.

דאָס פּנים פֿון דעם, וואָס האָט גערעדט, האָט צאַצקין נישט געקאָנט זען, ווייל זיינע אויגן האָבן נישט געקאָנט דערגרייכן צום אַנדערן ווינקל, וואו די נאַצישע עלטסטע זיינען געווען.

— מיר דאַרפֿן די אַרטיקע באַפֿעלקערונג דערציען צוריק צום אַלטן צאַרישן גייסט, אַז זיי אַליין זאָלן זיך אָפּרעכענען מיט די יידישע באָלשעוויקעס, ווי זיי האָבן עס אַמאָל געטאָן ביים צאַר דורך פּאָגראָמען.

— יאָ, אַ גוטע אַרבעט. נאָר אַזוי אַרום קאָן מען אויסוואָרצלען פֿון רוסישן מוזשיק דעם באָלשעוויסטישן גייסט. מען באַדאַרף אים צוריק דערציען צו פּאָגראָמען אויף יידן, נישט אַז מיר זאָלן באַדאַרפֿן פֿאַר זיי טאָן די אַרבעט.

פֿון דעם, וואָס ער האָט געזען, פֿון דעם שמועס פֿון די נאַצישע חיות, האָט שמואל חיימאָוויטש צונויפֿגעקלעפּט אין זיין מחשבה אַ קלאָר־בילד: דאָס האָבן די געשטאַפּאָ־לייט צוזאַמענגעטריבן די יידן פֿון זיין שטעטל און אַרויסגעבראַכט די שטעטלשע קריסטלעכע באַפֿעלקערונג, כּדי אָנצורייצן זיי צו מאַכן אַ פּאָגראָם אויף די יידן.

פֿון אַ פּאָגראָם האָט שמואל חיימאָוויטש געהערט דערציילן זיין פֿאָטער, ווען ער, שמואל, איז נאָך געווען אַ יינגל. דער פֿאָטער פֿלעגט אים דערציילן, וואָס עס פֿלעגט זיך אָפּטאָן מיט יידן אונטער דעם צאַרישן רעזשים.

ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט פֿאַרשטיין: ווי אַזוי קאָן עס איין מענטשן הענגען דעם צווייטן? אַליין שוין געבוירן, אויפֿגעצויגן און אויסגעוואַקסן אונטער דעם סאָוועטישן רעזשים, איינגעפֿלאָכטן, איינגעפֿלאַנצט אינם סאָוועטישן לעבן ווי אַ נאַטירלעכע פֿלאַנץ דורך אירע וואָרצלען אין דער ערד, האָט ער

אין זיין פֿאַנטאַזיע זיך קיינמאָל נישט געקאָנט אויסמאָלן אַ פּאָגראָם אויף דער וואָר.

די מעשׂיות וועגן פּאָגראָמען האָבן אָפּגעקלונגען שמואלן ווי אַ פֿאַנטאַסטישע געשעעניש פֿון פֿאַר־היסטאָרישע צייטן, ווען מענטשן זיינען נאָך געווען אין דעם צושטאַנד פֿון חיות; עס האָט אים אָפּגעקלונגען אַקוראַט ווי די פֿאַרשקלאַפֿונג פֿון די יידן ביי פּרעה אין מצרים, וואָס זיין זיידע, דער פֿרומער ייד, פֿלעגט אים דערציילן דערפֿון, ווען ער, שמואל, איז געווען אַ יינגל: „איינער אַ משה", פֿלעגט אים דער זיידע געבן צו פֿאַר־שטיין, „האָט געזאָלט אַרויסנעמען די יידן פֿון מצרים און זיי באַפֿרייען לויט גאָטס באַפֿעל — און דערפֿאַר זיינען מיר יידן." צי ער האָט יאָ געגלויבט דעם זיידן, צי ער האָט אים נישט געגלויבט — אין יעדן פֿאַל, די גאַנצע קנעכטשאַפֿט פֿון די יידן אין מצרים איז געווען פֿאַר אים אַ לעגענדע, וואָס יידן דערציילן זיך יעדן פּסח.

פּאָגראָמען אויף יידן אונטער דעם צאַר זיינען שוין געווען מער רעאַל ווי לעגענדעס. זיי זיינען טאַקע פֿאַרגעקומען. מען לערנט וועגן זיי אין די שולן. אָבער דאָס איז אַלץ געשען אין די פֿאַר־היסטאָרישע צייטן, „פֿאַר דעם סאָוועטישן רעזשים".

איצט מיט אַמאָל איז געקומען דער פּאָגראָם, האָט געגעבן אַ שפּרונג־אַרויס פֿון דער פֿאַנטאַסטישער פֿאַרגאַנגענהייט און זיך געגעבן אַ שטעל אין זיין לעבן. פֿאַר זיינע אויגן קומט דאָס פֿאָר. דאָ, אַ טריט פֿופֿציק פֿון אים, שטייען אַרומגערינגלט זיינע ברידער און שוועסטער פֿון דעם שטעטל, וואו ער איז געבוירן געוואָרן. אפֿשר איז צווישן זיי דאָ זיין אייגענער פֿאָטער, זיין מוטער, זיין שוועגערין מיט די קינדער (זיין שוואָגער, וואָס איז מיט דער רויטער אַרמיי, האָט צוזאַמען מיט אים פֿאַרלאָזט דאָס שטעטל). ער קאָן זיי אפֿשר ניט דערקענען, ווייל אַלע יידן פֿון שטעטל זיינען איין סטאַדע חיות. עס זיינען נישטאָ קיין אינ־דיווידועלע חיות, אַלע חיות און בהמות האָבן איין פּנים. אַלע

יידן זיינען איין אַנגעהעשעטע, פֿון הינט־צונויפֿגעטריבענע סטאַ־
דע, און אויף זיי גייט איצט די אַרטיקע באַפֿעלקערונג, מען העצט
זיי אָן.

ער הערט דאָס גאָרגלדיקע געשריי, וואָס קומט פֿון דאָרט,
פֿון מענער, וואָס טייטן־אָן מיט די הענט אויף די יידן. וועלן זיי
ביישטיין דעם נסיון?

ניין, ער זעט נישט, אַז די אַרטיקע באַפֿעלקערונג זאָל באַ־
פֿאַלן די יידן. זיי האַלטן זיך פֿון וווייטנס, כאַטש קלעפּ פֿון
שטעקנס פֿאַלן אויף יידישע קעפּ. ער הערט דאָס געשריי, וואָס
קומט פֿון דער יידישער מחנה, ער זעט ווי עס וואַליען זיך אויף
דער ערד יידישע לייבער. ער קאָן נישט אָפּשיידן, ער קאָן נישט
דערקענען, ווער עס שלאָגט זיי, היימישע, צי פֿרעמדע.

ניין, די היימישע לייט האַלטן זיך פֿון דער וווייטנס. אָט דער־
קענט ער דאָך סטעפּאַנס באָרד. ער שטייט דאָרט אין יענער
גרופּע. און אין יענער גרופּע, וואו סטעפּאַנס באָרד איז, מוז דאָך
זיין די באַפֿעלקערונג פֿון אָרט. די גרופּע רירט זיך נישט, זי
שטייט פֿון דער וווייטנס.

„דער סאָוועטישער מענטש וועט זיך נישט לאָזן אַזוי גרינג
אַראָפּשווענקען אין דעם פֿאַשיסטישן קויט. ער וועט נישט אויס־
בייטן לעניגען פֿאַר היטלערן. דער סאָוועטישער מענטש האָט
טיף איןביין דעם סאָוועטישן רעזשים. מעג ער זיך געפֿינען
ביים שונא אין די הענט — אין זיין געביין, אין זיין האַרץ, אין
זיין מוח לעבט דער סאָוועטישער אינסטינקט, דאָס סאָוועטישע
געווייסן, וואָס וולאַדימיר איליטש האָט אים געגעבן, וואָס חבר
סטאַלין האָט אים געגעבן, וואָס די סאָוועטישע פֿעלקער האָבן
אים געגעבן. דער קאָלכאָז, דאָס בשותּפֿותדיקע פֿעלד אונדזער,
די בשותּפֿותדיקע שטאָל מיט די בהמות אונדזערע, דער בשותּ־
פֿותדיקער וואַלד אונדזערער, אונדזער גוטע אוקראַינישע ערד,
אונדזער ליכטיקער ברייטער הימל, אונדזער שיינקייט — ניין,
דער סאָוועטישער מענטש וועט דעם נישט ווערן אומגעטריי. דאָס

וועלן די פאַסקודנע פּאַשיסטן נישט קאָנען אויסמעקן. אַ מכּה זיי" — שרייט שמואל חיימאָוויטש צאַצקין אוים אין זיין צעריסן האַרץ, כאַטש זיינע ליפּן זיינען ענג פאַרקניפּט איבער זיין מויל.

*

איינס־נאָך־איינס האָבן די רויט־אַרמייער זיך אויפגעכאַפּט פון זייער שלאָף. זיי האָבן זיך אויפגעריסן, גלייך אַן אינסטינקט האָט געווען אין זייערע הערצער. און אַלע האָבן זיי זיך אָנגעהאַנגען אויף דער טיר, אַלע האָבן זיי געוואָלט דערלאַנגען צום פּענצטערל, דערשפּירן, דערזען, דערוויסן זיך וואָס עס קומט דאָרט פאָר, גלייך דאָרט אין דער גרופּע פון די געפּייניקטע יידן, מיט די קריסטן אַרום, וואָלט זיך געוועז אָפּגעשפּילט דער גורל פון יעדן איינעם פון זיי. גלייך אין קאָן וואָלט געווען געשטאַנען דער גאַנצער רוסישער גורל, דער גורל פון דער נייער וועלט, פון דער וועלט, וואָס לענין האָט זיי געגעבן, האָבן זיי אַלע מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס און מיט ציטערדיקע הערצער אָפּגעוואַרט דעם געראַנגל וואָס קומט דאָרט פאָר צווישן גאָט און טייוול.

וועט דער סאָוועטישער מענטש זיך לאָזן אַרונטערשווענקען אין דער בלאָטע, וואָס די נאַצים האָבן אויסגעשפּרייט פאָר אים? וועט ער פאַלן אין שאול־תחתיה מיט די פינצטערע כּוחות, וואָס די נאַצים וועקן־אויף אין אים, אָדער ער וועט זיך האַלטן אַן דער גאָלדענער רעטונג־שנור, וואָס דער סאָוועטישער רעזשים האָט אים צוגעוואָרפן?

גלייך דער גורל פון זייער אייגענעם לאַנד, ניין, פון זייער אייגענעם פּערזענלעכן לעבן, וואָלט אָפּהענגיק געווען אַן דעם נסיון פון דער אָרטיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג, האָט דער גאַנצער וואַגאָן מענטשן, אַ הונדערט יונגעלייט, זיך צוזאַמענגעקלעפּט אין איין קערפּער, וואָס איין ווילן האָט אים באַלעבט, איין וואונטש, איין האָפענונג און בקשה, איין גרוים געבעט, וואָס האָט געציטערט אויף יעדנס ליפּן און אין יעדנס האַרץ.

— האַלט זיך, ברידער, האַלט זיך! פֿאַרשוועכט נישט אונ־זער הייליק לאַנד מיט נאַצישע רציחות! האַלט זיך ביי לענינען, האַלט זיך ביי אונדזער סטאַלינען! האַלט זיך! האַלט זיך!

— דאָך האָבן זיי נישט אויסגעהאַלטן, די סוואָלאַטשעס! — האָט זיך צעשריען אַ רויט־אַרמייער, אַ קאַווקאַזער קאָזאַק — סוואָלאַטשי פּראָקליאַטיע! — האָט ער געשריגן אויפֿן הויכן קול, ווען ער האָט דערזען ווי קלעפּ פֿון אייזנס און שטעקנס פֿאַלן אויף די יידן.

— אָ, איר פֿאַרשאָלטענע פֿאַשיסטן! — האָט זיך אַ צוויי־טער צעשריגן און אַרויסגעהויבן אַ פֿויסט — מיר וועלן אייך אָנלערנען, נישט אויסגעהאַלטן.

— ניין, ברידער, אויסגעהאַלטן, אויסגעהאַלטן! — שרייט שמואל חיימאָוויטש צו די חברים — דאָס זיינען נישט אונדזערע, וואָס שלאָגן, דאָס זיינען פֿרעמדע.

— פֿון וואַנען ווייסטו דאָס? — פֿרעגן אים קולות.

— איך בין פֿון דער געגנט, איך קען זיי. איר זעט דאָרט די ווייסע באָרד? דאָרט, וואו די ווייסע באָרד איז, דאָרט געפֿינען זיך אונדזערע. איר זעט, ווי זיי שטייען פֿון דער ווייטנס? זיי טוען גאָרנישט, זיי שטייען באַזונדער. איר זעט, ווי די נאַצים שרייען אויף זיי? זיי רירן זיך נישט.

אַ הונדערט פּאָר אויגן האָבן זיך אָנגעקייטלט אָן דער ווייסער באָרד. די ווייסע באָרד איז געוואָרן פֿאַר זיי דער סימבאָל פֿון סאָוועטישן רעזשים, פֿון די סאָוועטישע פֿעלקער, פֿון דער סאָוועטישער ערד, פֿון דעם סאָוועטישן הימל. די ווייסע באָרד פֿון דעם אָרטיקן פֿויער סטעפּאַן סאַבוראַ איז געוואָרן דער סימ־באָל פֿון געוויסן, פֿון דעם נייעם גלויבן אין דער ברידערלעכקייט פֿון מענטשן, פֿון דעם בלוט, וואָס די רויטע אַרמיי האָט פֿאַר־גאָסן, פֿון לענינען, פֿון סטאַלינען, פֿון אַלץ, וואָס איז הייליק און שיין און גוט און וואָס איז זיי דערפֿאַר דאָס לעבן אָפּצוגעבן.

אַלץ האָט זיך איינגעקנאָטן אין דער ווייסער באָרד פֿון סטעפּאַן סאַבוראַ.

אַלע אויגן האָבן געקוקט אַרויף אויף איר ווי אויף אַ נס־מן־השמים און געוואַרט מיט ציטערדיקע הערצער: וועט די ווייסע באָרד זיך אַ וואַקל געבן, חלילה, צי וועט זי בלייבן שטיין, ווי אַ ליכטיקער זייל, מיט איר אומבאַפלעקטקייט?

און ווי אַ ליכטיקער זייל איז זי געשטאַנען און האָט גע־שיינט פֿון דער ווייטנס. מיטאַמאָל האָבן זיי דערזען: די זעלבע הענט, וואָס האָבן געהויבן די אייזנס, די שטעקנס, די באַטעקעס איבער די קעפּ און לייבער פֿון די יידן, האָבן זיך איצט אויפגע־הויבן איבער די קעפּ און לייבער פֿון דער גרופּע, וואָס צווישן איר איז געשטאַנען די ווייסע באָרד. אייזנס, ווידלעס, שטעקנס, באַטעקעס, שפּיץ־ריטער זיינען געפאַלן איבער די קעפּ פֿון די דאָרטיקע קריסטלעכע איינוואוינער. זיי זיינען געפאַלן איבער דעם קאָפּ פֿון דער ווייסער באָרד, נאָר די ווייסע באָרד האָט אַרויס־געשיינט פֿון אונטער די שלעק און קלעפּ. בלוט האָט זיך גע־גאָסן אויף איר, זי האָט אָבער פֿון בלוט אַרויסגעשיינט מיט איר הערלעכער ווייסקייט.

— מאָלאָדצי, בראַטצי, אויסגעהאַלטן, אויסגעהאַלטן! מאָ־לאָדצי, בראַטצי! — האָט זיך דערהערט אַ כאָר שטימעס — ספּאַסיבאָ, בראַטצי, ספּאַסיבאָ!

— פֿאַר אונדזער ראָדינע, פֿאַר אונדזער פֿרייהייט!

— פֿאַר סטאַלינען, פֿאַר לענינען, אויסגעהאַלטן, אויסגע־האַלטן!

*

מיט אַ שנאָרכעדיקן סאָפּען, שווער־אָטעמדיק, איז דער לאָ־קאָמאָטיוו אָפּגעגאַנגען פֿויל פֿון דער סטאַנציע. ער איז אָפּגע־גאַנגען מיט פּראָטעסט און ווידערווילן, גלייך ער וואָלט נישט געוואָלט שטיין אין דינסט פֿון שונא און שלעפּן די לאַנגע און שווערע ריי וואַגאָנען, צו וועלכער ער איז געווען צוגעקייט.

גלייך ער וואָלט געוואוסט, אַז ער פֿירט אָפּ די בעסטע זין פֿון לאַנד צום שונא אין געפֿאַנגענשאַפֿט, האָט ער נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן די היימישע ערד, נאָר גענייט און געשלעפּט דורך דעם כּוח פֿון דאַמף, איז ער אַפּגעגאַנגען פּאַמעלעכדיק פֿון דער סטאַנ־ציע, איבערלאָזנדיק הינטער זיך ווי אַ סימן פֿון טרויער, אַ גע־דיכטן וואָלקן רויך.

די רויטע אַרמייער, וואָס זיינען אַפּגעגאַנגען אין געפֿאַנגענ־שאַפֿט צום שונא, האָבן מיטגענומען מיט זיך דעם אַנבליק פֿון דער ווייסער באָרד, וואָס זייערע אויגן זיינען ביז צום לעצטן אָפּגאַנג געווען צוגעהעקלט צו איר, האָבן געזוכט אין איר טרייסט און האָפֿענונג, מוטיקייט אויף אויסצוהאַלטן די שווערע, ביטערע צייט, וואָס שטייט זיי פֿאָר. און זיי האָבן געפֿאָכעט דורכן פֿענצטערל צו די געפּייניקטע מענטשן, ווי זיי זיינען פֿאַרבייגעפֿאָרן, מיט די הענט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט צו זיי זאָגן: „האַלט־אויס, ברידער, האַלט־אויס, מיר קומען צוריק!“

און זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך דעם לעצטן אַנבליק פֿון דער ווייסער באָרד, וואָס האָט, דאַכט זיך, געוואונקען צו זיי פֿון דער וויטנס: „פֿאַר אונדזער פֿאָטערלאַנד!“ — האָט די ווייסע באָרד פֿון דעם פּויער סטעפֿאַן צו זיי צוריקגערופֿן.

נאָר שמואל חיימאָוויטש צאַצקין האָט שוין מער ניט גע־קאָנט רוען. ווי אַזוי קאָן ער אַוועקגיין אין געפֿאַנגענשאַפֿט און איבערלאָזן אַלצדינג, וואָס עס איז געווען, אין דער סכּנה אונטער־צוגיין. די פּאַגראָמען, וואָס זיין פֿאָטער האָט איבערגעלעבט אונטער דעם צאַרישן רעזשים, זיינען שוין ניט געווען מער פֿאַר אים קיין געשעעניש פֿון פֿאַר־היסטאָרישע צייטן; זיי זיינען גע־וואָרן פֿאַר אים אַ רעאַלע זאַך פֿון היינט, פֿון איצט.

אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט ביז איצט באַטראַכט פֿאַר זיינס, פֿאַר אייגנס, וואָס קיינער קאָן דאָס ביי אים נישט פֿאַרנעמען — די ערד, אויף וועלכער ער טרעט, דער הימל איבער זיין קאָפּ, זיין שותּפֿות מיט די פֿיל מיליאָנען זיינע מיט־מענטשן, וואָס

שטעלן פֿאַר מיט זיך די פֿעלקער פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד; זיין טייל, וואָס ער האָט מיט אַלעמען אין פֿאָטערלאַנד, אין דער סאָוועטישער קולטור, אין דער סאָוועטישער אינדוסטריע, אין דעם גאַנצן בנין פֿון פֿינף־און־צוואַנציק יאָר סאָוועטישן שאַפֿן — אַלץ, וואָס איז ביז איצט געווען זיינס און וואָס ער איז געווען אַ טייל דערפֿון, אַלץ האָט אָנגעהויבן זינקען אונטער די פֿיס. ער ווערט ווידער היימלאָז, נאַקעט, געהער מער קיינעם ניט, שטויב־און־מיסט פֿאַר די פֿיס פֿון די נאַצישע רוצחים. וואָס טויג אים אַזאַ לעבן? צו וואָס זאָל ער אָפּראַטעווען זיין לעבן אין גע־פֿאַנגענשאַפֿט ביים שונא? אַז סאָוועט־רוסלאַנד גייט־אונטער מיט אַלץ, וואָס זי שטעלט פֿאָר, צו וואָס טויג אים דאָס לעבן?

ניין, אָט־דאָ מוז ער איבערלאָזן זיין לעבן, אַזוי ווי די אַנדערע חברים אויפֿן פֿעלד, וואָס זיינען געפֿאַלן פֿון די נאַצישע קוילן. פֿאַרוואָס האָבן אים די נאַצישע קוילן אויסגעמיטן? פֿאַרוואָס? אַז ער זאָל קאָנען גיין צו די פֿאַשיסטן אין גלות און זיין אַ שקלאַף ביי זיי? ניין. אויב די נאַצישע קוילן האָבן אים אויס־געמיטן, איז דאָ אַ זין דערביי: ער מוז מיט זיין געראַטעוועטן לעבן אַ נוצן ברענגען דעם פֿאָטערלאַנד, אַנישט לוינט זיך נישט וייטער צו לעבן.

שמואל חיימאָוויטש צאַצקין איז געווען אַ צעבאַלעוועט קינד פֿון דעם סאָוועטישן רעזשים. אַלץ איז אים אָנגעקומען אויף אַ נאַטירלעכן שטייגער. ער האָט נישט געליטן ווי אַ ייד, ער האָט קיין פּראָבלעמען נישט געהאַט. אַלץ איז געגאַנגען גלאַ־טיק, פֿאַרשטענדלעך, אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין. זיינע קינ־דערשע יאָרן, צוערשט אין דער יידישער שול, שפּעטער אין דער טעכנישער שול, וואו ער האָט זיך געלערנט צו זיין אַ מעכאַ־ניקער, זיינע קאָמסאָמאָלישע יאָרן, זיין לערנען־זיך שיסן אויף צו פֿאַרטיידיקן דאָס פֿאָטערלאַנד — אַלץ איז געווען נאַטירלעך. אַלץ איז געגאַנגען פֿאַר אַ גענויען, באַקאַנטן און ווערטפֿולן צוועק, פֿאַר דער ראָדינע, וואָס גיט אים אַלץ. זיין גיין אין

דער רויטער אַרמיי, זיין געפינען זיך אויפן פראָנט — אַלץ איז געווען אויף אַ ברייטן דרך, פאַרשטענדלעך, קלאָר, אָן שום שאלות-און-מענות.

צום ערשטן מאָל איז ער געשטעלט געוואָרן פאַר אַ יידישער פּראָבלעם. זיין לעבן האָט איצט אָנגעהויבן אַרויסשניידן זיך פון דעם אַלגעמיינעם אַרום, וואָס ער איז געווען אין אים אַזוי טיף איינגעוואָרצלט, און איז געוואָרן אַ יחידות, עפּעס פאַר זיך אַליין.

„איך, שמואל חיימאָוויטש, בין אָנגעצייכנט געוואָרן, אַזוי ווי מען צייכנט-אָן אַ שעפּס אין אַ סטאַדע מיט רויטער פאַרב — אָט דעם שעפּס וועט מען אַרויסנעמען צו שעכטן."

און דעם צייכן מיט רויטער פאַרב אויף צו שעכטן האָבן אים געגעבן די פאַשיסטן. ניין, ער האָט נישט קיין רעכט צו ראַטעווען זיין לעבן, צו גיין אין געפאַנגענשאַפט ווי די אַנדערע חברים פון דער רויטער אַרמיי; ער מוז איבערלאָזן זיין לעבן דאָ אויף דער ערד, פאַר דעם קאַמף מיט די נאַצישע רוצחים.

שמואל חיימאָוויטש, דער יונגערמאַן, וואָס האָט פאַרבראַכט זיינע יונגע יאָרן אויף דער פריי, אויף פרייע פעלדער, געגנעב־טיקט מיט סטאַדעס פערד אין סטעפּ און שוין אינגלווייז, ווען ער איז געווען אַ קאָמסאָמאָלעץ, זיך געלערנט שיסן, האָט גע־וואוסט איין זאַך: לעבן טאָר מער נישט אַוועקוואַרפן, לעבן איז אַ טייערע זאַך — און מען באַדאַרף עס אויסטוישן אויף אַן אַנ־דער טייערער זאַך, נישט וואַרפן זיך מיטן קאָפּ אין דער הוילער וואַנט.

שמואל חיימאָוויטש איז אַ קינד פון סאָוועטישן רעזשים, און דער סאָוועטישער רעזשים גיט נישט אַוועק זיינע קינדער ביליק, בחינם. דער סאָוועטישער רעזשים פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל אויפמאָנען אַ טייערן פּרייז פאַר זיין לעבן. דאָס פאַר־לאַנגט פון אים דאָס פאָטערלאַנד, דאָס פאַרלאַנגט פון אים דער פירער פון לאַנד און פון די אַרמייען, חבר סטאַלין.

ער מוז אויסזוכן אַ פּאַסיקע און אַ זיכערע געלעגנהייט.

און ער איז שוין פֿון דענסטמאָל אָן געווען אויף דער וואַך.

ער האָט נאָך קיין פּלאַן נישט געהאַט, אָבער אַ ציל פֿאַר זיך יאָ. דער ציל איז געווען — מיט אַלע מיטלען ארויסמאַכן־זיך פֿון דעם פֿאַרזיגלטן וואַגאָן אויף דער פֿריי, צוריק אין זיין שטעטל, און העלפֿן אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד אין זיין שטעטל. האָט נישט חבר סטאַלין ארויסגעגעבן אַ באַפֿעל צו אָרגאַניזירן אויף יעדן אָרט פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילן? איז עס נישט זיין חוב דאָס צו טאָן?

און ווען דער ציל איז אים קלאָר געוואָרן, אַזוי האָט זיך באַלד געמאַכט די ערשטע געלעגנהייט פֿאַר אַ פּלאַן.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ שווערן קרעכץ געגעבן און זיך אָפּגעזאָגט איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל צו טאָן זיין ארבעט פֿאַרן שונא. ס'איז געווען אַן אַלטער רוסישער לאָקאָמאָטיוו, וואָס מ'האָט געהייצט מיט האָלץ נישט מיט קוילן, און די דייטשן האָבן אים אַזוי אויסגעמוטשעט אויף דער עלטער, אַז ער האָט פּשוט פֿאַרלאָרן די כּוחות. ארומגעשלעפּט פֿון פֿראָנט צו פֿראָנט, איז דער לאָקאָמאָטיוו מיד געוואָרן און האָט געזאָגט: „עד־כּאַן!" — אָפּגעשטעלט זיך, און ווייטער גייט ער נישט; אָפּגעשטעלט זיך אַ צען קילאָמעטער פֿון שטעטל.

צו דער הויפּט־סטאַנציע איז געווען אָן ערך פֿערציק קילאָמעטער. דער דייטשער מאַשיניסט האָט אים געפּרוּווט רירן פֿון אָרט, אָבער מער פֿון קרעכצן, פֿון אָכצן־און־יאָכצן איבער זיין ביטער מזל, וואָס ער האָט געמוזט אויף דער עלטער פֿירן קינדער פֿון דעם לאַנד אין גלות אריין, האָט דער מאַשיניסט פֿון דעם לאָקאָמאָטיוו נישט געקאָנט ארויסבאַקומען.

צווישן די באַוואָפֿנטע וועכטער איז געוואָרן אַ צעמישעניש. דער „אָבערסט", וואָס אונטער זיין קאָמאַנדע האָט זיך געפֿונען דער צוג מיט די געפֿאַנגענע, איז אַרוים פֿון פּאַסאַזשירן־וואַגאָן, איז ארומגעלאָפֿן מיט זיינע באַגלייטער פֿון וואַגאָן צו וואַגאָן,

האָט געגעבן באַפעלן. ער האָט באַפוילן, אַז אַלע געפאַנגענע זאָלן זיך לייגן אויף דער ערד און בלייבן ליגן, ביז וואַנען דער צוג וועט זיך נישט רירן; ווער עס וועט זיך דערוועגן אויפ־צוהויבן זיך פון דער פּאָדלאָגע, דער וועט געשאָסן ווערן אויפן אָרט. און טאַקע גלייך זיינען סאָלדאַטן מיט מאַשין־ביקסן אויס־געשטעלט געוואָרן ביי בײדע זייטן פון יעדן וואַגאָן.

שמואל חיימאָוויטש, ווי ער איז געלעגן אויף דער ערד צווישן זיינע חברים, האָט זיך אָנגערופן אין דער שטיל צו די צוויי־דריי לעבן אים:

— חברים, איר האָט געזען, וואָס די פאַשיסטן טוען מיט אונדזערע לייט אין די היימען. זיי וועלן אונדז נישט בעסער באַהאַנדלען אין געפאַנגענשאַפט. איצט האָבן מיר די געלעגנ־הייט אַרויסצוקריגן זיך אויף דער פריי. לאָמיר זיך לאָזן אין די וועלדער!

— ווי אַזוי וועסטו זיך לאָזן? — האָט אים אַ צווייטער איבערגעהאַקט — מיר זיינען אינמיטן סטעפּ. נישט קיין בוים, נישט קיין קוסט וואו זיך צו באַהאַלטן, זיי וועלן אונדז אוים־שיסן ווי די פייגל.

— נישט דאָ. מיר וועלן וואַרטן, ביז וואַנען זיי וועלן ברענ־גען דעם צוג צוריק קיין בראָדאָווקע, פון וואַנען מיר קומען. צו דער הויפּט־סטאַנציע איז אַ פופציק קילאָמעטער. דאָרט קען איך זיך אויס אין יעדן ווינקל.

— פון וואַנען ווייסטו, צי זיי וועלן אים ברענגען קיין בראָ־דאָווקע?

— זיי מוזן. דאָרט איז דער איינציקער און נאָענטסטער פּלאַץ וואו זיי קאָנען דעם לאָקאָמאָטיוו פאַרריכטן.

— שוויגן! — האָט דער אויפזעער פון די באַוואָפנטע באַפוילן.

שמואל חיימאָוויטש האָט שוין געשוויגן.

אין אַנדערע קופּקעס האָט מען שוין אָבער גערעדט: איינער האָט איבערגעגעבן אַ צווייטן, אַז אין בראָדאָווקע וועט עפּעס געשען.

און טאַקע איז אין אַ ווײַלע אַרום אָנגעקומען אַ לאָקאָמאָטיוו פון בראָדאָווקע און האָט צוריקגעשלעפּט דעם צוג צו דער סטאַנציע.

אויף דער סטאַנציע אַליין איז שוין קיין סליאַד נישט געווען פון קיין מענטשן, ווי אויסגעשטאָרבן. נאָר אין אַ ווינקל פון פּראַכט-הויף זײַנען געלעגן צוזאַמענגעוואָרפן, ווי בינטלעך שמאַטעס, די געמאַטערטע ייִדן, באַוואַכט פון באַוואָפנטע, וואָס האָבן געוואַרט, אַז מען זאָל די ייִדן ערגעץ אַוועקפירן.

דערווייל איז אויף דער סטאַנציע אויפגעקומען אַ גרויס געטומלעניש. דער קליינער גאַרניזאָן, וואָס איז געשטאַנען אין שטעטל, איז אַרויסגעקומען צו דער באַן העלפן באַוואַכן די געפאַנגענע רויטע אַרמייער פאַר דער צייט, וואָס דער צוג וועט זיך דאָרט אויפהאַלטן. פיל באַוואָפנטע באַאַמטע, אויפזעער, געשטאַפּאָ-לייט מיט מאַשין-ביקסן האָבן באַזעצט אַלע אַרומגענג; די וואַך איז פאַרטאָפּלט געוואָרן.

פון שמואל חיימאָוויטשעס פּלאַן אַרויסצורופן אַן אויפשטאַנד פון די געפאַנגענע אויף דער סטאַנציע, צו באַפאַלן די פאַשיסטן און זיי אַנטוואָפענען, האָט זיך אַזוי אַרום אויסגעלאָזט אַ בוידעם. עס איז געווען אַ זיכער שפּיל מיטן טויט.

דערווייל זײַנען די געפאַנגענע רויט-אַרמייער, וואָס איינמאָל אַ טאָג האָט מען זיי געפיטערט מיט טרוקענעם, ליימיקן ברויט, געוואָרן אומרואיק פון דאָרשט און הונגער. פון אַלע וואַגאָנען האָט זיך געהערט אַ געשריי: „וואַדו! וואַדו! וואַסער!"

די וועכטער האָבן געסטראַשעט צו שיסן, אָבער דער דאָרשט און דער הונגער זײַנען שטאַרקער געווען פון אַלץ, האָבן בײַגעקומען דעם פּחד פאַרן טויט, פויסטן האָבן געקלאַפּט אין די

פֿאַרהאַקטע טירן, געפּייניקטע שטימעס האָבן געררופֿן: „וואַדו! וואַדו!"

דער אויפֿזעער האָט געהייסן עפֿענען די טיר פֿון יעדן וואַגאָן באַזונדער און אַריינברענגען די דאָרשטיקע געפֿאַנגענע וואַסער, וואָס מען האָט עס צוגעפֿירט אין אַ פֿעסל.

נאָר קוים האָט די טיר זיך אויפֿגעעפֿנט אין דעם וואַגאָן, וואו צאַצקין האָט זיך געפֿונען, אַזוי האָבן די געפֿאַנגענע סאָל־דאַטן אַוועקגעשטעלט זיך אין דער אָפֿענער טיר און געטאָן אָפּן זייערע נאַטירלעכע באַדערפֿענישן. די סאָלדאַטן אין די אַנדערע וואַגאָנען האָבן עס אויך געטאָן אויף אַ העלפֿט נאָר.

עס האָט נישט געהאָלפֿן דאָס אָפּשרעקן מיט די ביקסן; דער נאַטירלעכער דראַנג, וואָס זיי האָבן אים צוריקגעהאַלטן פֿאַר פֿיר־און־צוואַנציק שעה, כּדי נישט אומריין צו מאַכן די וואַגאָנען, האָט יעדע מורא בייגעקומען. די אויפֿזעער זיינען זיך צעלאָפֿן פֿון די טירן, די עלטסטע האָבן אַנגענומען דאָס טועכץ פֿון די געפֿאַנגענע סאָלדאַטן ווי אַ מלחמה־נויט. זיי האָבן דאָס זיך לוסטיק געמאַכט איבער דעם, זיך איבערגעוואָרפֿן מיט גראָבע ווערטער. אַזאַ האַלטונג פֿון די עלטסטע האָט די דיסציפּלין אָביסל לויז געמאַכט. שמואל חיימאָוויטש צאַצקין האָט די מינוט נישט געלאָזט פֿאַרבייגיין אומזיסט.

ער האָט דערזען אויף אַ צווייטער רעלסן־ליניע אַ גראָבן, האַלב פֿאַרשטעלט פֿון אַ וואַגאָן, וואָס איז געשטאַנען איבער אים. אַ מעכאַניקער האָט זיך געפּאָרעט אונטן איבער אַ ראָד פֿון אַ וואַגאָן. ווען די אָפֿענע טיר אין שמואלס וואַגאָן איז אַ ווײַלע געווען פֿריי פֿון באַוואָפֿנטע, האָט ער, אין אַ פּאָזע, ווי ביים טאָן זיינע נאַטירלעכע פֿונקציעס, מיטן בליץ פֿון אויג געגעבן אַ שפּרונג אַריין אין דעם גראָבן, זיך געוואָרפֿן ווי אַ חיה פֿון הינטן אַרום אויפֿן שלאָסער. איידער יענער האָט נאָך געקענט אַ פּיפּס פֿון מויל אַרויסגעבן, האָט אים שוין צאַצקין

געהאַלטן מיט זיינע שטאַרקע ביינערדיקע הענט אַרום האַלדז און אים געדושעט.

„אַ דייטש, צי אַ אייגענער, נאָר ער דינט די דייטשן, איז וואָס איז דער חילוק?" — איז דער געדאַנק אַדורכגעלאָפֿן דורך צאַצקינס קאָפּ. און אפֿשר האָט ער, אין זיין מענטשלעך־היהשער נאַטור, וואָס די מלחמה האָט האַרט געמאַכט, שוין גאָרנישט געפֿילט, אַז ער דערשטיקט אַ מענטשן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער אים שוין אַוועקגעוואָרפֿן אין אַ ווינקל, פֿאַרשטעלט אים מיט סמאָלע־קאַנען און שמאַטעס, וואָס זיינען געלעגן אין גראָבן. אין די אייגענע זעלנערישע בגדים, אויפֿן קאָפּ דעם דייטשס היטל מיט דער קאָקאַרדע, אין זיין פֿאַרשמירטן ראָק און מיטן שטאָלענעם שרויפֿשטיק גענומען זיך פּאָרען אַרום דעם קאַליע־געוואָרענעם ראָד.

באַלד האָט שמואל געהערט קאָמאַנדע־אויסגעשרייען, אַ פֿאַרהאַקן פֿון טירן. דער לאַנגער פֿראַכט־צוג, צוגעטשעפּעט צו אַן אַנדער לאָקאָמאָטיוו, האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין ברייטן פֿעלד אין דער נאַכט אַריין.

די באַן־סטאַנציע האָט אָנגעהויבן זיך אויסליידיקן. דער אָרטיקער גאַרניזאָן איז צוריקגעגאַנגען אין שטאָט אַריין.

די נאַכט האָט אָנגעהויבן זיך צורוקן. דאָס פּנים און די הענט אויסגעשמירט אין סמאָלע און דזשעגעכץ, מיט אַ קוי־טיקן ראָק, מיט אַ קאָקאַרדע היטל פֿון אַ דייטשן באַן־אַרבע־טער און מיטן שטאָלענעם שרויפֿשטיק אויף אַלע אופֿנים אין דער האַנט, האָט צאַצקין געשפּרייזט דורך אונטערוועגן, וואָס ער האָט אַזוי גוט געקענט, פֿון דער סטאַנציע אין שטעטל אַריין.

ער האָט מער נישט געפֿינען דאָס שטעטל. די יידישע היי־זער און דער מאַרק זיינען אָפּגעווישט געוואָרן. ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ גראָבן אָפּצואוואַרטן ביז עס וועט גוט פֿינצטער ווערן.

מיט דער נאַכט האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט ווייטער דורך הינטער־וועגן, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ פּלויט, וואָס ער האָט אים אויך גוט געקענט. ער האָט אויסגעזוכט פֿאַר זיך אַ פּלאַץ, פֿון וואַנען ער האָט געקאָנט זען, נאָר אים האָט מען פֿון דאָרט נישט געקאָנט אַרויסזען. ער האָט גענומען אַ פּאָר קליינע שטיינדלעך פֿון דער ערד און זיי אַריבערגעוואָרפֿן אַריבער דעם פּלויט אין די פֿינצטערע, האַלב־אויסגעהאַקטע שויבן, פֿון אַ קליין הילצערן שטיבל.

צווערשט האָט קיין פּיפּס זיך נישט געהערט פֿון דער פֿינצ־טערניש אַרויס. שמואל האָט אָבער גוט באַמערקט אַ דינעם שטראַל ליכט, וואָס איז אַרויסגעקומען פֿון אַ צינד־העלצל אין דער טיפֿעניש פֿון דער פֿינצטערער שטוב. ער האָט גענומען אַ גרעסער שטיינדל און אַריינגעוואָרפֿן אין אויסגעהאַקטן פֿענצ־טער. ער האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, אַז מען זאָל אים נישט זען, און אָפּגעוואַרט. דאָס מאָל האָט אַ ווייסע באָרד אַ שיין געגעבן, ווי אַ פֿלאַם ליכט אין דער טונקלקייט. מיט איין שפּרונג איז צאַצקין געווען אויף יענער זייט פּלויט און גע־שטאַנען פֿאַר דעם אַלטן פּויער, וואָס האָט געהאַט אַ פֿאַר־בונדענעם קאָפּ.

— ווער ביסטו? — האָט דער אַלטער געפֿרעגט דער־שראָקן, נישט מיט אַ הויך קול.

— שווייג! — האָט אים צאַצקין פֿאַרמאַכט דאָס מויל — ביסט אַליין אין שטוב? איך בין צאַצקין, היינט אַדורכגעפֿאָרן דורך דער שטאָט, דערזען דיך.

— צאַצקין! און דער אַלטער האָט אים געגעבן אַ כאַפּ ביי דער האַנט — קום פֿון דאַנען, אין שטוב געפֿינט זיך דער פֿאַרשאָלטענער דייטש.

דער אַלטער האָט אים פֿאַרשלעפּט אין שטאַל אַריין.

— ווי אַזוי קומסטו אַהער?

— געשיקט פֿון חבר סטאַלין — צו אָרגאַניזירן אַ פּאַר־טיזאַנישן אָטריאַד. איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר זיין דער ערשטער העלפֿער. וויפֿיל האָסטו דאָרטן נאַצים?

— צוויי.

— וואָס טוען זיי?

— זיי טרינקען. האָבן אַריינגעבראַכט אַ דיעווקע און שפּילן זיך מיט איר.

— גוט. מיר באַדאַרפֿן טאַקע צוויי ביקסן. אָן אַ ביקס וועסטו גאָרנישט אָנהויבן.

דער אַלטער האָט געשוויגן אַ ווײַלע. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— ווילסטו גאָרנישט וויסן וואָס זיי האָבן געטאָן מיט דייניקע? זיי האָבן געמאַכט אַ חורבן אין שטאָט — און דווקא מיט דיינע.

— וואָס איז דער חילוק, מיינע אָדער דיינע? מיר זיינען אַלע איינס. און דיר האָבן זיי ווייניק געטאָן? איך זע דאָך, האָסט אַ פֿאַרבונדענעם קאָפּ.

— יאָ, אָבער נישט אַזוי ווי דיינע. זיי האָבן די יידישע מוטערס, וואָס האָבן זין אין דער אַרמיי, די ברוסטן אָפּגע־שניטן. איידער...

— און מיין מוטער? — קאָן זיך צאַצקין נישט איינהאַלטן נישט צו פֿרעגן.

— אויך — זאָגט דער אַלטער.

צאַצקין שווייגט אַ ווײַלע.

— וואָס איז דער חילוק — זאָגט ער באַלד — מיין מוטער, דיין מוטער? אַלע מוטערס זיינען איינס. האָב איך דען נישט געזען, ווי זיי האָבן דיך געשלאָגן היינט?

— יאָ, אָבער נישט ווי דיינע. זיי האָבן דיין טאַטן...

צאַצקין האָט אים נישט געלאָזן ענדיקן:

— מען באַדאַרף זיך נעמען צו דער אַרבעט. צוליב דעם בין איך געקומען. אָבער זאָג מיר נאָר איינס: זיינען געווען אויך אונדזערע צווישן זיי, וואָס האָבן געפּייניקט?

— ניין. דאַנקען גאָט, נישט אונדזערע. אַלע פרעמדע געווען, אַחוץ איינער.

— ווער?

— קאָזלענקאָ. יאָ, ער האָט דיין כּלה די סימכאָוויטש, און איר גאַנצע משפּחה...

— געהערט געגנוג — רייסט אים איבער צאַצקין. — מיר באַדאַרפן צוגיין גלייך צום ענין. וויפיל, מיינסטו, קאָנען מיר האָבן לייט אין שטאָט?

— יאָ, לייט זיינען דאָ גענוג, וואָס וואָלטן געגאַנגען. עס איז קיינער נישטאָ, וואָס זאָל זיי צוזאַמענגעמען. ווייטער האָבן זיי מורא פאַר קאָזלענקאָן.

— נו, מיט קאָזלענקאָן וועט מען באַדאַרפן זיך אָפּרעכע־נען, איידער מען פאַרלאָזט דאָס אָרט. דו זאָגסט צוויי נאַצים זיינען אינעווייניק? מיט איין דיעווקע? ווער איז זי, אַ היימישע?

— קאָזלענקאָס אַ שוועסטער.

— וואו האָבן זיי די ביקסן?

— מיט זיך.

— נו, וועט מען באַדאַרפן קלערן אַן עצה. היינט אין אָוונט וועט עס באַדאַרפן געשען. מאָרגן וועלן זיי געפינען דעם דייטשן מאַשיניסט און אַנהויבן זוכן אין שטאָט. אין די קראַזאָווקער וועלדער מוז זיך געפינען אונדזער פּאָסטן. וויפיל, זאָגסטו, זיי־נען דאָ נאַצים דרינען ביי דיר?

— צוויי, האָב איך דיר געזאָגט.

— צוויי איז גוט. איינעם וועט מען באַדאַרפן אַרויסקריגן אַהער. מען וועט עס באַדאַרפן מאַכן שטיל, אַן גערודער. גיי

אריין און רוף אַרויס די דיעווקע, קאָזלענקאָס שוועסטער. זאָג איר, אַז איר ברודער שטייט אין דרויסן, ווייל איר עפּעס זאָגן. נאָר מאַך עס קלוג, מען זאָל גאָרנישט אָנזען.

— מירן שוין מאַכן.

צאַצקין האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל, באַהאַלטן אין שאָטן פֿון דער נאַכט מיטן שרויפֿשטיק אין דער האַנט.

באַלד האָט אויף דער שוועל פֿון שטיבל זיך באַוויזן אַ צע־יושעטע מויד, מיט אַן אויפֿגעריסענער קאָפֿטע, מיט צעוואָר־פֿענע האָר, און האָט גערופֿן מיט אַ שיכּור־לוסטיקער שטימע:

— וואו ביסטו, אַנטאָן?

נאָר איידער זי האָט נאָך צייט געהאַט צו ענדיקן, האָט אַ האַנט זי געגעבן אַ שלעפּ צו זיך, אַ צווייטע האַנט האָט איר פֿאַרשטופּט דאָס מויל. אַ שטאָלענער שטאַנג האָט אויפֿגעבליצט פֿאַר אירע צעשראָקענע אויגן.

— ווי הייסט דיין פֿריינט דרינען? — האָט אַ שטימע געפֿרעגט.

— וועלכער?

— איינער פֿון זיי.

— הערמאַן.

— רוף הערמאַנען. אָבער ניט מיט אַ קוויטש, נאָר זינגג־דיק, ווי דו וואָלסט גערעדט צו אים אינעווייניק אין שטוב — האָט איר צאַצקין באַפֿוילן, האַלטנדיק דעם שטאָלענעם שטאַנג פֿאַר אירע אויגן.

— הערמאַן, הערמאַן, קאָמען זי...

הערמאַן האָט אינעווייניק דערהערט די זינגנדיקע שטימע און איז אַרויסגעגאַנגען צו איר אַן דער ביקס. דער צווייטער פֿריינט האָט געוואָלט נאָכקומען, נאָר ביי דער טיר האָט איר פֿאַרהאַלטן דער אַלטער סטעפּאַן:

— האָסט מיך געפֿרעגט אויף וואָדקע פֿריער, ווילסטו וואָדקע?

— וואָדקע? יאַ, וואָדקע. שנאַפּס — יאַ — האָט דער דייטש געזאָגט אויפגעלייגט און איז נאָכגעגאַנגען דעם אַלטן.

— וואו ביסטו דען, יאַדוויגאַ? — האָט דערווייל הערמאַן געפרעגט — איך זע דיך ניט.

דערפאַר האָט ער דערזען אַ פייער אין די אויגן: אַ שטאַ־לענער שטאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער זיין קאָפּ מיטן גאַנצן כּוח, וואָס די פּוריע פון אַ האַרץ, אָנגעזעטיקט מיט פּיין, האָט נאָר געקאָנט דערלאַנגען.

אין אַ מינוט אַרום האָט שוין צאַצקין געהאַט דעם יעפ־רעיטאָר הערמאַנס רעוואָלווער מיט זיינע קוילן.

— איצט קום מיט מיר, דו שיינע — זאָגט צאַצקין צו דער מויד — רוף דיין צווייטן פריינט. נאָר דו זאָלסט עס מאַכן אַזוי ווי דו האָסט עס געמאַכט ס׳ערשטע מאָל, אָן אַ קוויטש, נאָר ווייך, זינגנדיק.

— אַדאָלף, אַדאָלף! — האָט יאַדוויגאַ גערופן.

— וואו זייט איר דען? — האָט דער צווייטער יעפרעיטאָר געפרעגט, זיך אַרומגעקוקט אין דער פינצטער.

דאָס מאָל האָט אים שוין דער אַלטער סטעפאַן דערשטאָכן פון הינטן אַרום, דערשטאָכן מיטן „שטיק" פון זיין אייגענער ביקס, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגן פון דער שטוב.

מיט צוויי ביקסן און קוילן, מיט דייטשע דאָקומענטן ביי זיך, גייען זיי, צאַצקין און דער אַלטער סטעפאַן, אין דער פינצ־טער, שלעפּן זיך פון הייזל צו הייזל, שלעפּן די נקבה מיט זיך ביז זיי קומען אָן פאַר קאָזלענקאָס כאַלופּע.

— איצט וועסטו, יאַדוויגאַ, אַרויסרופן דיין אייגענעם ברו־דער, נאָר דו מוזט עס ווידער מאַכן מיט אַ זינגנדיקער שטימע, פאַרשטאַנען?

— אַנטאָן, אַנטאָן, קום נאָר אַרויס — האָט די שוועסטער שוואַך אַריינגערעדט אין די באַלויכטענע שויבן פון שטיבל.

— העכער! האָט צאַצקין, מיט דער ביקס אָנגעשטעלט, געמורמלט.

— אַנטאָן, אַנטאָן!

אַנטאָן איז אַרויסגעקומען, אָן אַ ראָק, אויפֿן קול פֿון דער שוועסטער.

אים האָבן שוין צאַצקין און סטעפֿאַן אָנגענומען ביי די הענט.

— האָב ניט קיין מורא, מיר ווען דיר גאָרניט טאָן — האָט צאַצקין געזאָגט צו דעם ציטערדיקן און פֿלאַטערדיקן הויכן יונג. — האָסט אימיצן אין דרינען?

— ניין.

— גיי מאַך עס זיכער — האָט צאַצקין זיך געווענדט צו סטעפֿאַנען.

— קיינער ניטאָ.

— מיר ווילן ביי דיר אַ קליינע פֿאַרזאַמלונג פֿאַררופֿן. ביי דיר איז עס זיכערער ווי ערגעץ אַנדערש. מיר ווילן, אַז דו זאָלסט אונדז העלפֿן. דיין שוועסטער העלפֿט אונדז. אַן אָפּטייל פֿון אונדזערע האָבן זיך אַדורכגעריסן דורכן פֿראָנט, פֿאַרשטייסט! זיי שטייען שוין הינטער מאַרעדאָווקע. מיר קאָנען זיי דערוואַרטן אין אַ טאָג אָדער צוויי — האָט אים צאַצקין אָנגעשראָקן. — ווען דו וועסט גוטמאַכן, וואָס דו האָסט ביז איצט שלעכט געמאַכט, וועל איך פֿאַר דיר אַ גוט וואָרט אַריינוואַרפֿן, אַזוי אויך פֿאַר דיין שוועסטער — זאָגט צאַצקין צום פֿאַררעטער קאָזלענקאָ. — מען וועט דיר דאָס לעבן שענקען, נאָר דו באַדאַרפֿסט ווייזן, וואָס דו קאָנסט איצט טאָן.

— ברודער טאָוואַרישטש, איך וועל אַלץ טאָן, איך וועל אַלץ טאָן. איך ווייס, וואו די דייטשן האַלטן אַ מאַגאַזין מיט האַנט-גראַנאַטן. איך וועל פֿאַר אייך אַלץ טאָן — האָט דער פֿאַררעטער געשטאַמלט פֿאַר שרעק פֿון טויט וואָס ער האָט געזען פֿאַר זיינע אויגן.

— מיר וועלן זען, מיר וועלן זען — זאָגט צאַצקין. — און איצט, ברודער סטעפּאַן, גיי רוף צונויף די גראַמאַדע, וויפּיל נאָר דו וועסט קאָנען. ברענג זיי אין דער כאַלופּע צו קאַזלענקאָן, ביי אים איז זיכער, נאָר מאַך עס אין דער שטיל. טאָווארישטש קאַזלענקאָ וועט אונדז העלפן. ניט אמת, קאַזלענקאָ?

דעם ברודער מיט דער שוועסטער האָט צאַצקין פּאַררוקט אין אַ ווינקל פון דער כאַלופּע און אַליין אַוועקגעשטעלט זיך מיט דער ביקס זיי היטן.

סטעפּאַן סאַבורא איז געקראָכן אויף אַלע פיר צו שכנים, האָט אָנגעקלאַפּט אין טירן, גערופן דורך פענצטער. אין אַ האַל-בער שעה אַרום איז שוין קאַזלענקאָס כאַלופּע געווען פול מיט שכנים. עס איז געווען דאָרט דער קצב מאַטעוויטש, דער וואָגנ-מאַכער שאַשניקאָוו מיט זיין ווייב, אַ כוואַטסקע ווייבל אין אַ פּאָר הויכע שטיוול, און צעלונאָוו מיכאיל אַסופאָוו, אַ פּויער אַ ריז, וואָס קיין הונגער, קיין שלעק, קיין שקלאַפן-אַרבעט, וואָס די דייטשן האָבן אים דערצו געפּייניקט, האָבן ניט געקאָנט זיין אייזן-געגאָסענעם קערפּער מיט די שטאַרקע הענט בויגן. נאָך אַ פּאָר אַנדערע זיינען געקומען אין קאַזלענקאָס כאַלופּע.

— חברים — האָט צאַצקין אָנגעהויבן — דער קאָמאַנדיר חבר סטאַלין האָט מיך געשיקט צו אייך צו אָרגאַניזירן אַ פּאַרטי-זאַנישן אָטריאַד. אויף אַלע ערטער אָרגאַניזירן אונדזערע לייט פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, באַמעכטיקן דעם שונא און נעמען אַוועק זיין באַוואָפענונג, לאָזן זיך אין די וועלדער און שינדן די הויט פון די פאַשיסטישע הינט, צינדן אונטער סקלאַדן, צעשרויפן באַ-נען, רייסן-אויף בריקן, האַלטן אָפּ דעם גאַנג פון די נאַצישע בעסטיעס צו אונדזערע פראָנטן. דאָס אייגענע מוזן מיר טאָן דאָ, ביי אונדז אין בראַדאָווקע. מיר מוזן קריגן וואָפן, מיר מוזן זיך לאָזן אין די בראַדאָווקער וועלדער. אונדזערע רייסן זיך איצט אַדורך דעם פאַשיסטישן פראָנט, מיר מוזן זיי העלפן.

די ווערטער זיינען געפֿאַלן צווישן די אויסגעמאַטערטע פּויערים ווי דערקוויקנדיקער טוי אויף אויסגעדאַרשטער ערד, אויגן האָבן אָנגעהויבן זיך צינדן און שיינען אין דער פֿינצטער.

— יאָ, שוין לאַנג צייט געווען. אָבער וואו נעמט מען וואָפֿן? מיט ליידיקע הענט ווערסטו גאָרניט מאַכן — רופֿט זיך אָן מיכאַיל אָסופּאָוו — גיב מיר אַ ביקס און איך וועל זיך וואַרפֿן אויף די כאַליערעס, וואָס האָבן אַ זאַראַזע געבראַכט אויף אונדז.

— אין דעם וועט אונדז „טאָוואַרישטש" קאָזלענקאָ העלפֿן. ניט אַזוי?—ווענדט זיך צאַצקין צו קאָזלענקאָן, וועלכער באַהאַלט זיך בשעת-מעשה, בויגט דעם פּרצוף אַוועק פֿון די ניט-גוטע בליקן, וואָס פֿאַלן אויף אים — ער ווייס, וואו די דייטשן האַלטן אַ מאַגאַזין פֿון האַנט-גראַנאַטן. האַנט-גראַנאַטן קאָנען אונדז זייער צונוץ קומען. מיר וועלן אים דערפֿאַר שענקען דאָס לעבן — איך האָב עס אים צוגעזאָגט — ווען אונדזערע רויט-אַרמייער וועלן זיך אַריינכאַפּן אין שטאָט אַריין אין אַ טאָג אָדער צוויי.

— יאָ, חברים, איך האָב געזינדיקט, בין שוואַך געווען, האָב ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן די נויט, זייט מיר מוחל! — פּוי-זעט קאָזלענקאָ און וואַרפֿט זיך צו דער ערד — שלאָגט מיך, טוט מיט מיר וואָס איר ווילט, איך האָב עס פֿאַרדינט.

— מיר וועלן דיר גאָרנישט טאָן. דו באַווייז אונדז נאָר ווי אַזוי מיר קאָנען פֿאַרנעמען דעם מאַגאַזין מיט אַמוניציע, וועלן מיר דיר אַלץ שענקען. — און צאַצקין שטעלט אים אויף פֿון דער ערד אויף זיינע פֿיס, וואָס ציטערן, ברעכן זיך אונ-טער אים.

— יאָ, איך וועל אייך ווייזן, נאָר עס איז אַ שווערער ענין. דער מאַגאַזין געפֿינט זיך ניט ווייט פֿון דער מיליטער-וואַך, אין דעם אַלטן ראָט-הויז. עס איז אָן אַלטער, געמויער-טער שפּייכלער. ער ווערט שטענדיק באַוואַכט. אָבער איידער מען קומט צו צו אים, אויף אַ טריט פֿערציק, הינטער דער

בודקע, וואו די פייער-לעשער פלעגן זיין, איז פאַראַן אַ מאַשין-ביקס פאַסטן. אַ זעלנער שטייט דאָרט טאָג און נאַכט און היט דעם וועג, וואָס פירט צום מאַגאַזין.

— נו, דעם זעלנער וועל איך אויף זיך נעמען. יאַדוויגאַ וועט מיר צוהעלפן צו באַמערכטיקן דעם נאַצישן שיסער. איאַ, יאַדוויגאַ? — פרעגט צאַצקין ביי דער צעטראַגענער שיקסע.

— און „טאָוואַרישטש" קאָזלענקאָ וועט אייך העלפן באַמערכטיקן דעם היטער ביי דער טיר פון מאַגאַזין. דאָס איבעריקע וועט איר שוין אַליין וויסן ווי צו טאָן.

— ווי אַזוי? — פרעגן ברודער-און-שוועסטער אויף אַמאָל מיט שרעק.

— מיר וועלן שוין אייך ווייזן וואָס צו טאָן. נו, חברים, קומט, קיין סך צייט איז ניטאָ צו פאַרלירן.

צאַצקין האָט גענומען די שיקסע יאַדוויגאַ ביי דער האַנט, סטעפאַן — דעם ברודער אירן.

מיט די פויערים הינטער זיי, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין איינציקווייז, שלעפנדיק זיך פון פלויט צו פלויט, ביז זיי זיינען דערגאַנגען צו דעם, וואָס איז אַמאָל געווען דער מאַרק פון שטעטל.

אַלע הייזער אַרום מאַרק זיינען געשטאַנען ווי מצבות. די שוואַרצע קוימנס פון די אָפּגעברענטע חורבות האָבן געגלאָצט צו דעם באַשטערנטן הימל. נאָר איין-און-איינציק הויז איז באַלויכטן געווען. דאָס איז געווען דאָס אַמאָליקע ראַט-הויז, וואו עס איז איינגעשטאַנען די וואַך און די קאָמאַנדע פון שטאָט. אַלץ אַרום איז געלעגן איינגעוויקלט אין שטאָק-פינצטערניש.

אַז זיי זיינען אָנגעקומען נאָענט צו דער בודקע, וואו עס פלעגט זיך אַמאָל אויפהאַלטן דער וואַכמאַן פון די פייער-לעשער,

האָט צאַצקין געגעבן אַ צייכן צו בלייבן שטיין. ער אַליין האָט גענומען די שיקסע יאַדוויגאַ, און געקראָכן אויפֿן בויך, האַלטנ־דיק זי, אונטער דעם באַיאָנעט פֿון זיין ביקס, נאָענט צו זיך. ער האָט איר געררומט אויפֿן אויער:

— איצט מיין שיינע, באַווייז וואָס דו קאָנסט. רוף אים, זאָג אים, אַז דו ביסט געקומען זיך שפּילן מיט אים. טאָמער וועט ער דיך וועלן שיסן, זאָג אים: „שיס ניט, זעלנערל, איך ביז געקומען זיך שפּילן מיט דיר.״ נאָר אַזוי זיס ווי דו קענסט עס.

— איך האָב מורא. ער האָט אַ באַפֿעל צו שיסן יעדערן, וואָס באַווייזט זיך נאָענט.

— דאָס ווענדט זיך ווי זיס דיין שטימע וועט זיין און ווי גוט דו וועסט אים רייצן מיט דיין פּנימל. דו קענסט עס דאָך מאַכן גאָר פֿיין, יאַדוויגאַ. נו, טו וואָס מען הייסט דיר, און ווייס, אַז ביי דער קלענסטער באַוועגונג שיס איך דיר אריין אַ קויל אין סאַמע הינטן — זאָגט צו איר צאַצקין.

די שיקסע האָט געפּויזעט אויף אַלע פֿיר, ביז זי איז צוגעקומען נאָענט צום ביידל; צאַצקין — נאָך איר. זי איז מיט אַמאָל אויפֿגעשוואומען פֿאַר דעם האַלב־פֿאַרשלאָפֿענעם, האַלב־געפֿרוירענעם נאַצישן שיסער ביי דעם מאַשין־ביקס.

— האַלט! ווער איז דאָרטן? — האָט דער נאַצישער סאָלדאַט זיך אויפֿגעכאַפּט און אויסגעשטרעקט צו איר דעם רעוואָלווער.

— שיס ניט, האָלובטשיק, איך בין געקומען זיך שפּילן מיט דיר.

נאָך איידער דער נאַצישער שיסער האָט נאָך צייט גע־האַט איר אַ וואָרט אָפּצוענטפֿערן אָדער אויסצושיסן פֿון זיין רעוואָלווער אין איר נאַקעטער ברוסט, וואָס האָט אים אין דעם ליכט פֿון די שטערן אַ פֿינקל געגעבן פֿאַר די אויגן, האָט

אַ הייסער עראַטישער פֿונק זיך אַ צונד געטאָן אין אים און כּחרף־עין געליימט די איינגעמושטירטע דיסציפּלין אין אים. אָט־די רגע פֿון שוואַכקייט האָט צאַצקין אויסגענוצט: מיט איין וואָרף האָט ער שוין געהאַלטן די בלאַנק פֿון זיין באַיאָנעט טיף אין דעם האַלדז פֿון דעם נאַצישן סאָלדאַט און פֿאַרענ־דיקט אים נאָך איידער יענער האָט צייט געהאַט אַ קוויטש צו געבן.

אין דער צווייטער מינוט איז צאַצקין שוין געווען ביים קאַנאָן און האָט אים געגעבן אַ דריי־אום צו דער זייט פֿון דעם באַלויכטענעם הויז.

— גוט געמאַכט, יאַדוויגאַ, גוט געמאַכט! נו, איצט שטעק אַרוים דעם קאָפּ פֿון דער בודקע און ווינק מיט דער האַנט צו די אַנדערע, נאָר גיי ניט צו־ווייט, אַז מיין קויל זאָל דיך ניט זוכן — זאָגט צאַצקין און פֿאַרלאָזט שוין ניט אויף קיין רגע זיין פּאָזיציע ביים מאַשין־ביקס.

סטעפֿאַן האָט זיך באַלד באַוויזן, מיט קאָזלענקאָ, ווי ער וואָלט געווען אָנגעבונדן אָן אים, ביי זיין האַנט.

— נו, איצט פֿאַרנעמט דעם פּאַטרול־זעלנער. יאַדוויגאַ וועט אייך צוהעלפֿן.

— איך האָב מורא — זאָגט די שיקסע, אַ פֿאַרציטערטע פֿון אויפֿרעגונג און שרעק.

— אַז דו מאַכסט עס זים, אַזוי ווי דו קענסט, העלפֿט עס דאָך. האָסט דאָך געזען. נו, גיי, שיינע!

— און וואָס זאָלן מיר טאָן? — פֿרעגט סטעפֿאַן.

— נאָך דעם ווי איר וועט פֿאַרטיק ווערן מיטן נאַצישן הונט, האַקט אויף די טיר פֿון דעם מאַגאַזין, נוצט אָן איי־זערנעם שטאַנג. שטעלט זיך פֿאַר קיין זאַך ניט אָפּ, ביז וואַנען איר וועט פֿאַרכאַפּן דעם מאַגאַזין. נעמט פֿון דאָרט וואָס איר קאָנט נאָר, דער עיקרשט האַנט־גראַנאַטן. דאָס איבעריקע

שיקט אוועק מיטן רויך. מיט אַ האַנט־גראַנאַט אין דעם גאַנצן מאַגאַזין אַריין, און לאָזט זיך ווי שנעל איר קאָנט צום בראַ־דאָווקער וואַלד. דאָרט וועט איר געווים געפינען אַנדערע פּאַר־טיזאַנען־אָטריאַדן, פון מיכאַילאָווסקי, פון אַנדערע שטעטלעך. איר וועט צושטיין צו זיי — און זיי וועלן שוין אייך זאָגן וואָס צו טאָן ווייטער.

— און וואָס וועט זיין מיט דיר?

— איך מוז היטן פון דאַנען די נאַצישע הינט אין דעם וואַך־הויז, אַז זיי זאָלן אייך ניט שטערן אין דער אַרבעט.

— אָבער...

— דאָס איז דער פּלאַן. אַזוי האָט קאָמאַנדיר חבר סטאַלין באַפוילן — לאָזט צאַצקין סטעפּאַנען ניט אויסרעדן. — טו וואָס מען הייסט דיר. זאָג די חברים, די קאָמאַנדע האָב איך דיר איבערגעגעבן, דיר, מיט דער ווייסער באָרד דיינער — זאָגט צאַצקין מיט אַ דינעם שמייכל און גריזט בשעת־מעשה צו דעם מאַשין־ביקס, טוט אָן אויף איר די שנור קוילן, לאָדט זי אָן, ווי ער איז געוואוינט געווען צו טאָן דאָס אויפן פראָנט.

באַלד האָט פון דער זייט פון מאַגאַזין זיך דערהערט אַ קלאַפּ פון העק; און צוגלייך מיט דעם אַ שאָרן, אַ גערודער, אַ געלויף פון דעם באַלויכטענעם וואַך־הויז.

איידער נאָך די נאַצים האָבן זיך אַרומגעזען, פון וואַנען עס איז געקומען דאָס קלאַפּן, ערשט אַ פייערדיקער רעגן פון אייגענעם קאַנאָן האָט זיי געגעבן אַ שפּריץ אין פּנים, האָט געסמאַליעט זייערע לייבער, איז געשטאַנען ווי אַ פייערדיקע וואַנט, וואָס שפּייט מיט פונקען, און האָט זיי נישט צוגעלאָזט צום מאַגאַזין. דער פייערדיקער רעגן איז נאָכגעגאַנגען נאָך זיי, האָט זיך אויסגעבילדעט אין אַ פייערדיקער ראָד און זיי אָפּגעהאַלטן פון דעם אַמוניציע־שפּייכלער.

און באַלד האָט אויך דער הימל אויפגעפלאַקערט און אַ

דונער האָט דערלאַנגט איבער דער שטאָט, וואָס האָט צו וויסן געגעבן, ווי אַ סיגנאַל פֿון הימל, פֿאַר פֿריינט און פֿיינט, אַז די פּאַרטיזאַנען זיינען געקומען קיין בראַדאָווקע.

שמואל חיימאָוויטש צאַצקין האָט געוואוסט, אַז דאָס שטיקל אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן. בראַדאָווקע, זיין בראַדאָווקע, האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן די רייען פֿון די פּאַרטיזאַנען, אין איינעם מיט אַלע אַנדערע שטעט פֿון דעם סאָוועטן-פֿאַרבאַנד, וואָס דער פֿרעכער נאַצישער שונא האָט געוואַגט צו באַשמוצן מיט זיינע אומריינע פֿיס — און שמואל חיימאָוויטש צאַצקין איז געטרייסט געוואָרן.

אונטער אַ פֿלאַמעדיקן הימל פֿון פֿייערן, וואָס האָבן געברענט אויף דער ערד, און פֿון אַ בלוטיקן מאָרגן-שטערן וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן איבער אַ האַלבן האָריזאָנט, האָט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנען — אויף די אַקסלען ביקסן און זעק מיט גראַנאַטן און זעק מיט ברויט — מאַרשירט צו די ברעגן פֿון די געדיכטע בראַדאָווקער וועלדער.

פֿאָראויס איז געגאַנגען אַ ברייטער, פֿירעקעכדיקער פּויער, די פּלייצעס באַהאָנגען מיט אַ מונדיר פֿון אַ נאַצישן סאָלדאַט, אויפֿן אַקסל אַ ביקס, און זיין ווייסע לאַנגע באָרד האָט געשיינט ווי אַ ווייסער הערלעכער שטערן אויף דעם בלוט-רויטן האָריזאָנט.

אויפֿן קויטיקן ברוק-שטיין פֿון בראַדאָווקער מאַרק, אַרומגערינגלט מיט ווענט פֿון חרובע הייזער און שדימדיקע, אָפּשרעקנדיקע קוימענס, אין רויך פֿון טליענדיקער אַמוניציע, איז געלעגן אַ פֿאַרבלוטיקטער, צעטראָטענער קערפּער פֿון אַ יונגן מענטשן. זיין לייב איז געווען אַדורכגעלעכערט, ווי אַ זיפּ, פֿון קוילן. דאָס, וואָס איז אַמאָל געווען אַ פּנים, איז צעטראָטן געוואָרן פֿון נאַצישע אָפּצאַסן. נאָר פֿון בלוט און קויט האָט אַרויסגעשיינט די הערלעכע ווייסקייט פֿון אַ יונגטלעכן קער-

פער, וואָס איז אַנגעקוואָלן געווען פון לעבן און ווילן, און האָט, ווי אַ פאָן, געלעכערט אין פייער פון קאַמף, געמאָנט דרך־ארץ און יראת־הכבוד ביים שונא און פריינט.

דער ווייסער, צעטראָטענער קערפּער פון שמואל חיימאָוויטש צאַצקין האָט אַרויסגערופן שרעק און אַנגסט ביים שונא, האָפענונג, שטאָלץ און מוט ביי פריינט — און געררופן מיט אַלע מיילער פון זיינע וואונדן צו די אייגענע:

„האַלט אויס! מיר קומען!"

טאַלנע וועט לעבן!

דער איין־און־צוואַנציקסטער אינפֿאַנטעריע פּאָלק פֿון דער ערשטער אוקראַנישער ארמיי האָט, ענדלעך, אריינגעמאַר־שירט איבער די שמוציקע לייבער פֿון די טויטע נאַצי־ראַצן אין דעם איינגענומענעם שטעטל טאַלנע.

טאַלנע איז געווען אַ וויכטיקער סטראַטעגישער פּונקט — און די דייטשן האָבן דאָרט ניט איבערגעלאָזט קיין שטיין אויף אַ שטיין. דאָס שטעטל איז געווען איין גרויסע חורבה. שוואַרצע אָפּגעשרפֿעטע קוימענס האָבן אַליין צו וויסן געגעבן, וואו עס איז אַמאָל געווען דער מאַרק, און אַ בארג שטיינער און ציגל וואָס מען האָט זיי דערקענט לויט זייערע באַזונדערע סימנים, איז געווען אַלץ, וואָס די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט פֿון דער צערקווע, וועלכע איז געווען אַ פּילגרים־אָרט פֿאַר דער גאַנצער געגנט. ווי די הייזער אַזוי זיינען אויך געווען די איינוואוינער. קיין לעבעדיקע מענטשן האָט מען ניט געזען, נאָר אַ פּאָר משוגעים, באַוועגלעכע געשטאַלטן אין שמאַטעס, האָבן ווי שאָטנס אַרומגעדרייט זיך אַרום די חורבות.

צוליב דעם הייליקן רבין, וואָס האָט דאָרט אַמאָל גע־וואוינט און פֿאַרשפּרייט זיין תורה, איז דער נאָמען פֿון שטעטל באַקאַנט געווען און דערמאָנט געוואָרן בכל תּפֿוצות ישראל. די יידישע סאָוועטישע יוגנט פֿון שטעטל האָט, אמת, זיך ניט געריסן דעם ספּאָדיק איבער דעם הייליקן רבין, וואָס דאָס שטעטל איז באַרימט צוליב אים אומעטום וואו יידן געפֿינען זיך. דאָך אין גאַנצן גלייכגילטיק איז זי ניט געווען צו דעם, וואָס

האָט געשאַפֿן דעם רום פֿון שטעטל. ווען עס איז אויסגעקומען אַמאָל אויף אַ פֿאַרזאַמלונג צו גרויסן זיך מיט די לאָקאַלע מאָנומענטאַלע אינסטיטוציעס, האָט פֿון דער יידישער סאָוועטיש־דערצויגענער יוגנט ניט איין מאָל זיך אַרויסגעריסן אַ וואָרט פֿון שטאָלצקייט איבער זייער שטעטל, וואָס איז אַזוי באַרימט איבער דער וועלט.

פֿון דעם רבינס הייליקן אוהל אויפֿן אַלטן בית־עלמין האָט דער דייטש קיין זכר ניט איבערגעלאָזט.

קוים האָט דער פֿאָלק זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן אָרט, וואו דער מאַרק איז געווען, און פֿון די קעסלען און די פֿעלד־קיכן איז אויפֿגעגאַנגען אַ פּאַרע, האָבן פֿון אונטער חורבות, פֿון לעכער, פֿון פֿאַרשטעקענישן אָנגעהויבן באַווייזן זיך שאָטנס פֿון מענער, ווייבער און קינדער, וואָס זיינען, ווי אויסגעמוטשעטע ברואים, וואָס מען האָט ערשט באַפֿרייט פֿון פּייניקונגס־קאַמערן, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, מיט פּנימער אין ספּאַזמעדיקן כליפּן, געפֿאַלן אויף די העלדזער פֿון זייערע באַפֿרייער, די רויט־אַרמייער. און אין אויגנבליק זיינען די מיליטערישע און די ציווילע מענטשן אויסגעמישט געוואָרן. מען האָט זיך געהאַלדזט, געקושט און ברודער האָט זיך דערקענט מיט ברודער, מוטערס מיט זין, מאַנען מיט ווייבער... וואָרעם דער אינפֿאַנטעריע־פֿאָלק איז באַשטאַנען ס׳רוב פֿון די יונגע מענטשן פֿון שטעטל. באַלד האָבן זיך אויסגעבילדעט משפּחה־גרופּעס, וואָס האָבן זיך געטיילט מיט זייערע איבערלעבענישן, ווי מיטן לעפֿל־געקעכטס פֿון די פֿעלד־קיכן.

לאַנג האָט דער פֿאָלק ניט געקאָנט בלייבן אין שטעטל: דאָס לאַנד, ווי אַ באַצוואונגענע פֿרוי אין מערדערס אָרעמס, האָט גערופֿן נאָך רעטונג און מען האָט באַדאַרפֿט גיין ווייטער באַפֿרייען אַנדערע ישובים פֿון דעם גזלנס הענט.

דער קאָמענדאַנט האָט איבערגעלאָזט אַ מיליטער־וואַך אין שטעטל און באַפֿוילן זיין פֿאָלק צו מאַכן זיך גרייט צו ציען.

צווישן די, וואָס דער קאָמענדאַנט האָט איבערגעלאָזט אין שטאָט, האָט זיך געפֿונען חיים שאַבאַשניקאָוו, וועלכער איז געווען אַ היימישער בחור, אויסגעקניפּט אין דער געגנט. ער האָט געוואוסט פֿון אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום, האָט אַלעמען געקענט, וואָס צוליב דעם איז ער טאַקע באַשטימט געוואָרן דער שעף פֿון דער וואַך.

באַלד האָבן זיך באַוויזן פּאַר. אים די איינוואוינער פֿון שטעטל. עס איז געווען ווי זיי וואָלטן פֿון אונטער דער ערד אַרויסגעקראָכן. זיי זיינען צוריקגעקומען פֿון די וועלדער, פֿון פֿעלד, פֿון היילן, אַרוים פֿון אונטער שטיינער, וואו זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן דורך דער צייט פֿון דער בהלה. עס איז געווען ווי די ערד וואָלט זיי פֿאַרדעקט, באַשיצט, געהאַלטן אין איר טיפֿעניש, און איצט שפּייט זי זיי אַרוים און שיקט זיי צוריק אין שטעטל אַריין. אַלע זיינען זיי געווען איינגעזעסענע באַקאַנטע, פֿון אַלערליי מלאָכות און פֿאַכן. מענטשן, וואָס מען האָט געהאַט געזאָגט אויף זיי, אַז זיי זיינען שוין פֿון לאַנג טויט, וואָס מען האָט געזען ווי דער דייטש פֿירט זיי אַרוים אין וואַלד אַריין אַן עק צו מאַכן פֿון זיי; אַנדערע, וואָס מען האָט געהאַט געזאָגט אויף זיי, אַז זיי זיינען געהאַנגען געוואָרן, באַגראָבן, דערשאָסן זיינען צוריק אויפֿגעשטאַנען תּחית-המתים. יעדער איינער האָט געהאַט צו דערציילן פֿון אַן אייגענעם וואונדער, וואָס האָט געטראָפֿן מיט אים, ווי אַזוי ער איז ניצול געוואָרן פֿון דער פּעטליע, וואָס איז שוין געוואָרן אַרויפֿגעצויגן אויף זיין האַלדז, איז אַנטלאָפֿן פֿון וועגעטל, צו וועלכן מען האָט אים שוין געהאַט צוגעשטעלט, האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ לאָך, אין אַ גרוב — און אָט זיינען זיי דאָ, אַלע זיינען זיי דאָ, נאָר קיין איין ייד נישט צווישן זיי.

נו, איז דער שאַבאַשניקאָוו שוין געווען אַ יונגערמאַן, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין סאָוועטישן גייסט, און עס איז ניט געווען ביי אים קיין חילוק — ייד אָדער ניט-ייד, דער אָדער

יענער, אַבי ער איז אונדזערער. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיך געפֿרייט און איז גליקלעך געווען מיט יעדן איינעם סאָוועטישן בירגער, וואָס מען האָט אים שוין געהאַט טויט־געזאָגט — און ער איז איצט אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים. נאָר אַ ביסל פֿריקרע איז אים דאָך געווען, און ניט נאָר אַ ביסל פֿריקרע, נאָר טאַקע אַ סך, וואָס קיינער, קיינער פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג, וואָס ער האָט געקענט פֿון קינדוויַיז אָן, וואָס ער האָט געלעבט מיט איר, וואָס ער איז צווישן איר אויפֿגעצויגן געוואָרן — קיינער, קיינער פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג איז ניט אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים, קיינער האָט זיך ניט באַוויזן, ניט זיינע אייגענע פֿאָטער און מוטער, וואָס ער האָט זיי געהאַט איבערגעלאָזט אין שטעטל, ניט זיינע צוויי פֿאַרהייראַטע שוועסטער מיט זייערע קינדערלעך, ניט זיינע פֿעטערס, ניט זיינע חברים, ניט זיין לערער, ניט זיינע פֿריינט, ניט זיינע פֿיינט, קיינער ניט, קיינער ניט! דאָס גאַנצע שטעטל טאַלנע איז טויט!

זיין טאַלנע איז טויט. ער פֿלעגט זיך אַרומדרייען אויף די חורבות, וואו עס איז אַמאָל געווען דער יידישער קוואַרטאַל פֿון טאַלנע, דאָס לאַנגע געסל, וואָס יידן האָבן גערופֿן ביז לעצטנס „דאָס רבנישע געסל”, ווייל דאָרט איז געשטאַנען די שטוב, וואו דער רבי האָט געזאָלט וואוינען, און עס האָט זיך נאָך געפֿונען דאָרט דער בית־מדרש, וואָס חברה האָט געהאַט פֿאַרוואַנדלט אין אַ שלום־עליכם־לייען־קלוב.

ניט די לאַנגע געביידע, אין וועלכער עס האָט זיך געפֿונען די קאָאָפּעראַטיווע באַרשטן־פֿאַבריק, ניט די מיל, אין וועלכער יידישע מילנער האָבן געאַרבעט, ניט די שניידער־וואַרשטאַטן, וואו איבער אַ הונדערט באַלעמלאָכעס האָבן געניית, ניט דער לאַנגער בית־מדרש, אין וועלכן פֿרומע יידן האָבן געדאַוונט, ניט די קינדער־שולן אין דער געביידע פֿון לייען־קלוב און אין דער טעאַטער־געביידע — ניט די געביידעס זיינען חרוב געוואָרן, נאָר דאָס שטעטל איז געווען טויט. קיין איינציקער פֿון די

מענטשן, וואָס ער איז געוואוינט געווען צו באַגעגענען צען מאָל א טאָג, וואָס אָן זיי האָט ער זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן זיין טאָלנע — קיינער האָט זיך פון זיי ניט באַוויזן. עס איז געווען נאָר אַ לאַנג, לאַנג טויט-שווייגן.

בייטאָג, ווי בייטאָג. ער איז פאַרצערט געוואָרן פון דער אַרבעט, האָט קיין מינוט צייט ניט געהאַט צו קלערן עפּעס אַנדערש ווי נאָר וועגן מאַטעריאַלן און וועגן קריגן אַרבעטער אויף אויפצוקלאַפּן צוריק די געביידעס, צו לאָזן צוריק אין גאַנג די מאַשינען פון סאָוועטישן בויענדיקן לעבן, וואָס דאָס לאַנד האָט זיך אַזוי געניטיקט אין דעם. ער האָט געהאַלטן אין איין אַרומלויפן — דאָ באַזאָרגן אַ פאַמיליע מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ, דאָ צוריק איינשטעלן אַ זאַוואָד, דאָ צונויפשלעפּן די נויטיקע מאַשינעריי, דאָ איינצוריכטן אַ בעקעריי, צו באַזאָרגן די באַפעלקערונג מיטן נויטיקן. ווען עס איז אָבער געקומען דער אָוונט, נאָך מער, די נאַכט איז אַ קאָשמאַר געשטאַנען פאַר זיינע אויגן, דער קאָשמאַר פון טויטע. דאָס גאַנצע שטעטל, אַזוי ווי ער האָט עס געקענט, אַלע יידן, אַלע מוטערס, אַלע שיינע מיידלעך, אַלע שול-קינדער, אַלע חברים פון די זאַוואָדן, פון די קלובן, אַלע מיידלעך פון די שפּאַציר-גענג, אַלע קינדער וואָס האָבן זיך געשפּילט אין די גערטנער, אויף די גאַסן — אַלע, אַלע זיינען זיי געווען טויט.

טייל מאָל, האָט ער געהערט שרייען, ברומען, קרעכצן. ער האָט זיך אויפגעריסן ביינאַכט, זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט, צי וועט זיך ניט דערהערן אַ געררויש פון טריט. עס האָט זיך אים אַלץ געדאַכט, אַז די יידישע באַפעלקערונג באַהאַלט זיך אוים ערגעץ אין די וועלדער, אין די שכנותדיקע דערפער, פאַרשטעלט פאַר גויים. באַלד וועלן זיי אָנקומען, ניט איינציקווייז, נאָר אַלע מיט אַמאָל, גאַנץ טאָלנע, אַזוי ווי ער האָט זי געקענט, אַלע מיט די ווייבער, מיט די קינדער, אַלע אין איין האָפקע וועלן זיי אַריינקומען אין שטאָט אַריין: „געהערט, אַז אונדזערע לייט

זיינען דאָ, זיינען מיר צוריקגעקומען — און אָט זיינען מיר דאָ!"

ער האָט געוואוסט, אַז עס איז אַן איינרעדעניש, אַ גוטער וואונטש. ניט איין מאָל, נאָך צענדליקער מאָל האָט ער געהערט מענטשן פֿון טאָלנע אָפּשילדערן ווי די נאַצים האָבן פֿאַרניכטעט די גאַנצע יידישע באַפֿעלקערונג. מען האָט עס אים דערציילט מיט די קלענסטע דעטאַלן. ער האָט זיך ניט באַדאַרפֿט נאָכפֿרעגן. יעדער איינער וואָס איז געקומען צוריק, איז דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערציילט, געווען וועגן דער אויסשלאַכטונג פֿון די יידן: „אָט דאָ, איבער דעם געסל, פֿאַר די פֿענצטער פֿאַרביי האָב איך זיי געזען טרייבן דאָס גאַנצע שטעטל מיט יידן. אָט אַהער, הינטער דעם זאַוואָד, ביים ריוו, אין דעם פֿייכטן טאָל האָט מען זיי אַריינגעטריבן. איך האָב אַליין געזען ווי מען האָט געניים די יונגע און שטאַרקע, אַז זיי זאָלן גראָבן גריבער. און אָט אין דעם ריוו ליגן זיי, דאָס גאַנצע שטעטל, טייל געהרגעט פֿאַרן באַגראָבן, אַנדערע באַגראָבן לעבעדיקערהייט. אַז עס רעגנט און די ערד ווערט דורכגעווייקט, באַווייזט זיך אויף דער אויבערפֿלאַך אַ פֿאַרפֿוילטער גוף, אברים פֿון מענטשן. אַ שרעק דורכצוגיין דאָס אָרט — גאַנץ טאָלנע ליגט אין ריוו".

ניין, ער אַליין איז נאָך ניט דורכגעגאַנגען ס'אָרט וואו די יידישע באַפֿעלקערונג ליגט באַגראָבן. ער מיידט עס אויס, ער וויל עס ניט זען. ער וויל ניט צעשטערן זיין אילוזיע, וואָס פֿליסט פֿון זיין האָפֿענונג, אַז די יידישע באַפֿעלקערונג לעבט; אַלע לעבן זיי, זיי האָבן זיך נאָר ערגעץ־וואו אויסבאַהאַלטן. עס קאָן דאָך ניט זיין, אַז גאַנץ טאָלנע איז טויט. טאָלנע, אַ קלייניקייט — טאָלנע.

און מיט אַמאָל ווערט ביי אים טאָלנע, און דווקא די יידישע טאָלנע, גרויס אין די אויגן. ניט נאָר גרויס נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס די וועלט קאָן גאָר אָן דעם ניט לעבן. אַ קלייניקייט — טאָלנע! ניט נאָר אויף דער נייער טאָלנע איז ער שטאָלץ געוואָרן, אויף דער טאָלנע פֿון דער צוקער־פֿאַבריק, אין וועלכער

עס האָבן העכער צוויי הונדערט אַרבעטער געאַרבעט, פֿון דער גרויסער שניידער־פֿאַבריק, וואו איבער דריי הונדערט און פֿופֿציק אַרבעטער האָבן געאַרבעט, פֿון דער סטאָליערײַ, פֿון די קולטור־אָרגאַניזאַציעס, פֿון דעם שלום־עליכם־קלוב, פֿון דעם טעאַטער, פֿון די שולן, נאָר אויף דער אַלטער טאַלנע, אויף דער טאַלנע פֿון זיינע פֿאָטערס איז ער שטאָלץ געוואָרן. ער איז שטאָלץ געוואָרן אויף דער טאַלנע, וועלכע ער האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט קענען, אויף דער טאַלנע וואָס ער האָט ניט געוואוסט און ניט אינטערעסירט זיך מיט איר, אויף דער אַלטער טאַלנע, וואָס די אַלטע יידן האָבן גערעדט וועגן איר אין זייער בית־מדרש, און די אַלטע ווייבער, אויף דער אַלטער טאַלנע אויף ר' דודל טאַלנער.

ער האָט אַליין ניט באַמערקט ווי ער פֿלעגט אונטערברומען פֿאַר זיך אַ לידל, וואָס ער האָט גאָרניט געוואוסט, אַז ער קען עס, אַזוי ווי ער האָט עס געהערט, דאַכט זיך, אַמאָל אויף אַ חתונה. ווען יונגוואַרג האָט זיך צעהוליעט און געזונגען סאָוועטישע לידער, זיינען דאָרט אין אַ ווינקל געזעסן עטלעכע אַלטע, די מחותנים, האָבן געטרונקען שנאַפּס און געברומט פֿאַר זיך מיט אַ דבקותדיקער שאָקלעניש:

„רב דודל, רב דודל פֿון טאַלנע,
רב דודל, רב דודל פֿון טאַלנע!"

ער געדענקט, ער האָט מיט חברה חוזק געמאַכט פֿון די אַלטע כּלי־קודש, וואָס צעיוכען זיך און צעגיסן זיך איבער אַן אַלטן רבין, וואָס האָט דאָ אַמאָל געוואוינט, און האַלטן אין איין איבערחזרן די איינציקע שורה: „רב דודל, רב דודל פֿון טאַלנע" — צעציען עס ווי לאַקריץ; און בשעת זיי זאָגן אַרוים דאָס וואָרט „רב דודל" פֿאַרמאַכן זיי די אויגן אין דבקות און שאָקלען זיך ווי די משוגעים. און איצט מיט אַמאָל כאַפּט ער זיך אין מיטן דער שווערער אַרבעט ווי עס זינגט זיך אין אים, עס ברומט זיך אין אים דער זעלבער פֿערז מיט דעם זעלבן דבקותדיקן קניײטש:

„רב דודל, רב דודל פֿון טאַלנע!"

וואָס איז מיט אים, איז עס רב דודל אָדער טאַלנע? יאָ, עס איז טאַלנע. אַלץ, וואָס עס איז געווען אין טאַלנע, איז זיינס. עס איז זיין רב דודל, ווי ס'איז זיינע די צוקער־פֿאַבריק, די מיל, די שניידער־פֿאַבריק, די סטאַליאַרניע, דער שלום־עליכם־קלוב, די קינדער־שולן. עס איז זיין טאַלנע, איין טאַלנע, וואָס דער דייטש האָט פֿאַרניכטעט, אויסגעריסן מיטן וואָרצל — און אָט די טאַלנע מוז מען אויפֿלעבן. טאַלנע מוז אויפֿשטיין תחית־המתים, טאַלנע מוז ווערן צוריק טאַלנע, מוז אויפֿלעבן אין גאַנצן ווי זי איז געווען, אַפֿילו מיט רב דודל פֿון טאַלנע. ער איז זיינער, אַזוי ווי דער שלום־עליכם־קלוב.

אָבער ווי אַזוי, אַז קיין איין ייד איז ניט לעבעדיק געבליבן, קיין איין ייד ניט? ווערט טאַלנע טאַקע אויסגעריסן ווערן פֿון דער ערד? ווערט טאַלנע טאַקע אָפּגעווישט ווערן, שוין מער ניט זיין?

עס קאָן דאָך ניט זיין! זי מוז אויפֿלעבן!

די נאַכט ווען חיים שאַבאַשניקאָוו האָט זיך געלייגט אויף זיין האַרטער שלאָף־באַנק, איבער וועלכער ער האָט געהאַט אויסגעשפּרייט זיין רויט־אַרמייאישן מונדיר, האָט ער שוין אין פֿולן באַוואוסטזיין, אָן פֿאַרשעמטקייט, אָן פֿאַרלייקענונג, אָן חרטה געברומט אין זיך:

„רב דודל, רב דודל פֿון טאַלנע!"

און ער האָט געקנייטשט דאָס וואָרט „רב דודל" מיט דער זעלבער דבקות, באַטעמט און באַזיסט, אַזוי ווי די חסידים אויף דער חתונה, וואָס ער האָט זיי געהאַט אַנומעלט געהערט און אָפּגעחוזקט פֿון זייער דבקות און פֿון זייער שאָקלעניש.

איין מאָל ווען חיים שאַבאַשניקאָוו, דער צייטווייליקער קאָמענדאַנט פֿון טאַלנע, איז געזעסן אין דער צוזאַמענגעקלאַפּטער כאַלופּע אויף אַ חורבה אין מיטן מאַרק, וואָס האָט אים געדינט פֿאַר זיין שטאַב־קוואַרטיר, האָט זיך אַריינגעריסן צו אים אַ

מאַן, וואָס פֿון זיין אָנבליק האָט מען ניט געקאָנט וויסן, צי איז ער געווען אַ ייד אָדער ניט. באַוואַקסן מיט גרויע קודלעס, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט זיין גרויער באָרד, מיט רויט־פֿאַרגאָסענע אויגן, מיט אַ צעהאַקטן פּנים, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, מיט אַ ביקס אויף דער פּלייצע, וואָס האָט געגעבן אים צו דערקענען פֿאַר אַ פּאַרטיזאַנער, האָט ער געהאַלטן ביי דער האַנט אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר אַכט־צען. דאָס מיידעלע האָט געקאָנט זיין אי יינגער, אי עלטער: זי איז געווען איינגעשרומפּן אין גאַנצן, ווי אַ שוואָם, מיט צעוואַקסענע און צעלאָזענע, מיט שמוץ און ערד באַדעקטע קודלעס האָר, וועלכע זיינען אַריבערגעפֿאַלן און האָבן צוגעדעקט איר פּנימל. די הענטעלעך צעריסן, פֿאַרבלוטיקט, פֿאַרשמוצט ווי איר גאַנץ גופֿל, איז זי געשטאַנען פֿאַר דעם קאָמענדאַנט, איינגעהילט אין אַ צו־גרויסן צעריסענעם טוך, מיט צו־גרויסע שטעק־שיך אויף די נאַקעטע פֿיס.

איידער חיים האָט נאָך צייט געהאַט דאָס מויל צו עפֿענען און צו וואונדערן זיך, האָט דער מאַן געזאָגט:

— זענט איר דער חבר קאָמענדאַנט?

דאָס וואָרט אין יידיש האָט זיך אָפּגערופֿן מיט אַזאַ כליפּעדיקן ציטער אין זיין האַרץ, האָט אַזוי וואונדערלעך און אומבאַגרייפֿלעך אָפּגעקלונגען אין זיינע אויערן, אַז דער יונגער קאָמענדאַנט איז געוואָרן איבערצייגט, אַז זיין וויזיע, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך, אַז איין טאָג וועט די גאַנצע יידישע באַפֿעלקערונג פֿון טאַלנע צוריקקומען אין שטעטל אַריין, איז וואָר־געוואָרן — און אָט זיינען זיי דאָ, צוריקגעקומען. מיט אַן אימפּעט, ווי דערהויבן דורך דעם מאַגנעט פֿון וואונדער, האָט ער זיך אויפֿגעריסן פֿון אָרט, האָט אָנגעכאַפּט דעם יידן ביי דער האַנט און אויסגערופֿן:

— וואו זיינען זיי?

— ווער? — האָט דער ייד געפֿרעגט.

— אונדזערע לייט, די טאַלנער! — האָט חיים שאַבאַש־ניקאָוו אויסגערופֿן.

— אונדזערע לייט, די טאַלנער, ליגן און פֿוילן אין ריוו, הינטער דעם צוקער־זאַוואָד.

— איז עס טאַקע אמת? — האָט חיים געפֿרעגט, צוריק־פֿאַלנדיק אויפֿן שטול.

— אמת, אמת, אמת — האָט דער ייִד צוזאַמענגעפּרעסט דאָס וואָרט מיט מעכטיקן צאָרן, מיט שטיקער פֿון זיין באָרד און וואַנצעס.

— און ווער זענט איר?

— איינער פֿון זיי.

— וואָס מיינט איר?

— געלעגן צוזאַמען מיט זיי, שוין געווען באַגראָבן, גע־מאַכט זיך טויט. ביינאַכט געקאָנט נאָך רירן אַן אבר, בין איך אַרויסגעקראָכן פֿון ריוו. איך האָב אָבער ניט געוואָלט זיין איינער אַליין. וואָס קאָן איך מישטיינס געזאָגט, אַן אַלטער מאַן, פֿאַר אַ ווערט האָבן? איך האָב אויסגענאָרעט צווישן די ליגנדיקע אַ לעבעדיק קינד און האָב עס מיטגענומען מיט זיך. וואָס קאָן טאַלנע האָבן פֿון מיר? פֿון איר — ער האָט אָנגעוויזן אויפֿן קינד — קאָן טאַלנע צוריק געבוירן ווערן.

— און וואו האָט איר זיך געפֿונען די גאַנצע צייט?

— אין וואַלד, פֿאַרשטייט זיך. אָנגעשלאָסן זיך אָן די פּאַר־טיזאַנער, געגאַנגען אין געשלעג. אַמאָל געשאָכטן אַ דייטש, אַמאָל אַליין געווען אין סכּנה, נאָר איין זאַך האָב איך שטענדיק אין זינען געהאַט: אָט זי! איך האָב זי אויסגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. זיך אַליין געשטעלט אונטער פֿייער, זי האָב איך גע־שאַנעוועט, געהאַלטן זי אין זיכערקייט, אין אַ גרוב, דערנעבן זי. חברים פּאַרטיזאַנער האָבן מיר געהאָלפֿן. מיר האָבן זי גע־האַלטן אין זיכערקייט, מיר האָבן זי דערנערט, מיר האָבן אַכ־טונג געגעבן אויף איר, וואָרעם דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס

איז געבליבן פון טאַלנע. איר פאַרשטייט? איצט, אַז טאַלנע איז, דאַנקען גאָט, ווידער ביי אונדז, אין אונדזערע הענט, האָב איך זי געבראַכט צו אייך, חבר קאָמענדאַנט. גיט אַכטונג אויף איר, היט זי ווי אייער אויג אין קאָפּ, וואָרעם זי איז טאַלנע, גאַנץ טאַלנע, איר פאַרשטייט? אייערע טאַטע-מאַמע, אייערע ברידער, אייערע שוועסטער — אַלץ איז זי. דאָס יידישע לעבן אין טאַלנע, די יידישע צוקונפט — אַלץ איז זי. איר פאַרשטייט?

— יאָ, איך פאַרשטיי — האָט דער קאָמענדאַנט געענטפערט.

ער האָט אַריינגענומען דעם קינדס הענטל אין זיינע און צוגעלייגט: — זי איז אויך רב דודל פון טאַלנע.

— יאָ, רב דודל פון טאַלנע — האָט דער ייד געזאָגט מיט אַ בליץ פון אויג, האָט געגעבן דעם קאָמענדאַנט אַ גוט-ברודערישן קלאַפּ אויף דער פּלייצע און צוגעלייגט: — אַזוי, ביסטו דאָך גאָרנישט קיין נאַר, חבר קאָמענדאַנט. נעם זי, איך האָב ניט קיין צייט, חברה וואַרטן אויף יענער זייט שטאָט אויף מיר.

און דער ייד איז שוין נישט געווען.

חיים שאַבאַשניקאָוו האָט געהאַלטן אין זיין האַנט דאָס הענטל פון דעם קליינעם ציטערדיקן יידישן קינד — און אַ הייליקער ציטער איז דורכגעגאַנגען דורך זיינע ביינער.

„יאָ, אַז זי וועט זיין, וועט טאַלנע צוריק זיין" — האָט ער איבערגעזאָגט דעם יידנס ווערטער. — „מען באַדאַרף זי אָפּהיטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ."

„אָבער ווער איז דער ייד?" — האָט ער באַלד זיך אַליין געפרעגט. — מיין מאַמע וואָלט געווען געזאָגט, אַז עס איז אליהו הנביא."

ײדישע אויגן

צום יזכור פֿון די ײדישע קינדער אין פּוילן

פֿאַר װאָכן און װאָכן האָט רעבעקא ראַבינאָװיטש, די פֿרוי פֿון אַ באַקאַנטן ציוניסטישן טוער און העברייאישן לערער אין װאַרשע אויסבאַהאַלטן מיט זיך איר פֿינף־יאָריק טעכטערל, מי־רעלע, אין דעם קאַזאַרמע־הויז פֿון דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דײטשלאַנד, װאָס זי איז אַהין פֿאַרשלעפּט געװאָרן אויף אַרבעט. איר מאַן איז פֿון איר שוין לאַנג צוגענומען געװאָרן, דענסמאָל נאָך, װען זײ זײנען געװען אין װאַרשע, אַזױ אויך איר עלטער ײנגל פֿון אַ יאָר אַכט, װאָס זי האָט נישט געװאוסט װאו זײער געביין איז אַהינגעקומען, נאָר גענערט זיך אַלץ מיט דער האָפֿענונג, אַז זײ לעבן ערגעץ־װאו אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, װי עס האָבן געגלויבט, אָדער אײנגערעדט זיך, אַז זײ גלויבן אַלע אַנדערע פֿרויען, װעלכע האָבן זיך געפֿונען מיט איר אין דעם לאַגער.

פֿרוי ראַבינאָװיטש איז געװען אין אירע בעסטע יאָרן, אין די דרייסיקער, אַ געזונטע, שטאַרקע פֿרוי מיט אַן ענערגישן פּנים, נישט קיין מיאוסע. אירע שײנע, שװאַרצע פֿינקלדיקע אויגן, װי צװײ צײטיקע קאַרשן, אַנגעגאָסן מיט אויגן־זאַפֿט, האָבן אויסגעפֿילט די חנעװדיקע גלאַט־אויסגעשניטענע אויגן־ראַנדן אונטער די בויגנס פֿון אירע שװאַרצע ברעמען. די דײטשן האָבן זיך דענסמאָל געניצט מיט אין געזונטע אַרבעטער־הענט צו רײניקן, צו װאַשן און צו פֿאַרריכטן די קלײדער, די העמדער און אַנדער אַנטועכץ, װאָס זײ האָבן אַראָפּגענומען פֿון די מענער, װײבער און קינדער, װעמען זײ האָבן געשיקט צום

טויט, כּדי די קליידער צו צעטיילן צווישן דער דייטשישער באַ־
פֿעלקערונג. האָבן זיי דערפֿאַר געשפּאָרט פֿרוי ראַבינאָוויטש
דאָס לעבן און זי אַוועקגעשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער,
כּדי אויסצונוצן איר אַרבעט־קראַפֿט, איידער זיי שיקן זי אַליין
אַוועק אַהין, וואו איר מאַן און זון און אַלע אירע קרובים גע־
פֿינען זיך, — אין טויט אַריין.

פֿרוי ראַבינאָוויטש האָט פֿון דער ערשטער מינוט זיך
אונטערגענומען אַ זאַך, וואָס עס האָט זיך קוים געגלויבט, אַז
עס איז מעגלעך ביי די אומשטענדן, אין וועלכע זי האָט זיך
געפֿונען, — און דאָס איז, אַפּצוראַטעווען איר קליין מיידעלע
פֿון די הענט פֿון די מחבלים, זי מיטצונעמען מיט זיך אין דעם
קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואוהין מען האָט זי פֿאַרשיקט מיט
אַנדערע פֿרויען. עס איז איר שוין געלונגען דאָס, וואָס עס
איז קיין אַנדער יידישער מוטער נישט געלונגען אין וואַרשע,—
אויסצובאַהאַלטן איר קליין מיידעלע פֿון די אויגן פֿון די דייטשן
די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט זיך געפֿונען אין דער געטאָ אין
וואַרשע. זי האָט פּשוט געהאַלטן דאָס קינד פֿאַרשטעקט אין
אַ באַהעלטעניש אויף אַ בוידים, וואו זי האָט דאָס קינד אין
געהיים געקאָרמעט. דאָס קינד האָט אָפּגעלעבט הינטער דעם
פֿאַרשטעקטן קאַסטן אויפֿן בוידים וואָכן און חדשים און האָט
נישט געזען די ליכטיקע שיין. זי האָט זיך שוין אַזוי געהאַט
צוגעוויינט צום באַהעלטעניש, אַז עס האָט זיך דעם קינד
אויסגעוויזן, אַז דאָס שוואַרצע ווינקל, וואו זי ליגט באַהאַלטן,
פֿאַרשטעלט הינטער דעם קאַסטן, איז איר נאַטירלעכע עקזיס־
טענץ, און האָט שוין נישט מער געוויינט, ווען די מוטער איז
געקומען צו איר, ווי זי פֿלעגט עס טאָן אין אָנהייב. עס האָט
זיך איבערגעטראָגן צום קינד, ווי יונג עס איז נישט געווען,
דער גאַנצער פּחד פֿון דער געפֿאַר, אין וועלכער עס האָט זיך
געפֿונען. זי האָט פֿאַרשטאַנען איר סיטואַציע און קאָאָפּערירט
מיט דער מוטער אויסצובאַהאַלטן זיך פֿון די מחבלים.

נאָכדעם ווי עס האָט פֿרוי ראַבינאָוויטש געטראָפֿן דאָס גרויסע גליק, וואָס מען האָט זי אויסספּאָרטירט צו דער אַרבעט און נישט צום טויט, ווי די אַנדערע פֿרויען, האָט זי באַשטימט דאָס קינד מיטצונעמען אין דעם קאָנצענטראַציע-לאַגער. מי־רעלע, וועלכע האָט שוין געהאַט אַ יאָר דערפֿאַרונג אין קאָנ־ספּיראַציע, איז שוין געווען אַזוי אויסדרעסירט, אַז זי האָט מיטגעהאָלפֿן דער מוטער אין איר פּלאַן. די מוטער האָט זי פּשוט אויסגעבעטט אויף איר לייב, אונטער איר העמד-קלייד און מאַנטל. זי האָט אַזוי דאָס קינד אַריינגעשמוקלט אין דעם פֿראַכט-וואַגאָן, וואוהין מען האָט זי מיט אַנדערע פֿרויען אַריינ־געפּאַקט, און שפּעטער — אין דער קאַזאַרמע פֿון דעם קאָנ־צענטראַציע - לאַגער, וואוהין מען האָט זי פֿאַרשלעפּט אין דייטשלאַנד.

אין דער קאַזאַרמע זיינען געווען צוזאַמענגעקופּעט אַרום אַכציק - נײַנציק פֿרויען, אַלע יידישע, צונויפֿגעטריבן פֿון פֿאַר־שיידענע לענדער. די צאָל האָט זיך געביטן, — פֿרויען זיינען געקומען, פֿרויען זיינען געגאַנגען, — טיילמאָל האָט מען אַריינ־געפֿירט אַ צענדלינג אַנדערע, נאָר קיינמאָל איז נישט געווען גענוג אָרט פֿאַר אַ העלפֿט פֿון זיי. די פֿרויען זיינען געלעגן אויף הילצערנע בענק, אויסגעשפּרייט מיט אַביסל שטרוי. זיי זיינען געווען צוזאַמענגעקוועטשט איינע צו דער אַנדערער. די מערסטע זיינען געווען אַליין מוטערס, וואָס מען האָט פֿון זיי די קינדער צוגערויבט, טייל געטויט פֿאַר זייערע אויגן. זיי האָבן זיך געמיט מיט אַלע מעגלעכקייטן אונטערצודריקן די היסטע־ריע, וועלכע האָט זיך געריסן פֿון זיי, ווען זיי האָבן זיך דער־מאָנט אין זייערע קינדער, ווייל פֿאַר דעם מינדסטן אַרויסווייז פֿון ספּאַזם און אויפֿרעגונג האָט מען אַרויסגענומען און געשיקט אין אַן אַנדער לאַגער, פֿון וועלכן מען איז שוין קיינמאָל נישט צוריקגעקומען. האָבן די פֿרויען אַליין געהאָלפֿן איינע די אַנ־דערע אונטערצודריקן יעדן אויסברוך, וואָס האָט זיך געריסן

פֿון זיי, ווען די בענקשאַפֿט נאָך זייערע געטויטע קינדער האָט זיך געוועקט אין זיי... געמאָנט איינע ביי דער אַנדערער ניכ־טערקייט און אויסדויער.

— מען דאַרף אַלץ זען טאָן און איבערוואַרטן, איבערוואַרטן און איבערקומען, — האָבן זיי איינע די אַנדערע געשטאַרקט.

און זיי האָבן איבערגעוואַרט און זיינען איבערגעקומען, געביסן די ליפּן און די צינגער, צוריקגעשטופּט דאָס געשריי, וואָס האָט זיך געריסן ביי זיי ביינאַכט אויף די געלעגערס.

ביינאַכט אויף די געלעגערס איז געווען די צייט פֿון קריזיס, ווען ביי איינער האָט זיך דערוועקט דאָס מוטער־געפֿיל און זי האָט אָנגעהויבן שרייען: „דודל, מיין דודל, וואו ביסטו?"

האָבן די אַנדערע וויבער זיך געוואָרפֿן אויף איר. איר צוגעדריקט דעם קאָפּ צום שטרויענעם געלעגער, אַריינגעשטעקט דעם פֿויסט אין דער פֿרוים מויל, אַז זי זאָל בייסן איר אייגן פֿלייש און איינשטילן זיך, וואָרעם די געפֿאַר האָט געלויערט אויף אַלעמען.

ווען פֿרוי ראַבינאָוויטש האָט אַריינגעבראַכט אין דער קאַ־זאַרמע אַריין איר אייגן קינד, מירעלע, איז עס געווען ביי די פֿרויען ווי אַ נס פֿון הימל וואָלט געשען, ניין, ווי דער הימל אַליין וואָלט זיך געעפֿנט און פֿון גן־עדן איז צוריקגעקומען אַ קינד צו זיי, וואָס זאָל זיי זיין אַ טרייסט און אַ דערמאָנונג פֿון זייערע אייגענע קינדער. מירעלע איז נישט געווען דאָס קינד פֿון פֿרוי ראַבינאָוויטש אַליין, זי איז געוואָרן זייער אַלעמענס קינד. מירעלע אין פֿלייש און בלוט איז געוואָרן זייער אייגנס. זיי האָבן געזען אין דעם קינד, ווי גאָט וואָלט גענומען אַלע זייערע קינדער, וואָס זיי האָבן פֿאַרלוירן, און צוזאַמענגעקנאָטן אין איין קליין לייבל און געגעבן איר די אויגן פֿון אַלע יידישע קינדער, און צוגעשיקט צו זיי אין זייער פּיין און לייד אַריין. זיי זיינען נישט אייפֿערזיכטיק געווען אויף פֿרוי ראַבינאָוויטש, זיי האָבן גאָרנישט געטראַכט, אַז מירעלע איז דאָס קינד פֿון

איין פֿרוי. דער מוטער־וואָרצל אין זיי, וואָס איז אַזוי יונג אָפּ־געשטאָרבן, האָט געפֿונען נייע נאָרונג. זיי אַלע האָבן זיך באַטראַכט פֿאַר מירעלעס מוטערס — און אַלע האָבן זיי אָנגעהויבן באַטראַכטן זיך צוריק ווי מוטערס אין מירעלען, דעם קינד.

און מירעלע האָט זיך געלאָזט ליב־האָבן. זי איז געווען דאָס טיפּישסטע קינד, גלייך טאַקע אַלע קינדערלעך וואָלטן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין קערפּערל. זי איז געווען פֿאַר איר עלטער צו־קליין און צו־דין. דאָס יאָר אויסבאַהאַלטעניש אויף אַ טונקעלן בוידים אָן ליכט און נאָרונג האָט זי איינגעשרומפּן. זי איז געווען אַ קינד אין קליינעם פֿאָרמאַט. מיט אירע פֿינף יאָר האָט זי אויסגעזען ווי דריי. אַ דין לייבעלע, דינע הענטלעך און פֿיסלעך, אַ קליין, שמאָל איינגעקאָרטשעט פּנימל. אַ העלדזל ווי אַ העלדזל פֿון אַ טויב, איידער עס ווערט באַוואַקסן מיט פֿעדערן. נאָר דערפֿאַר האָט זי געהאַט אויגן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מירעלע לעבט, טראַכט, אָטעמט, באַוועגט זיך, צאַפּלט זיך, רעדט און חלומט נאָר דורך אירע אויגן. דאָס גאַנצע חיות פֿון דעם קינד, וואָס איז געווען אויסגערונען פֿון אירע ביינדלעך, האָט זיך באַזעצט אין אירע אייגעלעך. עס זיינען נישט געווען קיין אייגעלעך, עס זיינען געווען אויגן, פֿרעמדע, אויסטערלישע, נישט פֿון דער וועלט, איינגעפּאַסט אין צוויי גריבלעך אונטער איר הויכן שטערנדל. דאָס גאַנצע קורצע איינגעשרומפּענע פּנימל האָט זיך באַוועגט, האָט געלעבט און געאָטעמט מיט מירעלעס בליק. דאָס פּנימל איז באַשאַפֿן גע־וואָרן ווי אַ רעמל פֿאַר מירעלעס אויגן. די אויגן אַליין זיינען באַשטאַנען פֿון צוויי רונדיקע וואַסער־פֿעלדער, וואָס עס האָט זיך געדאַכט טיילמאָל, אַז זיי זיינען ימים גאַנצע; טיילמאָל זיינען די אויגן־וואַסערן געווען רואיק ווי אַ רואיקער טייך אונטער לבנה־שטראַלן. נאָר טיילמאָל האָבן די וואַסער־פֿעלדער זיך געבונטעוועט. דענסמאָל האָבן זיי אָנגענומען אַ קאָליר פֿון גרינעם זשאַד־שטיין, ווי מען זעט געהויבענע כוואַליעס אין

אַ שטורעמדיקן ים. טיילמאָל האָבן די וואַסער־פֿעלדער גע־פֿינקלט מיט דעם פֿייער־ליכט פֿון חשמל, פֿון הימלשן זון־ברען; און אַנדער מאָל זיינען די וואַסער־פֿעלדער געווען אויסגעלאָשן ווי די נאַכט וואָלט זיי געדעקט מיט שאָטנדיקע פֿליגל. אין די גרויסע וואַסער־פֿעלדער זיינען אַרומגעשוואומען צוויי גרויסע שוואַרצאַפּלען. עס איז שווער צו זאָגן, פֿון וואָס פֿאַר אַ קאָליר די שוואַרצאַפּלען זיינען געווען. זיי האָבן געביטן די קאָלירן ווי דער רעגנבויגן. אַמאָל זיינען זיי געווען טינט־שוואַרץ, און אַנדער מאָל קופּער־ברוין, גאָר אין אַנדער מאָל האָבן זיי זיך פֿאַרוואַנדלט און זיינען געוואָרן דורכזיכטיק ווי בלויע סאַפּיר־שטיינער. עס האָט זיך געווענדט ווי אַזוי מירעלע האָט זיך געשפּילט מיט זיי.

מירעלע האָט געקאָנט שפּילן מיט אירע אויגן. זי האָט געקאָנט מיט זיי אַרויסברענגען אַלע טענער פֿון דעם מענטש־לעכן געמיט, פֿון דעם העכסטן גראַד נישט־ערדישער גליקזעליק־קייט ביז צו דעם פֿאַרצווייפֿלטן אומבאַהאָלפֿענעם געשריי פֿון חיהשער אומבאַהאָלפֿנקייט. ווען זי האָט אירע אויגן־פֿעלדער פֿאַררוקט אין אַ זייט, און פֿון אונטער אירע האַרצברעכעריש־אויסגעבלייכטע הייטלעך האָבן אַפּירגעקוקט די שוואַרצאַפּלען אין שוואַרצער פֿאַרצווייפֿלונג, האָט זיך געדאַכט, אַז די וועלט ענדיקט זיך, און דאָס רחמנות, וואָס די אויגן האָבן דערוועקט, איז געווען אין־לשער: זיי האָבן געהאַט אַ כּוח אַרויסצוגעבן פֿון זיך אַזאַ בליק, אַז ער האָט זיך אַריינגעגליטשט אין דיין האַרץ אַריין, אַ ליכט־שטראַל, און אויפֿגעוועקט די אינטימסטע געפֿילן דיינע. זיי האָבן דיך אַריינגעוואָרפֿן אין אַזאַ עקסטאַז, אַז אַלע מענטשלעכע ליידנשאַפֿטן, — רחמנות, צער, כּעס און געוואַלד, ליבע און האַס־געשריי, — האָבן זיך אויסגעמישט אין דיר, און כאָטש טו זיך אָן אַ מעשה, זיך און דער וועלט. ווידער אַן אַנדער מאָל, ווען זי האָט אַ שפּיל געטאָן מיט אירע אויגן און די שוואַרצאַפּלען זיינען אַפּירגעשוואומען פֿון הינטער

דעם וואַלד פֿון באַהעלטעניש, פֿון אונטער אירע אויגן־לעפֿלעך אינמיטן פֿון די וואַסער־פֿעלדער, איז עס די געווען ווי אַן אומ־באַגרייפֿלעכע פֿרייד האָט זיך, ווי אַ ליכט, אָנגעצונדן אין דיין האַרץ און דו ביסט געווען גליקלעך נישט צו וויסן, פֿאַרוואָס און פֿאַרוועו, און האָסט נישט געוואָלט וויסן.

אָפּגערעדט, אַז אַלע פֿרויען האָבן אַכטונג געגעבן אויף מירעלען, פֿאַרשטעקט זי אין באַהעלטעניש בייטאָג, ווען זיי האָבן פֿאַרלאָזט די קאַזאַרמע, פֿון אַ שלעכט אויג. ווען זיי זיינען אַהיימגעקומען אין אָוונט, איז די ערשטע זאָרג געווען — מירעלע. מען האָט אָפּגעצערט פֿון אָרעמען ביסן. מען האָט דאָס קינד געטוליעט צו זיך. מוטערס זיינען זי באַפֿאַלן און האָבן אויסגעגאָסן זייער פֿאַרשטיקטע ליבע אויף מירעלעס קעפּל, אויסגעקושט איר די פֿינגערלעך. יעדע איינע האָט גע־וואָלט איר פֿאַרקעמען און פֿאַרפֿלעכטן די צעפּלעך. יעדע איינע האָט, פֿאַרשטייט זיך, געחלשט נאָך דעם, אַז מירעלע זאָל זיך לייגן כאָטש אויף אַ קליינער ווײַלע לעבן איר ביינאַכט אויף איר געלעגער.

עס האָט זיך צווישן די פֿרויען געפֿונען אַ יונג ווייבל, חנה זילבערבערג, וואָס מען האָט זי גערופֿן צווישן די געפֿאַנגענע „דאָס קעלבל". זי איז טאַקע געווען ווי אַ קעלבל. אַ יונגע, קוים אַכטצן אָדער ניינצן יאָר אַלט, אַ חסידישע טאָכטער פֿון גאַ־ליציע, פֿון אַ רייך הויז. מען האָט ביי איר אַלצדינג צוגענומען. די דייטשן האָבן געהרגעט איר מאַן, איר שווער, צוגענומען דאָס ערשט־געבוירענע קינד פֿון איר און פֿאַרשיקט זי אין אַר־בעט־לאַגער. די פֿרוי איז אָבער נאָך אַליין געווען אַ קינד. זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך אַרום איר, און נישט געוואָלט פֿאַרשטיין. זי האָט געלעבט ווי אויף אַן עולם־התועה, זי האָט געטאָן איר אַרבעט, ווייל מען האָט איר געהייסן. זי האָט געוואוסט, אַז זי מוז עס טאָן. נאָר קוים איז זי אַהיים־געקומען אין קאַזאַרמע, האָט זי זיך געוואָרפֿן אויף איר גע־

לעגער, איינגענורעט איר בלאָנדן יונגן קאָפּ אין שטרוי, גענאָגט איר אייגענעם פֿינגער אין מויל און געשפּילט זיך מיט אירע אייגענע בריסט. ווען מען האָט צוגענומען פֿון איר איר זויג-קינד, האָט זי נישט פֿאַרלוירן די מילך, ווי די אַנדערע פֿרויען: זי האָט געהאַלטן אין איין קולטיווירן אירע מילך-קוואַלן דורך דעם, וואָס זי האָט מיט אירע אייגענע פֿינגער אָפּגעמאָלקן אירע איבערגעפּילטע בריסט. זי האָט אַלץ געגלויבט, אַז אַ נס וועט געשען, און ווי אַלץ איז מיט איין מאָל אומגעקומען, אַזוי וועט אַלץ מיט איין מאָל ווידער ווערן און זי וועט צוריקבאַקומען איר זעקס-וואָכעדיק קינד. האָט זי געהאַלטן אין איין אָנהאַלטן די מילך אין אירע בריסט, כאָטש די ווייבער אַרום האָבן איר געזאָגט, אַז זי האָט נישט אויף וואָס מער צו וואַרטן און זי זאָל ליבערשט לאָזן אירע בריסט-קוואַלן איינדאַרן, וואָרים זי וועט נאָך, חלילה, ברענגען אויף זיך אַ קראַנקהייט.

זינט מירעלע איז אַריינגעקומען מיט איר מוטער אין דער קאַזאַרמע אַריין, האָט דאָס גאַליציאַנער ווייבל זיך פּשוט צו-געקלעפּט צו איר. זי האָט פּשוט אַוועקגערויבט מירעלען פֿון איר מוטער. זי פֿלעגט זיך בעטן מיט טרערן אין אירע אויגן, מיט האַרץ-רייסנדיקע ווערטער ביי רעבעקאַ ראַבינאָוויטש, אַז זי זאָל לאָזן מירעלען ליגן לעבן איר ביינאַכט, — זי וועט אַכטונג געבן אויף איר, זי וועט וואַכן איבער איר. די מוטער, וועלכע האָט געהאַט פֿאַרלוירן דעם אייגענעם רשות איבער איר קינד, זינט זי איז געקומען אין לאַגער אַריין, האָט אויס רחמנות נאָכ-געגעבן די בקשה פֿון דעם גאַליציאַנער ווייבל.

נאָר קוים האָט די יונגע מוטער דערפֿילט דאָס קינדערשע לייב לעבן זיך, האָט זי אָנגעהויבן שטעקן איר אָנגעשוואָלענע ברוסט אין מירעלעס פּנימל.

— איך בעט דיך, מירעלע, זויג אַביסל.

מירעלע, וועלכע איז שוין געווען אַ מיידל אין שכל, פֿינף יאָר אַלט, האָט זיך פֿאַרשעמט, — יעדער קינד האַלט זיך מער

דערוואַקסן ווי עס איז, — און געפּילט זיך באַליידיקט, וואָס דאָס ווייבל וויל זי באַהאַנדלען ווי אַ קליין קינד.

— גייט שוין, גייט, איך בין שוין אַ גרויסע, — האָט דאָס קינד זיך אָפּגעענטפערט.

— עס וועט דיר גוטס טאָן, מירעלע. דו ווייסט נישט, מילך פון דער ברוסט איז אַזוי זיס און אַזוי געשמאַק. פאַרזוך אַביסעלע, איך בעט דיך.

— מאַמעשי וועט שרייען אויף מיר. מאַמעשי וועט מיך נישט לאָזן זויגן אַ פרוים ברוסט.

— מאַמעשי וועט זייער גליקלעך זיין. דו האָסט דאָך דאָ נישט קיין מילך און נישט קיין צוקער. און אַ קינד אין דיינע יאָרן באַדאַרף האָבן מילך און צוקער. עס וועט דיר גוטס טאָן, מירעלע, פאַרזוך אַביסעלע.

אַזוי האָט זי מירעלען ביסלעכווייז איינגערעדט, ביז וואַנען דאָס קינד האָט איר צוליב געטאָן און אויף קאַטאָוועס גענומען דעם ווייבלס ברוסט אין מויל אַריין.

שפּייז איז געווען קאַרג אין דעם קאָנצענטראַציע-לאַגער. דאָס קינד האָט נישט געזען קיין טראָפּן מילך זינט אַזוי פיל חדשים. עס איז געווען הונגעריק נאָך אַביסל פעטס. און כאָטש דער ערשטער פאַרזוך פון דער פרויען-מילך איז איר נישט געווען געשמאַק און זי האָט עס אויסגעשפּיגן, אָבער שוין די פליסיקייט אַליין און דער טעם פון זיסיקייט, וואָס די מילך האָט געלאָזט אויף אירע ליפּן, האָט זי געררייצט — און זי האָט פאַרזוכט אַ צווייטן מאָל. דאָס צווייטע מאָל איז איר די מוטער-מילך געווען געשמאַק.

ווען די ווייבער זיינען שפּעטער געוואויר געוואָרן, וואָס דאָס „קעלבל" טוט מיטן קינד, און ווען די מוטער האָט געוואָלט דאָס קינד צונעמען פון איר, האָבן זי די ווייבער אָפּגערעדט:

— אדרבה, עס איז בעסער אזוי. מוטער־מילך גיט מארך אין די ביינדלעך אריין. עס וועט נאר דעם קינד גוטס טאָן. זי האָט אזעלבע דינע אברימלעך.

האָט רעבעקא ראבינאָוויטש נאָכגעגעבן, אויב נאר עס איז פֿון דעם קינדס טובה וועגן, און געלאָזט מירעלען זויגן פֿון דעם יונגן ווייבלס בריסט יעדן אָוונט.

דאָס, וואָס מירעלע האָט געזויגן ביי איינער פֿון זיי, האָט דאָס קינד געמאַכט נאָך מער בשותּפֿותדיק פֿאר אלע אינטער־נירטע פֿרויען. איצט האָבן שוין אלע אכטונג געגעבן אויף מי־רעלען. ביי טאָג, ווען מען איז געגאַנגען צו דער ארבעט, האָט מען געמוזט מירעלען אויסבאַהאלטן פֿון א שלעכט אויג. כאָטש אין דער קאַזארמע איז תּמיד איבערגעבליבן איינע אָדער אַן אנדערע פֿון די יידישע פֿרויען אויף צוצורוימען און צו האלטן די קאַזארמע אין אָרדענונג, דאָך האָט מען געקאָנט דערוואַרטן, אַז איינע פֿון די אויפֿזעערינס, אָדער אַפֿילו פֿרויליין גערטרודא אליין, זאָל אריינקומען אויף אַן אינספעקציע און געפֿינען דאָס קינד. האָבן די ווייבער אויסגעזוכט פֿאר מירעלען א באַהעל־טעניש אונטער די הילצערנע נארעס, וואו זיי האָבן דאָס קינד געהאלטן א גאַנצן טאָג אויסבאַהאלטן. מירעלע, וועלכע איז שוין געוואָרנט געוועזן צו קאָנספיראַציע פֿון דער וואַרשעווער געטאָ, האָט עס אָנגענומען ווי א נאַטירלעכע זאַך, וואָס באַדאַרף אזוי זיין. ערשט ווען די פֿרויען זיינען, נאָכדעם ווי מען האָט אָפּגעגעסן, שטייענדיק מיטן טעפּל ביי דער פֿעלד־קיך, אַהיים־געקומען פֿון דער ארבעט און מען האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט, האָט זיך אָנגעהויבן אין דער פֿינצטער דאָס שפּיל צווישן מוטער און קינד. יעדע איינע פֿון די פֿרויען איז געוועזן זשעדנע, אויב שוין נישט צו פֿארקעמען דעם קינדס צעפּלעך, איז כאָטש צו גלעטן עס, אָנצורירן עס און צו דערמאָנען זיך דורך דעם אָנריר אין קינדערשן לייב אָן זייערע אייגענע קינדער.

די פֿרויען האָבן אלץ געאַרבעט אזוי טאָג־נאָך־טאָג ביים

אויסטאַרטירן קליידער, וועש, אויבערמאַנטלען, וואָס מען האָט אויסגעטאָן פֿון די קרבנות, איידער מען האָט זיי אַריינגעשאַרט, נאַקעטע, אין די ברען-אויוונס. נישט איינמאָל איז אויסגעקומען אַ פֿרוי, ווען זי האָט סאָרטירט די קליידער, איינצורעדן זיך, אַז זי דערקענט אַ באַקאַנט מלבוש, וואָס האָט געקאָנט שטאַמען פֿון אַן אייגענעם. נאָר צו אַלץ געוואוינט זיך אַ מענטש צו. עס איז גאָר נישטאָ קיין גרענעץ צום מענטשנס פֿעאיקייט זיך צוצופּאַסן. דער ווילן צו לעבן איז אַזוי שטאַרק, אַז ער איז גובר אַלע מניעות. און דער ווילן צו לעבן, דער ווילן אויס־צוהאַלטן און אַריבערצוטראָגן האָט אין די פֿרויען שוין געהאַט אָפּגעטויט יעדן געפֿיל פֿאַר אַלץ, וואָס איז נישט נוגע די אייגענע דערהאַלטונג. דער דערהאַלטונג־אינסטינקט האָט ווי אַ דאַרשטי־קער שוואָם איינגעזאַפּט אין זיך אַלע חושים, נערוון, געפֿילן און נישט איבערגעלאָזט קיין אינסטינקט, וואָס גייט־אַרום מחוץ דעם נויטיקן און דעם דירעקטן פֿאַר דער דערהאַלטונג פֿון אייגענעם לעבן. האָבן זיי שוין, ווי אַלטע קברים־גרעבער, צוגעוואוינטע צום טויט, אויסטאָרטירט די קליידער, וואָס זיינען נאָך געווען וואַרעם פֿון די לייבער, פֿון וועלכע מען האָט זיי אַראָפּגענומען, אויסגערייניקט מיט בענזין די בלוט־פֿלעקן, וואָס די וואונדן האָבן איבערגעלאָזט אויף זיי, אויסגעוואַשן דעם אַנגסטן־שוויים פֿון די העמדער, וואָס דער פּחד פֿאַרן טויט האָט אַדורכגעווייקט מיט אים דאָס לייוונט, און האָבן מעכאַניש געלייגט די שטויסן קליידער, — העמדער, פּאַלטנס, מאַנטלען, קינדערשע שירצלעך, העמדלעך, — אין אַ קרעכץ, אין אַ טרער, כּדי נישט אויפֿצורייצן דעם כּעס פֿון די דייטשישע אויפֿזעער־קעס, וועלכע האָבן געהאַט דעם באַפֿעל אַרויסצונעמען גלייך אויפֿן אָרט פֿון דעם סאָרטיר־אָפּטייל יעדע פֿרוי, וואָס וועט אַרויסווייזן סימנים פֿון היסטעריע אָדער צערודערטע נערוון, און זי צושיקן אין דעם אָפּטייל, וואו עס אַרבעטן די גאַז־קאַ־מערן און די ברען־אויוונס.

איינמאָל, ווען די פֿרויען זיינען געשטאַנען ביי די טישן און אויפֿגעהויבן איינצלנע שטיקער קליידער פֿון די גאַרן פּעק אָנ־טועכץ, וואָס זיינען אַנגעוואַליעט געוואָרן, האָט נאָך אַ קינדערש מאַנטעלע, וואָס אַ פֿרוי האָט אויפֿגעהויבן, זיך נאָכגעשלעפּט אַ קינדערשע ליאַלקע, וואָס איז געווען אַנגעשטעפּעט אין אַ קנאָפּ פֿון מענטעלע. עס האָבן זיך אָפּט געטראָפֿן אַזעלכע פֿאַלן, ווען צווישן די קינדער־קליידלעך האָט זיך פֿאַרשלעפּט אַ קינ־דערשע ליאַלקע. דאָס איז געווען זייער געפֿערלעך, ווייל די פֿרויען האָבן זיך נישט געקאָנט קאָנטראָלירן און איינע אָדער די אַנדערע איז אַרוים אין אַ ספּאַזמאַטישן אויסגעשריי, וואָס האָט זיך שטענדיק אויסגעלאָזט מיט טויט. די פֿרויען פֿלעגן דערפֿאַר אַוועקוואַרפֿן די ליאַלקעס, זיי אָפּשטויסן פֿון זיך, אַז זיי זאָלן נישט קומען אין באַרירונג מיט זיי. דאָסמאָל האָט די פֿרוי, וועלכע האָט געפֿונען די ליאַלקע, זי פֿלינק באַהאַלטן און פֿאַרשטעקט הינטער איר קאַפֿטן, געבראַכט די ליאַלקע אין קאַ־זאַרמע אַריין, און שפּעטער, ווען מען האָט אַרויסגענומען מי־רעלען פֿון באַהעלטעניש פֿון אונטער די הילצערנע טאַפּטשאַ־נעס, האָט זי געגעבן די ליאַלקע דעם קינד.

אַלע פֿרויען האָבן ליב געהאַט צו בינדן ליאַלקעס פֿאַר מירעלען אויס פֿאַרשיידענע שטיקער אָפּפֿאַלעכץ פֿון די קליי־דער, וואָס מען האָט מיטגעגעבן דעם קינד אין איר באַהעל־טעניש אונטער די טאַפּטשאַנעס, אַז דאָס קינד זאָל האָבן מיט וואָס צו שפּילן זיך. דאָס מאַכן ליאַלקעס פֿאַר מירעלען איז ביי די פֿרויען געוואָרן אַ גלוסטונג. זיי האָבן געפֿונען אין דעם אַ געוויסע באַפֿרידיקונג, וואָס זיי האָבן זיך נישט געקאָנט דערקלערן. און יעדע איינע פֿרוי האָט געשטופּט אין מירעלעס הענט איר ליאַלקעלע, וואָס זי האָט אין געהיים, אָפֿטמאָל מיט מסירת־נפֿש אויסגעבונדן פֿאַר איר. נאָר די ליאַלקע, וואָס די פֿרוי האָט אין געהיים געבראַכט הינטער איר קאַפֿטן פֿאַר מירעלען, איז געווען אַן אמתע, אַ רעאַלע, פֿון די צייטן, ווען

עס זיינען געווען קינדער אויף דער וועלט און מען האָט געמאַכט פֿאַר זיי ליאַלקעס, וואָס די קינדער האָבן געקאָנט פֿראַנק און פֿריי זיך שפּילן מיט זיי. די ליאַלקע האָט געהאַט אמתע לע־בעדיקע האָר, וואָס מען האָט געקאָנט פֿאַרפֿלעכטן, און גרויסע אויגן, כּמעט ווי מירעלעס, וואָס מען האָט זיי געקאָנט באַוועגן דורך אַ דרוק אויף אַ מעכאַנישן קנעפּל. דאָס קינד האָט זיך געפֿרייט מיט דער ליאַלקע, אַזוי אויך די פֿרויען. יעדע איינע פֿון זיי האָט געוואָלט האַלטן די ליאַלקע אין איר האַנט און שפּילן זיך מיט איר אַ ווייל. דאָס גאַליציאַנער ווייבל, דאָס „קעלבל", האָט די ליאַלקע געדריקט צו איר ברוסט און געבאָדן זי אין טרערן. מען האָט געמוזט אַרויסנעמען פֿון איר האַנט די ליאַלקע, ווייל מען האָט מורא געהאַט, אַז זי זאָל נישט אויספּלאַצן אין אַ געוויין.

נאָך מירעלען האָט די ליאַלקע אַריינגעבראַכט ניי לעבן אין דער קאַזאַרמע. די פֿרויען האָבן גענייט קליידלעך פֿאַר איר, שירצלעך, פֿרענזלעך, באָבע־הייבלעך, שיכלעך. מען האָט די ליאַלקע אָנגעטאָן יעדן מאָל אין אַ נייעם קאָסטיום — און מען האָט זיך געשפּילט מיט איר.

די צוויי אויפֿזעערקעס, וועלכע זיינען אָפֿט אַריינגעקומען אין קאַזאַרמע אַריין צו מאַכן אַן אינספּעקציע, האָבן באַמערקט ליאַלקע־קליידלעך אויף די בעטן פֿון די פֿרויען, אָפֿטמאָל אַן אויסגעבונדענע ליאַלקע, און אַ פּאָר מאָל האָבן זיי געכאַפּט די פֿרויען ביי דער האַנט, ווען זיי האָבן גענייט קליידלעך פֿאַר דער ליאַלקע אויס שטיקלעך סחורה. די אויפֿזעערקעס האָבן אַליין נישט אונטערגענומען קיין זאַך צו טאָן, נאָר זיי האָבן צו וויסן געלאָזט אין דער הויפּט־קוואַרטיר, אַז עפּעס־וואָס מוזן די יידישע פֿרויען באַהאַלטן אין דער קאַזאַרמע.

איין אָוונט, ווען די פֿרויען זיינען שוין געווען צוריקגעקו־מען אין קאַזאַרמע אַריין אויף נאַכטלעגער, שוין געהאַלטן אין אויסטאָן זיך, איז אַריינגעקומען אין דער קאַזאַרמע די הויפּט־

אויפֿזועערין פֿון דעם פֿרויען־אָפּטייל אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער, פֿרוילײַן גערטרודאַ, שטורעם־לייטער פֿון די „היטלער־מיידלעך".

פֿרוילײַן גערטרודאַ האָט, ווי גערעכנט, געטראָגן אידעאַל לאַנגע בלאָנדע צעפּ פֿאַרפֿלאָכטן אין אַ ברייטן קוילעטש איבער איר גרויסן רונדן קאָפּ. זי האָט געטראָגן אַ קורצע, פֿון כאַקי־שטאָף געמאַכטע ספּאָדניצע, וועלכע האָט איר דערגרייכט ביז צו די קנעכלעך, אַ פּאָר עלעגאַנטע פֿינקלדיקע שטיוועלעך איבער אירע געטאָקטע פֿיס, אַ לייכטע אויסגעשניטענע בלוזע, פֿון וועלכער עס האָבן אַרויסגעשטעקט האַלב־אויפֿגעדעקטע פֿליישיקע אָרעמס. אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ קאַנטשיק. דאָס הענטל געשניטן פֿון הירשן־ביין, האָט דער קאַנטשיק געהאַט אַ ברייטע און לאַנגע, פֿון אָקסן־לעדער געפֿלאָכטענע רוט. לעבן איר זײַנען געשטאַנען צוויי הויכע טונקל־ברוינע דייטשישע פּאָליציי־הינט און הינטער איר — צוויי הויכע געשטאַפּאָלייט אין שוואַרצע מונדירן, פֿון וועלכע עס האָט אַראָפּגעשײַנט דאָס ס.־ס.־מעסער מיטן שוואַרץ־שטאָלענעם העלדזל, וואָס האָט געטראָגן אַ סוואַסטיקאַ אין עמאַל פֿון רויט, שוואַרץ און ווײַס.

די פֿרויען זײַנען געבליבן שטיין אָן אָטעם, פֿאַרשטיינערטע בײַ זייערע בעטן.

פֿרוילײַן גערטרודאַ האָט אַ לאַנגע ווײַלע גאָרנישט גערעדט. זי האָט נאָר מיט אירע קאַלטע, געשליפֿענע, ווי לויערנדיקע וועלף פֿאַרגליווערטע, בלויע אויגן אַרומגענומען די פֿרויען, געקוקט דורכדרינגלעך אויף די פֿרויען, באַוועגט פּאַמעלעך אירע בלויע שטאָלענע אויגן פֿון איין פֿרוי אויף דער אַנדערער. נאָך אַ לאַנגער ווײַלע שווײַגן, וואָס עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס געדויערט אַן אייביקייט, — און אַזאַ שטילקייט האָט געהערשט, אַז מען האָט פּשוט געהערט ווי דער שאָטן פֿון מלאך־המוות, וועלכער געפֿינט זיך איצט אין דער קאַזאַרמע, באַוועגט זיך איבער די ווענט, — האָט זי אויפֿגעהויבן איר צווייטן נאַקעטן

אָרעם און געוויזן די געפֿונענע ליאַלקע, וואָס זי האָט געהאַלטן אין דער האַנט.

— ווער האָט געהער דאָס? — האָט זי געפֿרעגט אַן געבייזער, נאָר געעגבערט מיט די אויגן איין פֿרוי נאָך דער אַנדערער.

די פֿרויען האָבן געשוויגן, בלייכע ווי דער טויט. מען האָט נאָר געהערט ווי זייערע הערצער קלאַפּן מיט אַ טיפֿן הויבן־זיך און פֿאַלן פֿון די בריסט.

— אַנטוואָרטן! — האָט פֿרוילײַן גערטרודאַ אויסגערופֿן מיט אַ גרילציקן געשריי, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ ברומען פֿון אַ קאַץ, און אָפּגעלאָזן דעם לאַנגן אָקסן־עק פֿון איר קאַנטשיק מיט אַ פֿײַפֿיקן קנאַל איבער די קעפּ און די בריסט פֿון די פֿרויען.

אַ ביל פֿון די הינט האָט אָפּגעענטפֿערט דעם קנאַל ווי אַן עכאָ.

— דאָס איז, פֿרוילײַן לעבן, אַלעמענס. די פֿרויען האָבן גערן צו שפּילן זיך אין פּופּן, אום זייערע קינדערס ערינערונג, — האָט אַן עלטערע פֿרוי, וועלכע האָט שוין נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן, געוואָגט אָפּצוענטפֿערן.

— זאָ. האָבן גערן זיך שפּילן אין פּופּן, אום איר קינדערס ווילן — האָט דאָס „פֿרוילײַן" געזאָגט. — דאָס וועלן מיר זען.

זי האָט גענומען די ליאַלקע און זי צוגעטראָגן צו די נעזער פֿון די הינט. ווען די הינט האָבן אַרומגעשמעקט די ליאַלקע, האָט זי זיי באַפֿוילן מיט אַ ווייז פֿון דער האַנט:

— אויפֿזוכן!

די הינט האָבן מיט אַ וואָיען און אַ בילן זיך אַ לאָז געטאָן אונטער די הילצערנע טאַפּטשאַנעס. אין אַ קורצער ווײַלע אַרום האָט זיך געהערט אַ האַרץ־רײַסנדיקער קוויטש פֿון אַ קינד, און באַלד האָבן די הינט בשותּפֿות אַפּירגעשלעפּט מיט זייערע מײַ־לער ביי אַ פּיסל מירעלען פֿון אונטער די טאַפּטשאַנעס.

צי דאָס קינד האָט זיך מער דערשראָקן פֿאַר די מענטשן, וואָס זי האָט דערזען, איידער פֿאַר די חיהשע הינט, נאָר ווען

מען האָט זי אַרויסגעשלעפּט, האָט זי אויפֿגעהערט צו שרייען, צו וויינען אַפֿילו. זי איז שטיל געווען, נאָר עס האָט אַ בלישטש געגעבן ווי אַן אויסטערליש ליכט דער שטראַליקער בליק פֿון אירע אויגן.

מירעלעס בליק איז געפֿאַלן אין די אויגן פֿון פֿרויליין גערטרודאַ. און עס איז געווען ווי עפּעס אַן אומבאַקאַנטע, נאָך קיינמאָל נישט געפֿילטע סענסאַציע האָט באַרירט פֿרויליין גערטרודאַ. מירעלעס שוואַרץ-נאַכטיקע שוואַרצאַפּלען האָבן זיך אַראָפּגערוקט צום האָריזאָנט פֿון אירע גרויסע וואַסער-פֿעלדער און פֿון אונטער די אויסגעצערטע הייטלעך אָפּגעגלאַנצט מיט אַ פֿייכטן האַרצבּרעכעריש-בעטנדיקן בליק. די שוואַרצאַפּלען האָבן געענדערט זייערע קאָלירן אין דעם בליק מיט אַ וואַסערפֿאַל-געשווינדיקייט: דאָ האָבן זיי אָנגענומען דעם טאָן פֿון שוואַרץ-נאַכטלעכער טיפֿקייט, און אָט באַלד, ביי די ראַנדן, האָבן זיי זיך געענדערט און אַ שפּיל געגעבן מיט אַן אָראַנזשן-אַפּשיין, און באַלד האָבן זיי אַ שפּיל געגעבן מיט אַ וויאָלעטן-שיין און איבערגעגאַנגען אין טיפֿן בלוי, ווי צוויי גרויסע אויסטערלישע סאַפּירשטיינער פֿון קלאָרסטן וואַסער.

— וואָס פֿאַראַ אויגן! — האָט פֿרויליין גערטרודאַ זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אויסגערופֿן צו די צוויי ס.-ס.-לייט, וואָס זיינען געשטאַנען הינטער איר.

איר פּנים האָט זיך אַפֿילו געהאַט געענדערט אויף אַ סעקונדע. עס האָט זיך באַוויזן אַ קנייטש אין דער אויסגעגלעטער, שמאַלץ-אָנגעגאָסענער, וויים-הויטיקער באַק, ביים ראַנד פֿון מויל. אַפֿילו אירע קאַלטע, קעצישע, שטאָל-געשליפֿענע בלויע אויגן האָבן אַ שיין געגעבן מיט ליכטיקייט. דער אויפֿבליץ אין פֿרויליין גערטרודאַס אויגן, צוזאַמען מיט דעם קנייטש אַרום איר מויל, האָבן אַ שטראַל האָפֿענונג אָנגעצונדן אין די הערצער פֿון די פֿרויען.

— עכטע סאַפּירן. איך האָב נאָך אַזעלכע נישט געזען, — האָט זיך אָנגערופֿן איין געשטאַפּאָ־יונג.

— אָך, וואָס פֿאַרא אוירינגלעך עס וואָלטן אַרויסגעקומען פֿון זיי! — האָט געזאָגט דער צווייטער.

— וואָס?

— די יודן־אויגן, פֿאַרשטענדלעך.

— ווי אַזוי?

— אויב מען קאָן חיהשע אויגן פֿאַרקאַלכן, מוז מען דאָך אויך קאָנען טאָן דאָס אייגענע מיט מענטשלעכע אויגן.

— יודן־אויגן . . .

— עס איז אַן אידייע.

דער גאַנצער שמועס צווישן פֿרויליין גערטרודאַ און די ס.־ס.־לייט האָט געדויערט אַ מינוט. זיי האָבן געפֿירט דעם שמועס אין דער שטיל, אַזוי אַז די ווייבער האָבן נישט גע־הערט. מיטאַמאָל האָט פֿרויליין גערטרודאַ זיך אַ צאַפּל געטאָן, אַ כאַפּ געגעבן דאָס מיידעלע, וואָס די הינט האָבן צוגעשלעפּט צו אירע פֿיס, אין אירע הענט אַריין און אַ דריי־אוים דעם קינדס קאָפּ אין איר פּנים אַריין.

— דאָס מעסער! — האָט זי אויסגערופֿן צו די ס.־ס.־לייט.

און באַלד האָט אַ פֿינקל געגעבן, ווי אַ חלף, די קלינג פֿון מעסער, וואָס איינער פֿון די ס.־ס.־לייט האָט אַרויסגעצויגן פֿון זיין שייד, אויף וועלכן עס זיינען געשטאַנען אויסגעקריצט די ווערטער: „בלוט און ערע".

— שנייד מיט פֿיל פֿלייש, — האָט איינער פֿון די ס.־ס.־לייט, וועלכער האָט געהאַלטן דעם קינדס הענט פֿאַרדרייט אויפֿן רוקן, געראָטן אין אַ הויכן גלייכגילטיקן טאָן.

אַ קוויטש, ווי אַ חיה וואָלט אַ ברום געגעבן, האָט זיך געהערט צווישן די ווייבער. באַלד אָבער איז דער געשריי פֿאַר־

שטיקט געוואָרן. אייניקע פֿון די פֿרויען האָבן געוואָרפֿן די מוטער אויף אַ טאַפּטשאַן און פֿאַרהאַלטן איר מיט די פֿויסטן דאָס מויל.

אין ווײַמאַר, אין דער באַרימטער שטאָט, וועלכע איז פֿאַרבונדן מיטן נאָמען פֿון דעם גרויסן דײַטשישן דיכטער, געטע, איז אין דעם פֿאַרנעמסטן שטאָט־זאַל, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פֿון צווייטן נאַציאָנאַלן דיכטער „שילער־זאַל", געגעבן געוואָרן אַ קבלת־פּנים־אָוונט פֿאַר דעם ס.־ס.־גענעראַל, פֿאָן וואַגנער. דער גענעראַל איז געקומען אין שטאָט אַריין צו אינספּעקטירן דעם באַרימטן קאָנצענטראַציע־לאַגער, בוכענוואַלד, וועלכער האָט געהערט צו דער שטאָט, און נאָכדעם ווי ער האָט געפֿונען דעם לאַגער אין דער בעסטער אָרדענונג, האָבן די שטאָט־פֿירער, מיטן בורגמייסטער אין שפּיץ, געגעבן דעם פֿייערלעכן אָוונט, ווי אַן אויסדרוק פֿון דאַנק, וואָס זייער שטאָט האָט די זכיה צו הויזן אַזאַ באַרימטן קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואָס יאָגט־אָן אַ שרעק איבער גאַנץ אייראָפּע מיט זײַנע באַרימטע גאַז־קאַמערן, קרעמאַטאָריעס, טויט־פֿאַבריקן.

אין דעם בלענדיק־באַלויכטענעם גרויסן זאַל, וואו די אָנגעזעענע מענטשן פֿון שטאָט מיט זייערע דאַמען זײַנען שוין געווען פֿאַרזאַמלט אַרום דעם גענעראַל, איז אַרײַנגעקומען די הויפּט־פֿאַרוואַלטערין פֿון דעם פֿרויען־אָפּטייל פֿון לאַגער, פֿרויליין גערטרודאַ. זי איז דאָסמאָל נישט געווען אָנגעטאָן אין שטיוול און מיליטערישע קליידער. אַזוי ווי דער אָוונט איז געווען אַ ציווילער און האָט געזאָלט טראָגן אַ דײַטשישן געמיטלעכן כאַראַקטער, כּמעט אַ פֿאַמיליע־כאַראַקטער, ווײַל די שטאָט־פֿירער האָבן מיטגעבראַכט זייערע ווײַבער און טעכטער, און אַ טאַנץ האָט געזאָלט נאָכפֿאָלגן נאָך דעם קבלת־פּנים, איז פֿרויליין גערטרודאַ געקומען פֿאַרקליידט ווי „גרעטכען", אונטערשטרײַכנדיק מיט דעם די צוגעהעריקייט פֿון דער שטאָט צום דיכטער געטע.

זי האָט געטראָגן אַ מיטלאַלטעריש ברייט קלייד אוים רוי־טער וואָל, מיט אַ גאַרטל איבער אירע היפּטן, מיט אַ ברייטן פּיר־עקיקן אויסשניט אין איר ענגן קאַפּטן. פון אויסשניט האָט זיך אַרויסגעגאָסן אַ שמאַלץ־אָנגעגאָסענער, ווייסער, פולער האַלדז, וועלכער האָט געטראָגן אויף זיך אַ רונדיק־ווייס, אויס־געקנאָטן, נאַקעט פּנים. די צוויי קאַלטע, שטאַלענע בלויע אויגן אין איר פּנים האָבן זיך נישט קיין באַוועג געגעבן, — זיי זיינען געווען ווי טויטע שטיינער־אויגן, אַריינגעזעצט אין נאַקעטע רעמלעך אָן ברעמען. נאָר וואָס עס האָט צום מערסטן אונטער־געשטראָכן איר גרעטכען־כאַראַקטער, זיינען געווען אירע צוויי שווערע בלאָנדע צעפּ. די צעפּ זיינען נישט געווען דאָסמאָל פאַרלייגט אין אַ קוילעטש איבער איר ברייטן בלאָנדן קאָפּ, נאָר זיינען אַראָפּגעהאָנגען ווי צוויי שווערע געוויכטער פון אַ זיידנס זייגער איבער איר פולן, אויסגעבעטן רוקן, דערלאַנגט, ווי אויף קאָמאַנדע, אַרונטער ביז צו אירע קני. די צעפּ, מיט זייער שווערקייט און זייער דיקער געפלאָכטנקייט, האָבן דער־מאָנט גיכער אין צוויי שפּיצרוטן אין קאַנטשיקעס, איידער אין מיידלשע צעפּ, — דער סימבאָל און די אָפּצייכענונג פון איר עובדה.

אויב אירע אויגן זיינען געזעסן, ווי איינגעגליווערטע, אומ־באַוועגלעך אונטער איר ברעמענלאָזן שטערן און האָבן נישט קיין פינקל געגעבן, האָבן דערפאַר די צוויי גרויסע אוירינגלעך, וואָס זי האָט געטראָגן אָנגעהאנגען אויף קייטעלעך אין די לעפּ־לען פון אירע אויערן, אַ פינקל געגעבן מיט מענטשלעכער באַ־נעמלעכקייט ביים ערשטן אַריינטריט פון דעם „פרויליין" אין זאַל אַריין. די אוירינגלעך אין דעם פרוילינס קליינע, דעלי־קאַטע אויערן האָבן צוגעצויגן אַלעמענס אויגן. די אוירינגלעך זיינען באַשטאַנען אוים צוויי גרויסע שטיינער אין דער פאָרם פון מענטשן־אויגן, איינגעפאַסט אין צוויי רעמלעך פון ווייס־

גאָלד, וואָס האָבן אַראָפּגעבאָמבלט אויף צוויי לאַנגע גאָלדענע קייטלעך פון דעם פרויליינס אויערן.

מען מוז צוגעבן, אַז דער ספּעציאַליסט, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו פאַרשטיינערן מירעלעס אויגן פאַר פרוילײַן גערטרודאַס אויריגלעך, האָט געטאָן זײַן מלאָכה בשלימות. ער האָט אַרויסגעבראַכט די גאַנצע כאַראַקטעריסטיק פון מירעלעס אויגן מיטן גאַנצן כּישוף פון זייערע בליקן. פּונקט אַזוי ווי ביים לעבן, האָבן מירעלעס אויגן פאַרמאָגט גרויסע ווייס־פינקלדיקע וואַסער־פעלדער. נאָר דעם „מייסטער" איז געלונגען אײַנצו־האַלטן אין די וואַסער־פעלדער דעם גאַנצן איידעלן געוועב פון די דינע, דעליקאַטע בלוט־אָדערלעך, וועלכע זיינען אָנגעלאָפן אין מירעלעס אויגן בשעת דאָס פרויליין האָט געמאַכט די אָפּע־ראַציע איבער זיי.

עס איז אים אויך אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן געלונגען דורך די בלוט־אָדערלעך אַרויסצוברענגען דעם פערלמוטערנעם קאָליר־שיין, וואָס עס האָבן די טרערן־טראָפּנס אין די וואַסער־פעלדער, אַזוי אַז עס האָט זיך געדאַכט, ווי ביים לעבן, אַז מירעלעס שוואַרצאַפּלען באָדן זיך שטענדיק אין טרערן־טייכ־לעך. אין די שוואַרצאַפּלען אַליין איז דעם מייסטער געלונגען איינצושטעלן און פעסטצוהאַלטן די דריי פאַרשיידענע קאָליר־עלעמענטן, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין זיך. צוערשט האָט אַ בלויער ראַנד אוים הימל־קאָליר אַרומגערינגלט דעם שוואַרצ־אַפּל. דער שוואַרצאַפּל גופא האָט געהאַט אַ ביר־ברוינעם קאָליר, נאָר אין דעם ביר־ברוינעם פעלד איז געזעסן אַ רונדיקער שוואַר־צער פּונקט. אָט אין דעם שוואַרצן פּונקט איז געלעגן דער כּוח פון מירעלעס אויגן. דער פּונקט איז אינגאַנצן גרוים געווען ווי אַ שפּילקע־קעפּל. נאָר אין דעם שפּילקע־קעפּל האָט זיך גע־טרונקען אַ גאַנצע אומבאַקאַנטע און אומבאַגרייפלעכע וועלט. ווי אַ ים מיט מענטשלעכקייט וואָלט זיך אויפגעהאַלטן אין דעם פינטל. עס האָט פאַרמאָגט אַ סענסיטיווקייט, וואָס האָט רעאַ־

גירט אויף דעם מינדסטן רויש און באַוועגונג. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער שוואַרצער פּונקט האַלט אין איין באַוועגן־זיך אין דעם שוואַרצאַפּל און ענדערט זיין פּאָזיציע, לויט דעם באַריר פֿון בליק און שטראַל, וואָס פֿאַלן אויף אים. עס האָט אויך פֿאַרמאָגט אַ צוציאונג־כּישוף, וואָס האָט געצוואונגען יעדן בליק אָפּצושטעלן זיך דערויף, — און קוים איז דיין בליק געפֿאַלן אין דעם פֿונק אַריין, איז ער דאָרט גענומען געוואָרן אין געפֿאַנגענשאַפֿט און דו האָסט אים שוין געמוזט נאָכפֿאָלגן. מער נאָך: ער האָט אַרויסגעשיקט פֿון זיך געהיימע שטראַלן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין די הערצער אַריין און עפּעס דאָרט געוואַרעמט, געפֿאָדערט, געמאָנט...

און עס איז טאַקע געווען דער שוואַרצער פּונקט אין דעם שוואַרצאַפּל אין פֿרויליין גערטרודאַס אוירינגלעך, וואָס האָט צוגעצויגן יעדערנס בליק אין דער „רעספּעקטאַבעלער” און אָנגעזעענער געזעלשאַפֿט, וועלכע האָט אָנגעפֿילט דעם „שילערזאַל”. וואו זי איז געגאַנגען האָבן די שוואַרצע פּונקטן אַרויסגעשיינט פֿון די מאָדנע אומבאַקאַנטע שטיינער אין גערטרודאַס אוירינגלעך און אויפֿגעוועקט און געריצט יעדערנס נייגיריקייט. עס איז געווען ווי די קליינע מירעלע איז צוריק לעבעדיק געוואָרן און האָט זיך איינגעשרומפּן און באַזעצט זיך אין דעם קליינעם שפּילקע־קעפּעלע פֿון איר שוואַרצאַפּל. דאָס קליינע שוואַרץ־פֿינקלדיקע שפּילקע־קעפּל האָט געשמייכלט צו אַלעמען מיט אַ קינדעריש־זאָרגלאָזן פֿריילעכן שמייכל, האָט באַגריסט זיך מיט אַלעמען, האָט געוואַרעמט אַלעמען, האָט צוגלייך אי געוויינט, אי געשמייכלט, האָט געוואַרעמט און געמאָנט אין דעמזעלבן בליק. עס איז געווען ווי הונדערטער טויזנטער קינדערלעבנס האָבן אַריינגעטאָן דעם לעצטן צאַפּל, אונטער דעם מעסער פֿון מלאך־המוות, אין אָט־דעם שוואַרצן אויגן־טראָפּ. און וואו דאָס פֿרויליין איז געגאַנגען, וואו זי האָט זיך געקערט און געווענדט, האָבן קינדערשע טרערן אַראָפּגעפֿינקלט פֿון

אירע אויערן און צוגעשרויפּט אַלעמענס אויגן צו איר. אַ קינ־דערש וויינענדיק געזאַנג האָט אָראָפּגעקלונגען פֿון די אוירינג־לעך, געזונגען מיט אַ קינדערש־שטיפֿעריש טאָן:

דער טאַטעשי האָט מיך געקוילעט,
די מאַמעשי האָט מיך געקאָכט,
די ברידערלעך און שוועסטערלעך
האָבן מיינעביינדעלעך אויסגענאָגט...

אין זאַל איז געוואָרן שטיל. מען האָט אָפּגעטראָטן פֿרויליין גערטרודאַ דעם וועג, זי אויסגעמיטן. גרופּעס האָבן זיך פֿאַר־קליבן אין די ווינקלען, זיך געסודעט אויפֿן אויער, באַגלייטנדיק מיט די בליקן פֿרויליין גערטרודאַס גאַנג.

דער הויך־געבויטער ס.־ס.־גענעראַל איז געשטאַנען אין אויבן־אָן זאַל, אַרומגערינגלט מיט זיין סוויטע און באַגלייט מיט די פֿירער פֿון שטאָט, דעם בורגמייסטער, די אָרטיקע נאַ־צישע „עליט", אייניקע פּראָפֿעסאָרן פֿון אַ נאָענטער אוניווער־זיטעט־שטאָט, שריפֿטשטעלער, מוזיקער, וויסנשאַפֿטלער. און דאָס פֿאָלק האָט, מיט דעם כאַראַקטעריסטיש־דייטשישן רעס־פּעקט פֿאַר אויטאָריטעט, געהאַלטן זיך אויף אַ געהעריקער דיס־טאַנץ, נאָר אַריינגעקוקט מיט ענטוזיאַסטישע בליקן און גליקלע־כע פּנימער אויף דעם אָפּבילד פֿון זייער געטלעכקייט — די נאַ־צישע מאַכט. דער גענעראַל אַליין האָט זיך געהאַלטן באַשיידן, האָט גנעדיק געשמייכלט און געלאָזט זיך באַוואונדערן. ענדלעך, האָט ער באַמערקט, אַז עפּעס־וואָס איז געשען אין זאַל. ער האָט נישט געקאָנט נישט באַמערקן די שטילקייט, וואָס איז איינ־געטראָטן ביי פֿרויליין גערטרודאַס אַריינקומען, און די בליקן, וואָס זיינען צוגעצויגן געוואָרן צו אירע אוירינגלעך פֿון אַלע ווינקלען, און דאָס שעפּטשען־זיך אַרום. צום סוף האָט ער געזען די גרעטכען מיט די לאַנגע צעפּ און די גרויסע אוירינגלעך אין די אויערן, וואָס אַלע האָבן זי באַגלייט מיט די בליקן.

— ווער איז דאָס? — האָט ער געפֿרעגט זיינע באַגלייטער.

— דאָס איז פֿרײַליין גערטרודאַ, שטורם־לייטער פֿון די „היטלער־מיידלעך“, הויפּט־פֿאַרוואַלטערין פֿון דער פֿרויען־אָפּ־טיילונג אין בוכענוואַלד.

— יאָ, איך האָב באַזוכט איר אָפּטיילונג. זי האַלט איר אָפּטיילונג אין אויסגעצייכנטער אָרדענונג. וואָס איז מיט איר? איז עס איר גרעטכען־קאָסטיום, וואָס רופֿט־אַרויס אַזוי פֿיל אויפֿמערקזאַמקייט?

— ניין, דאָס זיינען אירע אוירינגלעך, — האָט מען אים געענטפֿערט.

— וואָס איז מיט די אוירינגלעך? — האָט דער גענעראַל געפֿרעגט.

די באַגלייטער האָבן געשוויגן מיט רעספּעקט.

צום סוף איז געקומען גערטרודאַס ריי צו פֿאַרנייגן זיך פֿאַרן גרויסן מאַן.

— וואָס פֿאַראַ שטיינער זיינען דאָס אין אייערע אוירינג־לעך, וואָס רופֿן אַרויס אַזוי פֿיל אויפֿמערקזאַמקייט? — פֿרעגט דער גענעראַל ביים פֿרײַליין.

— דאָס זיינען יודן־אויגן אין מיינע אוירינגלעך, — ענט־פֿערט דאָס פֿרײַליין.

— יודן־אויגן? — פֿרעגט־איבער דער גענעראַל. — ווי אינ־טערעסאַנט! מעג איך זיי נאָענט באַטראַכטן?

דאָס פֿרײַליין האָט צוגענייגט איר אויער צום גענעראַל און דערביי מיט אַ מיליטערישן סאַלוטיר־זשעסט, צוקלאַפּנדיק מיט די שיך, זיך געשטעלט אויסגעצויגן פֿאַר אים. דער גרויסער מאַן האָט מיט גענאַד באַטראַכט מירעלעס אויגן דורך זיין מאָנאָקל.

— דער גאַנצער כאַראַקטער פֿון אויג, אַפֿילו מיט בלוט־אָדערלעך פֿאַרוועבט, — האָט דער גענעראַל נישט געקאָנט זיך אָפּוואונדערן.

— נישט שלעכט געמאַכט, — באַמערקט אַ פּראָפֿעסאָר, אַ באַרימטער כירורג, וועלכער האָט אויך באַטראַכט דעם

פֿרויליינס אוירינגלעך. — דערהאַלטן גאַנץ די נעץ פֿון די אויגן־נערוון, — גיט־אָפּ דער באַרימטער פּראָפֿעסאָר זיין מבינות פֿון אַ דייטשישן ספּעציאַליסט. — ווער האָט דאָס געמאַכט? עס פֿאָדערט זיך אַ גרינטלעך קענטעניש אין אָפּטאַלמאָלאָגיע, אין דער אויגן־וויסנשאַפֿט, אויף צו קענען אַזוי פֿאַרקאַלכן אַ מענטש־לעך אויג.

— מיר האָבן אין אונזער שטאָט אַ מייסטער־פֿאַכמאַן אויף דעם געביט. ער האָט שטענדיק באַוויזן גרויס קונסט אין פֿאַר־שטיינערן אויגן פֿון חיות. ער האָט עס איצט געפּרואווט צום ערשטן מאָל מיט מענטשן־אויגן — און עס איז אים געלונגען, — זאָגט פֿרויליין גערטרודאַ.

— יאָ, עס איז אים געלונגען, — שטימט־איין נאָך איינער פֿון דער סוויטע.

— איך וועל נישט זיין איבערראַשט, אויב עס וועט מיט דער צייט זיך אַנטוויקלען אַ נייע אינדוסטריע פֿון מענטשלעכע אויגן, פֿאַרשטיינערטע אין איידלשטיינער. פֿאַרוואָס נישט? זיי וועלן קאָנען אויסהאַלטן קאָנקורענץ מיט די בעסטע סאַפּיר־שטיינער, — זאָגט אַ דיקלעכער „גראָס־קאַופֿמאַן” פֿון צווישן די אָנגעזעענע שטאָט־פֿירער.

דורך דער גאַנצער צייט, ווי דער ס.־ס.־גענעראַל האָט גע־האַלטן גנעדיק דעם פֿרויליינס אויער אונטער זיין פֿאַראינטע־רעסירטן בליק און ווי עס איז אָנגעגאַנגען דער שמועס איבער מירעלעס אויגן, איז דאָס קליינע מיידעלע געלעגן אין דעם קליינעם שוואַרצן מיטלפּונקט פֿון איר שוואַרצאַפּל און האָט געלאַכט מיט אַ קינדערשן געלעכטער און געוואָרעמט דעם גענעראַלס האַרץ און געפֿיל מיט קינדיש־שטיפֿערישער פֿריי־לעכקייט. פּלוצלינג האָט דאָס ליכט אין דעם שוואַרצן פּונקט זיך געענדערט. עס איז פֿאַרכמורעט געוואָרן, ווי אַ שטורעם וואָלט געבושעוועט אין דעם. דער שוואַרצער פּונקט האָט, ווי ביים לעבן, זיך באַהאַלטן ביים ראַנד פֿון דעם ברוינעם פֿעלד

פֿון שוואַרצאַפּל און האָט פֿון דאָרט אַפּירגעקוקט מיט מורא און רחמנותדיק געבעט, ווי עס וואָלט געבעטן פֿאַר מירעלעס לעבן. אויך דאָס ווייסע קרומע וואַסער-פֿעלד פֿון אויג האָט זיך געענדערט: דאָס דינע געוועב פֿון די בלוט-אָדערלעך איז דיקער געוואָרן, האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט, און דאָס גאַנצע ווייסע וואַסער-פֿעלד איז געוואָרן פֿליסנדיק, ווי די פֿאַרקאַלכונג פֿון דעם אויג-מאַטעריאַל האָט זיך אויפֿגעלייזט און איז צוריק פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין טרערן-טייכלעך, אין וועלכע די שוואַרצאַפּלען האָבן זיך געטוקט, און צעבראָכן דאָס האַרץ מיט דעם רחמנות-בליק, וואָס זיי האָבן דערוועקט.

— זעט נאָר, ווי די פֿאַרבן האָבן זיך געביטן, — זאָגט גענעראַל פֿאָן וואַגנער, באַטראַכטנדיק אינטענסיוו די ליכט-ענדערונג אין די שטיינער.

קוים האָט ער אַרויסגעזאָגט די ווערטער, איז עפּעס-וואָס געשען. אַ פּאַניק האָט אָנגעהויבן הערשן אין זאַל. די, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענט פֿון דער טיר, האָבן אָנגעהויבן אָן צערעמאָניע פֿאַרלאָזן אין גרויס איילעניש דעם זאַל. מענער זיינען געוואָרן אומגעדולדיק. מען האָט פֿאַרגעסן אין דעם גענעראַל. ווייבער האָבן אָנגעהויבן ווערן היסטעריש. עס האָבן זיך געהערט קולות, אויסרופֿן פֿון נעמען. אַ מאַן פֿון דעם גענעראַלס נעענטסטער באַגלייטונג האָט זיך אויסגעדרייט צו אַן עלטערער דאַמע און אויסגערופֿן אין פּחד:

— מוטער, קום!

דער גענעראַל איז בלייך געוואָרן, אַזוי אויך זיינע באַגלייטער. אַ סעקונדע איז ער געשטאַנען פֿאַרשטיינערט, געקוקט אויף די מענטשן פֿון זיין סוויטע. ער האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט זיך אַ חשבון אָפּצוגעבן, וואָס דאָ געשעט, ווען עס האָבן זיך דערהערט די אַלאַרם-רופֿנדיקע סירענען.

— אין שוץ-קעלער אַריין! — האָט ווער אויסגערופֿן אין זאַל.

באַלד דערויף האָט זיך געהערט פֿון דער ווייטנס ווי הונ־דערטער דונערן וואָלטן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן אויף איין פֿעלד אַדורכצולעכערן די לופֿט.

— די אַמעריקאַנער באָמבערס, פֿאַרפֿלוכט! ליכט אויס!— האָט זיך געהערט אַן אַלאַרמירטער רוף.

באַלד איז אין גרויסן זאַל געוואָרן חושך מצריים. אין דער פֿינצטער האָבן בענק און טישן זיך גערוקט און געפֿאַלן. פֿיס איבער קעפּ, קעפּ אונטער לייבער. הענט האָבן געפּאַכטן פֿיס, פֿיס האָבן זיך געפֿלאָכטן. אין איין סעקונדע איז דער גאַנצער „שילער־זאַל", מיט די אַלע פּני פֿון שטאָט און דער נאַצישער „עליט", פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ משוגעים־הויז, וואו די באַזעסענע האָבן זיך פֿרייגעמאַכט און ראַנגלען זיך מיט דער פֿוריע פֿון דעם פּחד פֿון גאָט, וואָס איז זיי באַפֿאַלן, אויסצו־קעמפֿן איינער פֿון אַנדערן אַן אַנטרינונג פֿון דעם זאַל.

צווישן די, וואָס האָבן געזוכט שוץ פֿון די אַמעריקאַנער באָמבערס, איז אויך געווען דער עס־עס־גענעראַל, אַזוי אויך פֿרוילײַן גערטרודאַ מיט מירעלעס אויגן אין אירע אויערן.

*

אַ גאַנץ יאָר האָבן מירעלעס אויגן זיך געפֿונען אין פֿרוילײַן גערטרודאַס צירונג־שקעטעלע. זי האָט זיי אָנגעטאָן פֿאַר גע־וויסע אָקאַזיעס, ווי בײַ אָפֿיציעלע באַגעגענישן מיט הויכע נאַ־צישע באַאַמטע. טאַנצן האָט מען שוין דענסמאָל נישט געטאַנצט אין דײַטשלאַנד, האָט פֿרוילײַן גערטרודאַ נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו טראָגן מירעלעס אויגן אין אירע אויערן בײַ „געזעליקע" אונטערהאַלטונגען. דערפֿאַר האָט זי זיי אָנומלט געטראָגן פֿאַר אַ וואָוילטעטיקן צוועק, בײַ אַן אונטערנעמונג פֿאַר „ווינטער־הילפֿע", וואו די גאַנצע פּני פֿון שטאָט איז געווען פֿאַרזאַמלט.

מען איז שוין געווען צוגעוויינט צו דער סענסאַציע, וואָס דאָס באַווײַזן־זיך פֿון מירעלעס אויגן ווי אוירינגלעך האָט אַרויס־

גערופֿן. די אויגן האָבן שוין מער קיין אויפֿזען נישט געמאַכט און אַפֿילו קיין אויפֿמערקזאַמקייט מער נישט געצויגן צו זיך. מען האָט זיי אָנגענומען פֿאַר אַ געוויינלעכער זאַך.

דאַמען פֿון דער הויכער געזעלשאַפֿט האָבן פֿאַרבעטן פֿרויליין גערטרודאַ אין זייערע קרייזן, כּדי צו באַטראַכטן מירעלעס אויגן פֿון דער נאָענט, וואָס פֿרויליין גערטרודאַ האָט עס אויפֿגענומען נישט אָן שטאָלץ. און די דאַמען האָבן באַוואונדערט די מייסטערשאַפֿט פֿון דעם גאַנצן שטיקל צירונג, געלויבט די איינפֿאַסונג און נאָכגעפֿרעגט זיך אויף דעם גאָלדשמיד.

אַ פּאָר מאָל האָט פֿרויליין גערטרודאַ געטראָגן מירעלעס אויגן אין פּריוואַטער געזעלשאַפֿט, וואו זי איז געווען פֿאַרבעטן אויף „קאַפֿע אונד טאָרטע‟, וואָס מען רופֿט עס אין דייטשלאַנד „צו יאַזע‟. און אין דער אַטמאָספֿערע פֿון עכטער דייטשישער געמיטלעכקייט, וואָס הערשט אין דייטשישע הייזער, האָט מען באַוואונדערט דער פֿרויליינס אוירינגלעך, גערימט איר אָריגינעלן איינפֿאַל. און עס האָבן זיך געפֿונען יונגע פֿרויען און פֿרויליינס פֿון גוטער געזעלשאַפֿט, וועלכע האָבן געבעטן פֿרויליין גערטרודאַ צו לאָזן זיי אָנמעסטן די אוירינגלעך, צו זען, ווי ווייט מירעלעס אויגן פּאַסן זיך צום פּנים. און דאָס פֿרויליין האָט עס גערן געטאָן.

פֿרויליין גערטרודאַ איז געווען פּאָפּולער אין דער העכערער געזעלשאַפֿט פֿון ווײַמאַר, צוליב איר עכט־דייטשישן כאַראַקטער, און פֿאַררעכנט פֿאַר אַ מוסטער־פֿרוי פֿון ריין־אַרישן טיפּ. און ביי אַלע געזעלשאַפֿטלעכע אונטערנעמונגען, וואו פֿרויליין גערטרודאַ האָט זיך באַוויזן מיט אירע אָריגינעלע אוירינגלעך, האָט מירעלע מיטגעשפּילט איר טייל. זי האָט מיט קינדערשער תּמימות אַראָפּגעשמייכלט פֿון דער פֿרויליינס אויערן צו די דאַמען און מיידלעך, האָט זיך מיטגעפֿרייט מיט זיי, צוגעהערט זיך צו זייער פּלוידערן און צוגעשאָקלט מיט איר קעפּל. ניין, זי איז גאָרנישט טרויעריק געווען. טיילמאָל האָט זי זיך געזונגען

אַ לידל פֿאַר זיך, ווי זי איז דאָרט געזעסן אין דעם קליינטשיקן פינטעלע פֿון שוואַרצאַפּל, מיט אַ קינדעריש־שטיפֿעריש שמייכעלע:

דער טאַטעשי האָט מיך געקוילעט,
די מאַמעשי האָט מיך געקאָכט,
די ברידערלעך און שוועסטערלעך
האָבן מיינע ביינדעלעך אויסגענאָגט...

אַזוי האָט זיך דאָס געצויגן, ביז וואַנען די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט איבערגעפֿלייצט דייטשלאַנד. ווען די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט פֿאַרנומען ווייִמאַר און בוכענוואַלד, האָט מען ביי דער הויפּט־פֿאַרוואַלטערין פֿון דעם פֿרויען־אָפּטייל אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, פֿרוילײַן גערטרודאַ, צווישן אַנדערע זאַכן, ווי אַ מאַטראַץ, אויסגעשטאָפּט מיט מענטשלעכע האָר, וואָס זי איז געשלאָפֿן אויף אים, אַ לאָמפּן־אַבאַזשור, געמאַכט אויס מענטשלעכער הויט, ביי וועלכן זי האָט געלייענט, אויך געפֿונען מירעלעס אויגן, פֿאַרקאַלכט און איינגעפּאַסט אין רעמלעך פֿון ווייסגאָלד פֿאַר אוירינגלעך.

— דאָס זיינען דאָך נאָר יודן־אויגן — האָט דאָס פֿרוילײַן, אַ פֿאַרוואונדערטע, זיך פֿאַרענטפֿערט, נישט צו פֿאַרשטיין דעם רעש, וואָס אירע אוירינגלעך האָבן אַרויסגערופֿן ביי אַמעריקאַנער מיליטער־לייט.

מירעלעס אויגן זיינען געוועזן צו־לעבעדיק צו האַלטן זיי פֿאַר עדות־זאָגן ביים משפּט. מען האָט זיי איבערגעגעבן דעם יידישן „טשאַפּלעין”, וועלכער האָט באַגלייט די אַמעריקאַנער באַפֿרייאונג־אַרמיי. דער יידישער טשאַפּלעין האָט געבראַכט מירעלעס אויגן צו קבר־ישראל. צוזאַמען מיט רעשטן ספֿר־תּורות, וואָס מען האָט געפֿונען אין דייטשישע הייזער, פֿאַרוואַנדלט אין שטוב־זאַכן, האָט ער אַריינגעלייגט מירעלעס אויגן אין דעם קבר פֿון אַ יידישן סאָלדאַט פֿון די בראָנקס, ניו־יאָרק, וועלכער איז געפֿאַלן פֿון אַ דייטשישער קויל ביים איינעמען די שטאָט.

דער טשאַפּלעין, ווי ער איז געשטאַנען ביים קבר פֿון יידישן סאָלדאַט און געזאָגט קדיש, האָט ער געטראַכט וועגן מירעלעס אויגן און באַפֿוילן מיט אַ מיליטערישער קאָמאַנדע דעם סאָלדאַט פֿון די בראָנקס:

— ברענג זיי דאָרט פֿאַר דעם, וואָס מען באַדאַרף!

דערווייל האָט מען אין גן־עדן, אין דעם היכל פֿון דער מוטער רחל, וואָס מירעלע איז געקומען אַהין נאָכדעם ווי זי איז אויסגעגאַנגען, ווען מען האָט איר די אויגן אַרויסגענומען, אַרומגעדרייט זיך אַ בלינד מלאכל צווישן די נשים־צדקניות, וועלכע געפֿינען זיך מיט דער מוטער רחל אין איר היכל.

די מעשה איז אַזוי געווען:

ווען מירעלע איז געקומען אין הימל אַריין, האָט די פּמליא־של־מעלה באַשטימט, אַז מירעלע זאָל דערווייל בלינד בלייבן, ביז וואַנען אירע אויגן וועלן קומען צוריק אין הימל אַריין, ווייל מירעלעס אויגן זיינען געווען פֿון אַ הויכן מין, צוגעפּאַסט פֿאַרן קינד.

דערווייל איז מירעלען גוט געווען ווי די וועלט. אַלע נשים־צדקניות אין רחלס היכל האָבן זיך פֿאַרנומען מיטן בלינדן מלאכל, וואָרים אַחוץ וואָס מירעלע איז בלינד געווען, איז נאָך דאָס קינד אַ יתומהלע געווען, מחמת דאָרט ווערן אַלע קינדער, וועלכע האָבן נאָך די מוטערס אויף דער־וועלט, באַטראַכט פֿאַר יתומימלעך, ווי ביי אונז דאָ. האָבן די נשים־צדקניות געמאַכט ליאַלקעס און שפּילצייג פֿאַר מירעלען אוים לויטער פּרוכתן און ספֿר־תּורה־מענטעלעך. נאָר דאָ האָט מען נישט באַדאַרפֿט דעם גאַנצן טאָג אויסבאַהאַלטן זיך פֿון משחית אין באַהעלטעניש. דאָ איז זי געווען אויף דער פֿריי. יעדן מאָל האָט אַן אַנדער צדקנית גענומען מירעלען פֿאַר דער האַנט און געפֿירט זי אויף „די גראָזיקע פּיטערפּלעצער, ביי די רואיקע וואַסערן", ווי עס זינגט זיך אין תּהילים. אַמאָל האָט זי געפֿירט ביי דער האַנט

אַ נביאטע, אַמאָל חנה פֿון די זיבן זין, אָדער שרה בת-טובים, אָדער אַן אַנדער הייליקע פֿרוי, וואָס זיי זיינען לעצטנס אַזוי פֿיל אַריינגעקומען אין היכל אַריין צו דער מוטער רחל. זי האָט אַפֿילו געטראָפֿן אייניקע מוטערס, וואָס זי האָט זיי געקענט פֿון דער קאַזאַרמע אין דעם לאַגער, נאָר זיי האָבן נישט געהאַט מער קיין צייט צו איר, מחמת זיי האָבן שוין געהאַט זייערע אייגענע קינדער, וועלכע מען האָט זיי דאָ צוריקגעגעבן. אַפֿילו דאָס „קעלבל", דאָס גאַליציאַנער ווייבל, וואָס האָט זי געקאָר־מעט, ווען זי האָט זיך געפֿונען מיט איר אין לאַגער, האָט דאָ געקראָגן צוריק איר אייגן קינד, וואָס זי האָט געהאַלטן אין איין זויגן. מירעלעס מאַמע איז נאָך נישט געווען געקומען אין גן-עדן אַריין, ווי אַנדערע מוטערס, איז מירעלע געווען אַנגעוויזן אויף די אמהות און אויף די נשים-צדקניות, וועלכע האָבן זיך מיטן בלינדן מלאכל אָפּגעגעבן.

ווען דער יידישער סאָלדאַט פֿון די בראָנקס, ניו-יאָרק, האָט אויסגעפֿירט דעם באַפֿעל פֿון טשאַפּלעין און צוגעשטעלט מי־רעלעס אויגן אויף דעם ריכטיקן אָדרעס, וואָס מען האָט אים אָנגעוויזן, איז אַ ברענענדיק מלאכל, אַ שרפֿל מיט פֿאַרביקע פֿליגעלעך, פֿלינק געפֿלויגן און האָט אויף אַ גילדענער מצה־קערה, וואָס האָט געשטאַמט פֿון שלמה-המלכס טיש, צוגעדעקט מיט אַ חלה-צוועלכל, וואָס האָט געשטאַמט פֿון אַ הייליקן רבינס טיש, צוגעשטעלט מירעלעס אויגן אין דעם היכל אַריין פֿון דער מוטער רחל.

ווען מירעלעס אויגן זיינען אָנגעקומען אין רחלס היכל, איז געוואָרן גרויס פֿרייד צווישן די נשים-צדקניות. נאָר ווען מען האָט מירעלען געוואָלט צוריק אַריינזעצן די אויגן אין די אויס־געשניטענע לעכער פֿון איר פּנים, האָט זי זיך נישט געלאָזט.

— איך האָב אַזוי פֿיל שלעכטס געזען דורך זיי. איך וויל נישט מער זען, — האָט דאָס קינד געזאָגט.

און אז מען האָט זי צוגערעדט: — נאַרעלע, דאָס זיינען דאָך דיינע שיינע אויגן, — האָט דאָס קינד געענטפערט:

— מיר איז בעסער אָן זיי. וואָס איך וויל, זע איך. איך זע מיין טאַטעשי, איז זע מיין מאַמעשי, איך זע מיין ברודערל. מיט די אויגן האָב איך נאָר געזען פינצטערניש און שרעק. ניין, איך וויל שוין בלייבן אַזוי ווי איך בין.

דענסמאָל האָט די מוטער רחל, איינגעהילט אין איר שוואַרצן שלייער, מיט די שבת-שטערן איינגעזעצט אין אים, און מיט דער קרוין פון צער אויף איר קאָפּ, גענומען מירעלען ביי איין האַנט. אין דער צווייטער האַנט האָט דאָס בלינדע קינד געהאַלטן אירע אויגן אין אַ תהילים-זעקעלע, וואָס אַ מוטער האָט אויפגעניים פאַר איר בר-מצווה-יינגל, ווען ער האָט שוין נישט געלעבט, און געבראַכט מירעלען פאַרן כסא-הכבוד.

און מירעלע האָט אַוועקגעלייגט אירע אויגן צו די פיס פון הייליקן. און גאָט האָט באַפוילן, און מען האָט מירעלעס אויגן איינגעפאַסט אין כסא-הכבוד, און דאָרט פינקלען זיי מיט אַ קלאָר ליכט פאַר אַלע יידישע קינדערס אויגן, וואָס זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן.

טריאומף-מאַרש

ענדלעך, ענדלעך, ענדלעך... נאָך אַזוי פֿיל יאָרן פֿון גוסס־דיקן פּיין, פֿון דערשטיקטן צער און צאָרן, איז די פֿאַרמוטשעטע באַפֿעלקערונג פֿון דער מאַרטירער־שטאָט וואַרשע אַרויסגע־קראָכן פֿון די לעבעדיקע קברים צו באַגריסן אירע דערלייזער, אירע רעטער.

די רויטע אַרמיי, צוזאַמען מיט דער פּוילישער באַפֿרייאונגס־אַרמיי, צוזאַמען מיט אונטערערדישע העלדן פֿון אַלע שיכטן און ריכטונגען, האָבן אין אַ טריאומף־מאַרש אַריינמאַרשירט — פֿון מאָקאָטאָווער זייט, פֿון דער ווייסל — איבער דער ברייטער גרין־ביימערדיקער אויאַזדאָווסקער אַלייע — דורך קראַקאָווסקי פּשעדמיעשטשי — אין האַרץ פֿון וואַרשע.

אַלע קירכן־גלאָקן האָבן געקלונגען. וואָס האָבן זיי געקלונ־גען? זיי האָבן אויסגעקלונגען שאָפּענס לוויה־מאַרש — צום אָנדענק פֿון אַלע טויטע און געפּייניקטע. אויך די מיליטער־מוזי־קאַנטן האָבן געשפּילט שאָפּענס לוויה־מאַרש. וואָרעם אין דעם טאָג פֿון דער העכסטער פֿרייד האָט וואַרשע ניט געקאָנט פֿאַר־געסן, האָבן די זיגרייכע אַרמייען — די גלאָררייכע רויטע אַרמיי, די פּוילישע אונטערגרונט־אַרמיי, די פּוילישע באַפֿרייאונגס־אַר־מיי — ניט געקאָנט פֿאַרגעסן אין זייערע געפֿאַלענע חברים, אין די פֿאַרמוטשעטע מאַרטירער, אין דעם גרויסן קרבן, וואָס וואַרשע האָט געבראַכט. און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ האָבן די באַפֿרייער אַריינמאַרשירט אין דער פֿאַרפּייניקטער שטאָט אונ־טער די קלאַנגען פֿון שאָפּענס טרויער־מאַרש.

צו קיין שטאָט פּאַסט זיך נישט אַזוי שאַפּענס טרויער־מאַרש ווי דווקא צו וואַרשע, דווקא צום טייל שטאָט, וואו די אַרמייען מאַרשירן יעצט. דער טרויער־מאַרש ווערט פאַרוואַנדלט פון אַ לוויה־מאַרש אין אַ געזאַנג פון דערלייזונג, פון הויכן רעליגיעזן עקסטאַז. עס דאַכט זיך, אַז די גאַסן פון וואַרשע זינגען מיט, טרויערן מיט, דאַווענען צום קלאַנג פון די קירכן־גלאָקן, צום שאַלן פון די טראָמפּייטן און דעם קלאַפּן פון די צימבלען.

*

צו די קלאַנגען פון שאַפּענס טרויער־מאַרש איז נאָך אַ טייל באַפעלקערונג אַרויסגעקומען צו באַגריסן די אַריינמאַרשירנדיקע זיגערישע אַרמייען, אַ טייל באַפעלקערונג, וואָס מען האָט שוין לאַנג ניט געהאַט געזען אויף די וואַרשעווער גאַסן. דאָך איז עס אַ היימישע באַפעלקערונג, דאָ געלעבט, דערצויגן, גרוים געוואָרן פאַר הונדערטער און הונדערטער יאָרן — די יידישע באַפעלקערונג, וואָס איז נישט אָוועקצונעמען און ניט אָפּצוטיילן פון וואַרשעווער לעבן. די יידן זיינען אַרויסגעקומען — נישט פון די נאַלעווקעס, נישט פון דער קראָכמאַלניע, נישט פון טוואַרדע, גזשיבאָוו, נאָוואָליפּיע, לעשנע, נישט פון צענדליקער אַנדערע יידישע גאַסן אין וואַרשע. זיי זיינען געקומען פון ערגעץ־וואו צו שוועבן, זיי גייען און שוועבן אין דער לופטן, ווי ספערן. מען זעט זיי אָן — און דאָך זעט מען זיי נישט. זיי זיינען דאָ, זיי פילן אוים דעם חלל פון די וואַרשעווער גאַסן, זיי גייען אַנט־קעגן די אַריינמאַרשירנדיקע אַרמייען, קומען צושטראָמען פון אַלע זייטיקע גאַסן, קומען אָן פון פּראַגע, קומען דורך דער יערו־זאַלימסקער אַלייע און דורך זלאָטע און אַנדערע גאַסן ; זיי קומען אָן פון מאַרשאַלקאָווסקי און פון אַלטן מאַרק און פון פראַנציש־קאַנער און פון די נאַלעווקעס — אַנטקעגן די אַריינמאַרשירנ־דיקע אַרמייען.

עס דאַכט זיך, אַז נאָר פון זייערט וועגן און צוליב זיי קלינ־גען עס אַלע קירכן־גלאָקן און עס ענטפערן זיי אָפּ די מיליטע־

רישע קאַפּעליעס. און צום טאַקט פֿון דעם טרויער־מאַרש קומען זיי אָן.

צוערשט גייען איין הונדערט און זיבעציק בתולות, יונגע מיידלעך, פֿון צען ביז אַכצן יאָר אַלט. די יינגערע פֿאָראויס, די עלטערע נאָך זיי, אין באַגלייטונג פֿון זייערע אויפֿזעערנס און לערערענס. אַלע זיינען זיי אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער, נאָר ווי עס פּאַסט זיך פֿאַר כּלות, זיינען זייערע פּנימער פֿאַרהאַנגען מיט שוואַרצע שלייערן. זיי האַלטן אַלע אָנגעצונדענע ליכט אין די הענט. זיי גייען מיט שוועבנדיקע טריט, גלייך זייערע פֿיס וואָלטן נישט באַרירט דעם ברוקיר־שטיין, נאָר ווי ספֿערן פֿליען זיי און קומען נעענטער, און נעענטער, ביז זיי הויבן זיך אין דער הויך און פֿאַרשווינדן אין שיינענדיקן חלל, מיט די בלישטשענ־דיקע שטראַלן פֿון דער זון...

נאָך זיי גייט איינער אַליין — ד"ר קאָרטשאַק. ער איז פֿאַר דער צייט וואָס ער איז אַוועקגעגאַנגען, העכער געוואָרן מיט פֿיל קעפּ, העכער געוואָרן און דאַרער און דינער. זיין פּנים שטראַלט מיט אַ הימלשער פֿריידיקייט, וואָס איז אין לשער. אויף זיינע ביידע הענט האַלט ער צוויי קליינע קינדער, יידישע קינדער, מיט געקרייזלטע פּיאהלעך און זיידענע קאַפּעלעך אויף די קעפּ און ברייטע אַרבע־כּנפֿותן אויף די רויט־בלויע שפּענ־צער, וואָס די מאַמעס האָבן זיי אָנגעטאָן פֿאַר דער געלעגנהייט. און זעט, די וואַרשעווער באַפֿעלקערונג מאַכט נישט קיין חוזק, שפּאָט נישט אָפּ פֿון די יידישע פּנימלעך, פֿון די געקרייזטע פּיאהלעך, פֿון די אַרבע־כּנפֿותן. די וואַרשעווער באַפֿעלקערונג פֿאַלט אויף די קני ביי די טראָטואַרן, ווען ד"ר קאָרטשאַק, דער הייליקער, גייט פֿאַרביי מיט די צוויי יידישע קינדער אויף זיינע הענט; און נאָך אים — אַ לאַנגע ריי יתומימלעך, וואָס ער האָט אַרויסגעפֿירט פֿון זיין אַנשטאַלט.

און נאָך ד"ר קאָרטשאַקן גייען אַנדערע קינדער. עס גייען די קינדייער פֿון מעדעמס סאַנאַטאָריע, באַגלייט פֿון זייערע לערער

און אויפֿזעער, אָנגעקומען פֿון די קאַלך־אויוונס, וואו מען האָט זיי פֿאַרברענט. קוקט אויף זייערע פּנימלעך: די פּנימלעך זיינען געל, די בעקלעך רויט. איך וועל אייך איינרוימען אַ סוד: זיי זיינען אַלע קראַנק אויף שווינדזוכט. דערפֿאַר, זעט ווי עס פֿלעמלען זייערע שוואַרצע אייגעלעך, פּשוט ווי שטערנדלעך, ווי בלויע טונקעלע שטערנדלעך אין טיפֿן־טיפֿן הימל, אין אַ טינט־שוואַרצן הימל. טייל פֿון זיי טראָגן קאַפּעלעך און האָבן אויך געקרייזלטע פּיאהלעך — און פֿון אונטער די שפּענצער באַמבלען זיך די ציצית. נאָר די מערסטע פֿון זיי זיינען שוין „היינט־וועלטיקע", טראָגן די יידישע היטעלעך מיט דאַשיקלעך. זעט זייערע הענטעלעך — דינינקע, דינינקע. זיי האַלטן פֿענדלעך אין די הענט, רויטע פֿענדלעך, און אַלדאָס גוטס אויף זיי אָנגעשריבן, וואָס פֿאַר אַ וועלט דאָס וועט זיין, ווען משיח וועט קומען — איך מיין, די סאָציאַלע רעוואָלוציע. און מיט הייזעריקע קולכלעך, אויס סוכאַטנע איינגעפֿאַלענע בריסטן זינגען זיי, אינאיינעם מיט זייערע לערערס, די „שבועה", די שבועה, וואָס זיי האָבן געשוואָרן, בעת מען האָט זיי אין טויט אַריינגעטריבן, צו די גאַז־אויוונס, וואו זיי זיינען, נעבעך, דערשטיקט געוואָרן.

און פֿון די קברים זיינען אויך אַרויסגעקומען זייערע עלטערן, טאַטע־מאַמעשי פֿון דער פֿראַנצישקאַנער, וואו די אָרעמקייט צום טיפֿסטן שטעקט. שטייען טאַטע־מאַמע, וואַרשעווער חסידים, וואַרשעווער טרעגער, אָפּגעבליאַקעוועטע מוטערס מיט אויסגעקראָכענע שייטלען, און זיי פֿרייען זיך מיט זייערע קינדער, ווי איך האָב זיי אַמאָל געזען ביי דער אַטוואָצקער באַן אָפּווארטן זייערע קינדער, ווען זיי זיינען פֿון „וואַקאַציע" צוריקגעקומען.

און נאָך זיי קומען מחנות, מחנות קינדער, קינדער פֿון גוטע הייזער, מיט פּאַנטאָפֿעלעך און זיידענע מענטעלעך, מיט סטענגעלעך איינגעפֿלאָכטן אין די צעפּעלעך, קינדער אין זיידענע זשופּיצעס און זיידענע רעקלעך, נאָך זיי קינדער אָפּגעריסענעאָפּגעשליסענע, אין טאַטע־מאַמעס צו־גרויסע שיך אויף די שמו־

ציקע פּיסלעך. נאָר אַלע קינדערלעך האָבן שוין געהאַט פליגע־לעך. פליגעלעך זיינען געווען אויסגעוואַקסן ביי זיי, גלויבט מיר אויפן וואָרט, און מיט די פליגעלעך זיינען זיי געקומען צו פליען פון ערגעץ־וואו, פון דער ווייט, צו באַגריסן די אריינמאַרשירנ־דיקע באַפרייאונג־אַרמייען. און אַט — אַ הויב, זיי זיינען שוין נישטאָ. פשוט אַזוי, ווי עס זאָגט זיך אין ביאַליקס ליד וועגן משהלעך און שלמהלעך.

און נאָך די קינדערלעך גייט אַ בכבודיקע דעפּוטאַציע פון די סאַמע אָנגעזעענסטע רבנים פון פוילן, מיט די דיינים פון וואַרשע אין שפּיץ. וועמען האָט מען דאָרט נישט געזען? דאָס ביסל תורה פון פוילן, אַלץ וואָס פוילן האָט געהאַט צו געבן, האָט זיך דאָרט געפונען. תורה ווי דאָס וואַסער פון ים; גאוני־הדור, חריפים, עוקרי־הרים, וואָס זייערע נעמען האָבן געקלונ־גען איבער דער מדינה ווייט און ברייט; ראשי־ישיבה פון די גרעסטע פוילישע ישיבות, מרי־דאתרא׳ס פון די אָנגעזעענסטע שטעט. און היינט די חסידישע רביים, דריי אַטוואַצקער מיט דעם הויכן, דאַרן רבין פון דער זרע פון דעם „יד הקדוש". באַגלייט פון זייערע מקורבים, גבאים, שמשים, אייניקלעך און איידעמס, גייט די הייליקע כּנופיה צוזאַמען און איז טאַקע דאָ אויפן אָרט זיך מפלפּל אין לערנען, וואָרעם קיינער האָט נאָך נישט געזען אַזאַ פאַרזאַמלונג קיין עין־הרע, פון גאוני־הדור. טייל פון זיי זיינען געגאַנגען אין טלית און תפילין, מיט סדורים און ספרים אונטער די אָרעמס; טייל זיינען געגאַנגען בדחילו־ורחימו, מיט דערפאַלג און ליבשאַפט, אַזוי ווי זיי זיינען נפטר געוואָרן. מען האָט אָנגעזען אויף זייערע פּנימער די גרויסע כּוונה אָנצוהעפטן זיך אָן דער „שכינתא דקודשא ברוך הוא". אַנדערע זיינען געגאַנגען און זייערע קעפּ זיינען געווען אין הימל, זייערע אויגן פאַרמאַכט, זייערע הענט אויפגעהויבן, אינגאַנצן אויפגעגאַנגען אין „אחד". אויף פיל פּנימער איז פשוט געווען אויסגעגאָסן דער זיו־השכינה (דער שיין פון דער שכינה). מען

האָט אָנגעזען אין זייערע פֿינקלדיקע אויגן דאָס ליכט, וואָס זיי האָבן דערזען בשעת זיי האָבן געאײנציקט דעם רבונו של עולם ביי יציאת נשמה. זייערע אויגן האָבן געשיינט און געלויכטן פֿון לויטער פֿרייד ווי ביי דעם אָנבליק פֿון דער שכינה, וואָס האָט זיך באַוויזן צו זיי אין שוואַרצע שלייערן, איידער זיי האָבן די אויגן פֿאַרמאַכט, ממש ווי די בתולות, וואָס גייען פֿאַראויס.

און וואונדער איבער וואונדער... זע, די וואַרשעווער באַפֿעלקערונג מאַכט נישט קיין חוזק פֿון זיי, מאַכט נישט קיין חזיר־אויער פֿון דער פֿאָלע פֿון ראָק, שרייט נישט נאָך „זשידזשי פּאַרכי — דאָ פּאַלעסטיני", רופֿט נישט נאָך „ביילים". נאָר פֿון קליין ביז גרויס פֿאַלן זיי אַלע אויף די קני, גראָבן איין די פּנימער אויף די בריסטן, הויבן די הענט צום הימל; פֿון טייל קולות רייסט זיך אַ כליפּן אַ געוויין; אַנדערע צלמען זיך, נאָך אַנדערע שטרעקן אויס די הענט צו די רבנים און בעטן זיך: „אָ, זנאַטליווע ראַביני, זייט אונדז מוחל פֿאַר די חרפּות און בושות, פֿאַר דער פֿאַרשעמטקייט און פֿאַר די עוולות, וואָס מיר זיינען באַגאַנגען קעגן אייך. מיר האָבן נישט געוואוסט ווי אייך צו שעצן".

און נאָך די רבנים גייען די העברעאישע סופֿרים און געלערנטע, די יידישע דיכטער, קינסטלער, זשורנאַליסטן, שרייבער־מיטאַרבעטער פֿון די גרויסע יידישע צייטונגען, די פּראָפֿעסאָרן פֿון יידישן אינסטיטוט ביי דער טלאָמאַצקער שול, די לערער פֿון די העברעאישע גימנאַזיעס, די לערער פֿון די יידישע שולן, די גאַנצע אינטעליגענץ פֿון וואַרשע.

ווער איז דאָרט ניטאָ צווישן זיי?

אין שפּיץ פֿון דעם אָנגעזעענעם קאָמיטעט, וואָס צווישן זיי געפֿינען זיך די פּני פֿון דער וואַרשעווער אינטעליגענץ, גייט דער „אַרי שבחבורה", דער „קדוש וטהור", ר' הלל צייטלין, דער גייסטיקער מנהיג פֿון פֿרומען פּוילישן יידנטום, וואָס איז געווען לויטער גייסט און וואָס זיין רעליגיעזע השפּעה אויף דער יוגנט

איז געוועזן מעכטיק. שוין זיין דרויסנדיקער אויסזען איז ווי פֿון אַ נביא: זיינע רויט־ווייסע שטייענדיקע האָר אויפֿן קאָפּ, זיין הדרת־פּנימדיקע רויטע באָרד און זיינע אייביק־פֿאַרחלומטע, אייביק־גלאַנציקע גרויסע אויגן, וואָס עס דאַכט זיך, אַז זיי זעען פֿאַרהוילענע וועלטן. אַ הייליק פֿייער ברענט אין זיינע גלידער — „כל עצמותי תאמרנה"... אַזוי האָב איך אים געזען דאָס לעצטע מאָל.

ער גייט מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, רעדט עפּעס צו זיינע חברים — און אַלע האָרכן זיך איין צו אים. ער ברענגט אַ פֿאַרהוילטן מדרש, פֿול מיט רמזים, אַ שטעל פֿון „זוהר", אָדער פֿון אַן אַנדער קבלה־ספֿר, וואָס ער פּאַסט צו אויף דער היינטיקער צייט.

נאָך אים באַלד גייט דער שטילער בנעימותדיקער איירָאָפּעאיש־געבילדעטער גרויסער געלערנטער, פּראָפֿעסאָר באַלאַבאַן. זיינע מאָנומענטאַלע געשיכטלעכע ווערק וועגן לעמבערג, וועגן קראָקע, זיין „פֿראַנק און די פֿראַנקיסטן", זיינע הונדערטער עסייען איבער יידישער געשיכטע האָבן אים געמאַכט פֿאַר דעם באַדייטנדיקסטן היסטאָריקער פֿון פּוילישן יידנטום. מיט אים פֿירט אַן אייביקע דיסקוסיע אונדזער אייגענער ליבער ד"ר שיפּער. — ד"ר שיפּער, וואָס באַדאַרפֿט איר זיך מישן אין פּאָליטיק? איר זייט אַ געלערנטער, דער פֿאָרשער פֿון יידישן עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן. איר זייט אַ קולטור־טרעגער, לאָזט גרינבוימען פֿירן דאָס רעדל אין קאָלאָ — אָ, ד"ר שיפּער, ווי בענק איך נאָך אייך!

גאָר אַן אַ זייט, ווי פֿאַר זיך פֿאַרטראַכט, גייט פּראָפֿעסאָר שטיין, דער באַשיידענער, צניעותדיקער געלערנטער פֿון יידישן אינסטיטוט, חברים, וואָס קענען און ווייסן אַ העלפֿט, וואָס ער, וועגן דער אַלט־גריכישער ליטעראַטור, שמ'ען אין דער וועלט. און אָט־דאָס דינע, קליינע מענטשל האָט אָנגעשריבן די בעסטע

מאָנאָגראַפּיע וועגן דעם גריכישן פֿילאָזאָף פֿילאָ אין העברעאיש, די בעסטע, וואָס עס געפֿינט זיך אין אַלע לשונות.

און היינט די יינגערע, די אייגענע חברים, דיכטער, שרייבער, ברידער פֿון דער פען, גאַנץ טלאָמאַצקע, מיט חבר קאַווע אין שפּיץ. אַ, טייערע און געליבטע ברידער, וואָלט איך געווען דאָרט, וואָלט איך זיך מיט אייך געפֿונען. און היינט געפֿין איך זיך אויך צווישן אייך. איך גיי מיט אייך, צווישן אייך, מקבל־פּנים צו זיין די אַריינמאַרשירנדיקע באַפֿרייאונגס־אַרמייען.

ברידער־חברים, היטלער איז טויט. מיר טאַנצן אויף זיין קבר, ווי איציק פֿעפֿער זינגט. יאָ, מען מעג שוין, מען מעג שוין, ברידער־חברים, פֿעפֿער איז אַן אונזעריקער. קומט, לאָמיר זיך אַלע געבן די הענט! חברים זיינען מיר אַלע, מיר געהערן צו איין פֿאַליצע ביכער. ווער עס וועט אונדז אַריינגעמען, ווער עס וועט אונדז אַרויסוואַרפֿן — זיי זיינען אַלע געשטאַרבן מיט אייך און מיר אַלע לעבן מיט אייך אין יידישן גייסט, אין דער יידישער ליטעראַטור.

און ווייטער גייט די וואַרשעווער יידישע באַפֿעלקערונג. זעט זיי, קוקט זיי אָן: די פּני, די אַריסטאָקראַטיע, די סוחרים פֿון נאַלעווקיס, פֿון גענשע, דאַוועגנער פֿון טלאָמאַצקער שול און צילינדערס פֿון „משהם גלויבן", וואָס דרשענען פּויליש, אין יום־כּפּור אַריין, ביז צו די ציוניסטן פֿון נאַזיק שול, סוחרים, באַנקירן, וועקסל־אויסטוישער, עקספּעדיטאָרס, אייזן־הענדלער, זעט זיי „חצי שלי, חצי שלך", האַלב צו גאָט, האַלב צו מענטש. מען האַלט אויס אַ „הצפֿירה", מען קויפֿט אַ שקל, מען שטיצט אַ חדר מתוקן, דעם אייגענעם זון אָבער שיקט מען אין פּוילישער גימנאַזיע — צוליב „פּראַוועס", די טאָכטער — אין אַ פּוילישער שול. נאָר נישט קריטיקירן. אַלץ איז פֿאַרביי. איצט גייען מיר די רויטע אַרמיי מקבל־פּנים זיין, דעם גרויסן חשבון מיט היטלערן מאַכן. אַלע זיצן מיר ביים טיש. קומט אַהער, יידן־אַסימילאַטאָרן, יידן־ציוניסטן, יידן בכלל, גלאַט אַזוי, און מאַכט פּלאַץ,

„פנו דרך": דער „בונד" קומט צוגיין, דער עלטערער און דער „יינגערער", קאַמאַשן-שטעפּער מיט שטעקעלעך אין די הענט, מיט גומענע קראַגעלעך, טריקאָ-וועבער מיט איינגפאַלענע ברוסטן, מיט נעז און העלדזער פאַרלייגט פון דער פייכטקייט פון די קעלער-שטובן. און היינט סוביעקטן, סוביעקטן, סוביעקטן אָן אַ שיעור: בוכהאַלטער מיט ווייסע קראַגעלעך — פאַר צוויי הונדערט זלאָטעס אַ חודש אַ שוויגער מיט אַ קראַנקער מאַמען אויסצוהאַלטן; דערצו גיט מען אָפּ פּאַר אַלערליי נויטן — פון דער אייגענער פּאַרטיי ביז דעם אויסהאַלט פון דער יידישער גמינע. הונגער בייטאָג, קעלט ביינאַכט, לעבט מען מיט דער איין-איינציקער האָפענונג, מיט דעם „אידעאַל", וואָס די פּאַרטיי גיט. קריגט זיך נישט, איך בעט אייך, מיט אייערע ברידער פון דער פּועלי-ציוניסטישער פּאַרטיי, זעט, זיי קומען אויך אָן, פּועלי-ציוניסטן פון אַלע ריכטונגען, פון „השומר הצעיר" ביז זרובבלם לינקע, פון פּועלי-ציון די פרומע ביז צו די „קאַזיאָנע", וואָס שטייען אונטער דער גרינבוים-שיפּער-השפּעה. קריגט זיך נישט מיט אַן אַנדער, איך בעט אייך, היינט לאָזט אָפּ, היינט איז „הרת עולם", היינט גייען מיר אַלע צוזאַמען... און זעט, זעט, ביי אונדז אַלעמען זיינען דאָך שוין פליגלען אויסגעוואָקסן. מיר האָבן דאָך שוין דאָס אונדזעריקע אויסגעפירט. האָבן מיר נישט געקאָנט אויף איין ערד זיין, געפינען מיר זיך אַלע צוזאַמען אין הימל. ווי עס זאָל נישט זיין, אין איין קאַלך-אויוון האָבן מיר זיך אַלע געברענט. היטלער האָט אונדז אַלע אין פייער-אויוון געוואָרפן, די יידישע געשיכטע האָט אונדז אַלעמען אין די הימלען אויפגעהויבן.

*

איצט ערשט קומט „אַמכאָ", דער „המון-העם". און ווער איז דאָ ניטאָ? שוואַרץ זיינען די גאַסן, ווי איין גרויסער ים מיט קעפּ און הענט. זעט די קעפּ: מיט חסידישע שטריימלעך, סאַמעטענע היטעלעך, קליינע דאַשיקלעך, קאַפּעליושלעך און

בלויזע האָר פֿון די מאָדערנע נייע, פֿון די וועגעטאַריאַנער, וואָס גלויבן אין נאַטור. זעט, זעט, ווער עס איז דאָ נישטאָ — גאַנץ וואַרשע. חסידישע היטלען, פּונקט ווי אויף דער ווי־נער באַנהויף בשעת דער גערער רבי פֿאָרט אין באָד; קאַפּע־ליושלעך און נאַקעטע קעפּ, פּונקט ווי אויף אַ בונדיסטישער מאַניפֿעסטאַציע דעם 1טן מאַי. פֿון די טרעגערס אויף קראַכ־מאַלנע און פֿאַרן גזשיבאָוו, מיט שטריק אויף די פּלייצעס, מיט ציין, אויסגעהאַקטע אין געשלעגן, מיט קללות אויף די ליפּן: „איך וועל היטלערן די בעבעכעס אויפּטרענען, וועל זיינע אָדערן טרייבערן" — ביז צום צוריקגעהאַלטענעם פֿרומען יידן, דעם סאָכאַטשאָווער חסיד אויף די פֿאַרקרימטע ליפּן אין דער גרויסער באָרד; שטייט בדחילו־ורחימו ווי אין רבים הויף און שאָקלט זיך. אַלע זיינען זיי דאָ.

און היינט די ווייבער. קוקט זיי אָן. פֿון שטערן־טיכלעך מיט פֿליטער־פֿעדערן פֿון אַלטע ציטן ביז צו אייגענע האָר; פֿון חסידישע הויבן מיט אַטלאַס־בענדלעך ביז צו בערעט־היטעלעך אַ לאַ פּאַריז. ווייבער פֿון דער חברה „שומרי־שבת", וואָס גייען איבער די הויפֿן אַרום און זאַמלען חלהס איינצוטיילן פֿאַר אָרע־מע לייט, ביז צו די אַריסטאָקראַטקעס פֿון דער „דאָבראָטלי־וואָשטש" — טאָוואַזשיסטוואָ דליאַ סטאַראָ זאַקאָנניך". טייל פֿון זיי האַלטן קינדער אויף די הענט, די אָרעמע ביי די בריסטן — דו פֿאַרשטייסט, דער גראָבער המון — אַנדערע אויפֿן אויער געזאָגט, קינדער אין די בייכער. אַלע זיינען זיי דאָ. אַלע זיינען זיי געקומען, האָבן אָנגעפֿילט די גאַסן, אָנגעפֿילט געדיכט, אָנגע־פּראָפּט, אַז עס דאַכט זיך, אַ שפּילקע איז נישט צו וואַרפֿן צווישן זיי.

צום סאַמע לעצט איז אָנגעקומען אַ קאָלאָנע אין גלייכע דיסציפּלינירטע רייען. ווי מיליטער־לייט האָבן זיי פּאַראַדירט — אָן אוניפֿאָרמען, האַלב־נאַקעט, די לייבער באַדעקט מיט וואונדן. האַלט אײַן דעם אָטעם, שטייט שטיל, די קעפּ אַראָפּגעבויגן, טיף

פֿאַרנייגט צו דער ערד, פֿאַר די העלדן־קדושים, וואָס מאַרשירן איצט פֿאַרביי. גענעראַל קלעפּפֿיש פֿאָראויס פֿאַר זיי — אַ לאַך אין האַרץ פֿון אַ דייטשער קויל אָנשטאָט אַ מעדאַל טראָגט ער מיט צניעותדיקן שטאָלץ, פֿאַרגליווערט ווי אַ רענדל פֿון בלוט. אין דער האַנט אַ רעוואָלווער, אַזוי פֿירט ער דעם מאַרש. רעכטס און לינקס גייען מיט מיט אים צוויי גענעראַל־אַדיוטאַנטן — שלמהלע דער שומר־הצעיר און איציק רויטער דער באָלשעוויק. איך האָב זיי ביידן געקענט. ווי קלעפּפֿיש, דער בונדיסט, זיינען שלמהלע און איציק געווען נישט קיין פּראָלעטאַריער, נאָר „טאַטנס זין". איך וועל זייער יחוס אויסרעכענען אַן אַנדערש מאָל. איצט לאָזט מיר דערציילן וועגן דעם פּאַראַד, וואָס זיי פֿירן אָן.

פֿאָראויס פֿאַר זיי די פֿאָן, וואָס האָט געפֿלאַטערט פֿון דעם ברענענדיקן דאַך ביז דער לעצטער מינוט אין בלוי און ווייס. געלעכערט פֿון קוילן, צעריסן אין פּאַסן, באַפֿלעקט מיט בלוט, פֿלאַטערט זי איצט מיט כּבוד און גלאָריע, קיין שונאס האַנט האָט זי נישט מטמא געווען. ביז צו דער לעצטער מינוט, ביז צום לעצטן אָטעם האָט זי פֿון פֿייערדיקן דאַך געפֿלאַטערט. און ווען דער דייטש האָט צו איר דערגרייכט, האָט יעקל דער קאַמאַשניק, פֿון קליינעם „בונד" אַ יאַט, געגעבן זי אַ כאַפּ, צו זיין פֿאַרבלוטיקטער ברוסט אַ דרוק — און איז מיט איר צוזאַמען אין פֿייער געשפּרונגען. די פֿאָן און זיך געבראַכט אומבאַפֿלעקט פֿאַרן „כסא־הכבוד" אַליין.

איצט פֿירט ער זי. יעקל דער קאַמאַשניק, פֿון קליינעם „בונד" אַ יאַט, דער בויך ביי אים געעפֿנט פֿון אַ דייטשער קאַנאָנען־קויל, דער קאָפּ אין באַנדאַזשן. פֿון ביידע זייטן — כּבוד־באַגלייטער פֿון דער פֿאָן — נעכאַמע די חלוצטע און באָרענשטיין דער קאָמוניסט.

נעכאַמע די חלוצטע האָט עס געהאַלטן אין איין מונטערן: „עם ישראל חי", בשעת אַמוניציע האָט זיך אויסגעלאָזט און

חברים, געבאָדן אין קאַלוזשעס בלוט, זיינען געלעגן פאַרשפּרייט אַרום — און איך „עם ישראל חי" האָט מחיה-מתים געווען.

באָרענשטיין, מיטן פּאַרטיי-נאָמען „וויכער", דער דאַרער, בלייכער, אויסגעטריקנטער יונגערמאַן, האָט ווי אַ שטורעם זיך געטראָגן דורך די דייטשישע רייען. אַ „רואה ואינו נראה" געווען די גאַנצע צייט, האָט געשלייכט זיך ווי אַ שאָטן דורך די טויערן און רעוואָלווערן און קוילן געשמוגלט אין געטאָ אַריין. איינמאָל אָבער האָבן די דייטשן אים געכאַפּט און פּשוט פון זיין לייב אַ זיפּ געמאַכט. איצט האָט ער אַלע זיינע וואונדן צוזאַמענגעבונדן — און מיט דעם שמייכל פון זיג גייט ער באַשיידן ביי דער זייט פון דער פאָן, צוהינקענדיק אויף אַ פוס. אַלע וואונדן, אַלע לעכער, וואָס דייטשישע מעסערס האָבן געשניטן אין זיין לייב, צוזאַמענגעלאָטעט, נאָר דאָס קרומע פיסל, באַקומען אין פּוילישן קאָנצענטראַציע-לאַגער ווי אַ „ייד-באָלשעוויק", האָט ער פאַר זכּרון זיך איבערגעלאָזט...

אַזוי פאַראייניקט, ציוניסט, בונדיסט, קאָמוניסט, אַרום דער יידישער פאָן אין דער שלאַכט פון דער געטאָ, מאַרשירן זיי איצט פון די בלעטער פון דער יידישער געשיכטע אַראָפּ נאָכן טויט. אַ וואָרנונג פאַר דעם היינט, אַ טרייסט פאַר דער צוקונפט.

און ווי די פירער, אַזוי גייען די מאַרטירער-העלדן, געשלאָסן אין די רייען, אַקוראַט ווי זיי האָבן צוזאַמען געקעמפט פון די שפּאַלטן, פון די לעכער, פון די קעלערס און די דעכער. ציוניסט, בונדיסט, קאָמוניסט, פרומער ייד, חסיד און „דייטש" — אַלע אויסגעמישט, יעדער איינער פון זיי געחתמעט מיט דער חתימה פון קידוש-השם פון דער „פמליא של מעלה" אַליין. יעדער איינער פון זיי איז אויסגעצייכנט מיט די לעכער פון דייטשע ביקסן-קוילן, וואָס האָבן דורכגעזיפּט זייערע לייבער. פון אַלע וואונדן טריפן טראָפּנס בלוט. בונדיסט, ציוניסט, קאָמוניסט — דאָס בלוט איז איינס, יידיש בלוט. איין גזלן האָט עס פאַרגאָסן. דער קרבן איז איינער, דער שונא איז איינער, די נקמה איז איינע, דער

נצחן איז איינער, די נחמה, די ישועה, די דערלייזונג איז איינס, דער עבר איז איינער און דער עתיד איז איינער: עם ישראל חי!

און נאָך זיי גייט איינע אליין אַ מוטער אַ יידישע. אַ הויכע אין געשטאַלט, איינגעהילט אין אַ שוואַרצן טוך, האַלט זי אַ טויט קינד אין די הענט — און עס הערט זיך פון דעם שוואַרצן טוך אַרויס אַ קול, דין און שטיל ווי אַ טויב, אַ יללה פאַר זיך אַליין. ווי די מוטער רחל, טענהט זי זיך פאַרן רבונו של עולם אויס. זי האָט נאָר איין איינציק וואָרט צו זאָגן: „אברהם אָבינו האָסטו נאָר אויף נסיון געשטעלט, פון מיר האָסטו דעם גאַנצן קרבן פאַרלאַנגט”. און דאָס איז גאָר, וואָס זי האָט געהאַט צו זאָגן.

און מיט דעם האָט דער מאַרש פון די טויטע זיך אָפּגע־שלאָסן — און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש פון די לע־בעדיקע.

*

מיטאַמאָל זיינען אַלע פאַרשוואונדן. אַלץ איז געווען ווי אַ חלום, וואָס האָט זיך געחלומט. פאַרשוואונדן זיינען די דעפּוטאַ־ציעס, פאַרווישט איז געוואָרן דער ים קעפּ, גלייך זיי וואָלטן נישט געווען. דאָס גאַנצע וואַרשעווער יידנטום איז געפּלויגן אין דער לופטן און געלאָזט די ערד פריי.

שטיל איז געוואָרן די לופט. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס איינזאַמע קלינגען פון די גלאָקן, שאַפענס טרויער־מאַרש. און די גלאָקן האָבן אַן עכאָ אָפּגעשלאָגן אין דעם מאַרש פון די טריט, און די טריט פון די אַריינמאַרשירנדיקע אַרמייען.

פּלוצלונג איז פון אַ הינטער־געסל אַרויסגעקומען אַ קליינע גרופּע מענטשן, מענטשן אין צעריסענע קליידער, באָרוועסע, מיט צעפּאַטלטע האָר. מוטערס, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי משוגעים, מיט פלאַמענדיקע אויגן, מיט קראַנקע קינדער אויף די הענט, ביי די הענט; פאָטערס אַליין, יונגע און עלטערע, טייל מיט ביקסן, פאַרוואָרפן אויף די פּלייצעס, מיט צעשויבערטע

האָר, מיט צעפּלאָשעטע בערד; שטיקער בלוטיקע לייבער האָבן אַרויסגעקוקט פֿון די צעריסענע טראַנטעס, די נאַקעטע פֿיס פֿאַרבלויטיקט, צעהאַקט אָן שטיינער, טייל פֿאַרבונדן מיט שמאַטעס. די קינדער, וואָס האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך די עלטערע, זיינען געווען ווי קליינע חיהלעך; מיט צעשראָקענע אויגן האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט ווילד, ווי מיט אימה, צי עס קומט נישט ווער נאָך זיי.

אַזוי איז די גרופּע דערשראָקענע מענטשן, ווי אַרויסגעגראָבענע פֿון קברים, אָנגעקומען — און זיי האָבן זייערע ציטערדיקע הענט אויסגעשטרעקט אַנטקעגן די מאַרשירנדיקע אַרמייען.

אַלץ איז שטיל געוואָרן און אַלץ האָט זיך אָפּגעשטעלט. די מוזיק האָט אויפֿגעהערט צו שפּילן, די קירכן־גלאָקן צו קלינגען. דער פֿאַראויס־רייטנדיקער גענעראַל אויף זיין ווייסן פֿערד האָט געגעבן אַ קאָמאַנדע און דער מאַרש פֿון די אַריינציענדיקע אַרמייען איז געבליבן שטיין. דאָס ביסל פּאַליאַקן, וואָס האָט אָנגעפֿילט די פּאָר פֿאַרבלוטיקטע גאַסן, האָט זיך אָפּגערוקט, געמאַכט פּלאַץ פֿאַר דער גרופּע קראַנקע מענטשן אין שמאַטעס, מיט צעבלוטיקטע לייבער, מיט צעשראָקענע אויגן, און געשעפּטשעט צווישן זיך:

— דאָס איז דער רעשט פֿון די יידן אין וואַרשע.

דער אָנפֿירנדיקער גענעראַל איז אַראָפּ פֿון זיין פֿערד און האָט זיך טיף פֿאַרבויגן פֿאַר דער גרופּע פֿאַרבלוטיקטע מענטשן.

— איך בויג מיין קאָפּ — האָט ער געזאָגט — פֿאַר די יידישע מאַרטירער פֿון פּוילן. איר זייט דער העכסטער קרבן, אָבער צוגלייך אויך די גרעסטע העלדן פֿון היטלערס מלחמה. מיט אייער זיין און אייער אויסדויער האָט איר געוואונען די מלחמה קעגן היטלערן.

נאָך אים זיינען צוגעקומען די גענעראַלן פֿון די אַנדערע באַפֿרייאונגס־אַרמייען פֿון די פּוילישע אַרמייען. זיי האָבן זיך אויך פֿאַרבויגן פֿאַר דעם רעשט יידן און געזאָגט:

— וואַרשע וועט נאָך לעבן — מיט אייך. אָן יידן איז נישטאָ קיין וואַרשע. פּירט ווייטער אָן!

און מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שטים. עס איז געווען די שטים פֿון דעם האַלבן מיליאָן יידן אין וואַרשע, די שטים פֿון די דריי מיליאָן יידן אין פּוילן. פֿון ניט־אָנגעזעענע ספֿערן האָט די שטים אַראָפּגענידערט אויף דער ערד, די שטים פֿון דער גאַנצער יידישער באַפֿעלקערונג, וואָס האָט געלעבט אין פּוילן, פֿון אַלע רבנים, גוטע יידן, שרייבער, כּלל־טוער, גנבים, שטאַרקע, שלעגער, פּראָסטע יידן, חסידים, קאָמוניסטן, בונדיסטן, ציוניסטן, פֿון אַלע ווייבער און קינדער, וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם דורך היטלערס „אַרבע מיתות". די שטים האָט גערופֿן און געזאָגט:

„יידן פֿון פּוילן, אין אייער בלוט איז איינגעקנאָטן יידישע געשיכטע פֿון טויזנט יאָר. אין אייערע הערצער שלאָגט דער דופּק פֿון דורות למדנים, רבנים, שרייבער, פֿירער. דער יידישער גורל הענגט אָפּ פֿון אייך. איר זייט דער רעשט פֿון אונדז אַלעמען. איר מוזט לעבן. איר וועט לעבן און אין אייך לעבן מיר אַלע!"

און אַ נאָכרוף האָט זיך דערהערט פֿון אומבאַקאַנטע שטימען, פֿון הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען פֿאַרפּייניקטע פּוילישע מענטשן, וואָס האָבן גערופֿן צו די יידן:

„יידן פֿון פּוילן, מיר זיינען פֿאַרפּייניקט געוואָרן פֿאַר אַ פֿרייער פּוילן, נאָר אָן אייך איז נישטאָ קיין פּוילן. לעבט ווייטער!"